STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05115

DROSHES FAR ALE

R. M. Zalmanovits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דרשות פאר אלע

פארפאסט און באארבייט

—— פון ——

הרב הגאון ר"מ זאלמאנאָוויץ

(מו"צ בווילנא)

אַ זאמלונג פון דרשות אין אידיש צו האלטען ביי יעדע געלעגענהייט, ווען מען וויל עפּעס זאָגען פאר'ן עולם.

צוזאַמענגעשטעלט און צוגעגעבען

פון

ב. פרנס

סטאַר היברו בוק קאָמפּאַני

54-58 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק

STAR HEBREW BOOK CO.

54-58 Canal Street, New York

COPYRIGHT, 1929,
BY THE STAR HEBREW BOOK CO.
NEW YORK, N. Y.

הקדמה

עס ווערט געזאָגט אין דער הקדמה פון כמעט יעדן דרוש ספר, אז דער ספר איז ניט געמאכט געוואָרן מיט דער כונה, אז דער וואס וויל האלטן א דרוש זאָל עס איבערזאָגן וואָרט ביי וואָרט, ווי א בר-מצוה בחור זאָגט זיין דרשה. יעדער מחבר ערקלערט, אז זיינע דרשות זיינען נאָר א „חמר לדרוש", מאטעריאל און שטאָף, פון וואנען ערשט אויפצובויען אן אייגענעם דרוש.

און ווירקלאך, עס איז אוממעגלאך צו פארפאסן א דרשה, וואס זאָל קענען איבערגעזאָגט ווערן „ווי זי שטייט און גייט". א דרשה איז ניט קיין ערציילונג, וואס דער אינהאלט ליגט אין דעם ספור המעשה, אין די פאסירונגען. א דרשה איז מוסר, מען זוכט מיט די רייד באַ-איינפלוסן דעם צוהערער, אין אים דערוועקן זיין געוויסן און אים לערנען גוטע מדות. אויף א מענשן קען מען ניט ווירקן מיט רייד אליין, זיי מעגן זיין ווי קלוג, נאָר אויך מיט'ן טאָן, אויסדרוק און תנועות.

עס איז אלעמען באקאנט, אז די בארימטע מגידים, וועלכע פלעגן פאר'כשופ'ן דעם עולם און אים ברייננען צו שרעקלאכע גע-וויינען און אמאָל אויך אים מאכן הארציק לאכן, האָבן עס ניט אויפ-געטאָן בלויז מיט זייערע טיפע רייד, נאָר אויך מיט זייערע געזאנגען, מימיק און מיט דער קונסט פון אילוסטרירן, פארשטעלן זאכן ווי לע-בעדיקע, פאר די אויגן.

ווען אין א ספר קען ניט אריינגעבראכט ווערן דער טאָן פון דרשן, פעלט שוין במילא די נשמה פון דער דרשה, און די רייד קענען אנדערש ניט באטראכט ווערן, ווי נאָר אלס שטאָף צו א דרשה, מיט וועלכע א טיכטיקער דרשן קען באגייסטערן דעם עולם.

אויב דאָס ווערט געזאָגט ביי אלע דרוש ספרים, פאַרדינט דער ספר געוויס מיט רעכט צו דינען אלס חמר לדרוש. עס זיינען אין אים דאָ אן אוצר פון רייכע מאטריאל פון וואנען צו שעפן א רעיון צו אלע צייטן פון יאָר ווי אויך צו די געלעגנהייטן פון פרייד און לייד אין

לעבן אלס איד און מענש. מען קען אין דעם ספר געפינען ו ו ע ג ן ו ו אָ ס צו זאָגן און טאקע ו ו אָ ס צו זאָגן. דער מחבר ווייזט גרויסע בקיאות אין מדרש און אגדה, און יעדער רעיון איז געפלאָכטן מיט מאמרי חז"ל און דברי אגדה.

חוץ אָבער אלס שטאָף פאר א רב און דרשן, זיינען די דרשות אויך געצילט פאר דעם אלגעמיינעם עולם. א איד, א בעל־הבית, וועלכער איז נאָר ניט קיין עם הארץ, וועט הנאה האָבן ארייננצוקוקן אין דעם ספר און פיל פון אים לערנען.

אויסער די דרשות פון הרב המחבר זאלמאנאָוויץ, האָט דער שרייבער פון דיזע שורות, לויט דעם אויפטראג פון די פארלעגער, אין דעם ספר צוגעגעבן נאָך פיל דרשות, דיזע דרשות זיינען באַ־צייכענט מיט *).

די דרשות זיינען גענומען פון די בעסטע דרוש ספרים. עס קען דאָ לײדער ניט אויסגערעכנט ווערן די נעמען פון יענע ספרים, ווייל יעדע דרשה איז אויפגעבויט פון אייניגע דרשות פון באזונדערע ספרים. פון יעדן ספר ארויסגענומען בלויז דעם תמצית און איבער־געלאָזן די זייטיקע רייד.

צום סוף פון ספר זיינען צוגעגעבן געוואָרן א רייהע „קורצע רעדעס" פאר אלע געלעגענהייטן, פאר דעם פשוט'ן אידן, וועלכער זוכט ניט צו זיין א דרשן און האָט קיין צייט ניט זיך צו גריבלען אין דרוש פון טיפע רעיונות, ער וויל בלויז זאָגן א פּאָר ווערטער מענינא־דיומא, און פאר אים זיינען טאקע די רעדעס געמאכט געוואָרן אויף איבערצוזאָגן וואָרט פאר וואָרט.

וועגן דעם איכות פון די דערמאנטע רעדעס וויל איך נישט ריידן. איך לאָז עס איבער פאר די וואָס וועלן זיך מיט זיי באנוצן.

ב. פּ ר נ ס.

אינהאלט:

זייט

דרשות לראש השנה — — — — — — — — — — — — 5-18
דרשות לשבת-שובה — — — — — — — — — — 19-25
דרשות ליום כפור — — — — — — — — — — — 26-31
דרשות לסוכות — — — — — — — — — — — — 32-38
דרשה לשמיני עצרת — — — — — — — — — — 39
דרשה לשמחת-תורה — — — — — — — — — — 42
דרשה לט״ו כסליו — — — — — — — — — — 45
דרשה לחנוכה — — — — — — — — — — — — 49
דרשה לפרשת-שקלים — — — — — — — — — 56
דרשה לפרשת-זכור — — — — — — — — — — 59
דרשה לפורים — — — — — — — — — — — — 62
דרשה לפרשת-פרה — — — — — — — — — — 65
דרשה לפרשת-החודש — — — — — — — — — 68
דרשה לשבת הגדול — — — — — — — — — — 70
דרשה לחג הפסח — — — — — — — — — — — 73
דרשה לשבת חול המועד פסח — — — — — — — 78
דרשה לשביעי של פסח — — — — — — — — — 81
דרשה לל״ג בעומר — — — — — — — — — — 84
דרשות לחג השבועות — — — — — — — — — 87-96
דרשה לשבת חזון — — — — — — — — — — — 97
דרשה לתשעה באב — — — — — — — — — — 100
דרשה לשבת נחמו — — — — — — — — — — 104
דרשה ליום כפור קטן — — — — — — — — — 107
דרשה לשבת שמברכים חדש אלול — — — — — — 111
דרשה לשמחת בית השואבה — — — — — — — — 117
דרשה לחמשה עשר בשבט — — — — — — — — 119
דרשות צו א ברית מילה — — — — — — — — 126-135
דרשה פאר׳ן סנדק — — — — — — — — — — 136
דרשה פאר׳ן קוואטער — — — — — — — — — 138
דרשה לפדיון הבן — — — — — — — — — — 141
דרשה לתנאים — — — — — — — — — — — 148
דרשה לחתונה — — — — — — — — — — — 151
דרשה צו א זילבערנע חתונה — — — — — — — 161
דרשה צו א גאָלדענע חתונה — — — — — — — 166

זייט

דרשהביים קריגן א דיפלאָם — — — — — — — — — — — — — 171
דרשה לחנוכת הבית — — — — — — — — — — — — 174
דרשה לבנין בית-הכנסת — — — — — — — — — — — 176
דרשה לחנוכת בית-הכנסת — — — — — — — — — — — 179
דרשה לסיום ספר-תורה — — — — — — — — — — — — 182
דרשות לחנוך הבנים — — — — — — — — — — 188-194
דרשה ליסוד תלמוד תורה וחדרים — — — — — — — — — 195
דרשה וועגן בויען א תלמוד תורה — — — — — — — — — 198
דרשה וועגן גמילת-חסדים — — — — — — — — — — — 210
דרשה וועגן הכנסת אורחים — — — — — — — — — — — 217
דרשה בעד קמח פסח לעניים — — — — — — — — — — 220
דרשה לאסיפה של רבנים — — — — — — — — — — — 223
דרשה בעד שמירת שבת — — — — — — — — — — — — 230
דרשה להתמנות רב — — — — — — — — — — — — — 236
הדרן על הש״ס — — — — — — — — — — — — — — 243
הדרן על משניות — — — — — — — — — — — — — — 247
הדרן על עין יעקב — — — — — — — — — — — — — 250
דרשה להזכרות נשמות — — — — — — — — — — — — 252
דרשה להקמת מצבה — — — — — — — — — — — — — 256
דרשה להקמת גדר לבית הקברות — — — — — — — — — 263
הספודים — — — — — — — — — — — — — — 266-285

קורצע רעדעס

צו א פאָטערס געבורטסטאָג — — — — — — — — — — — — 286
צו א מוטערס געבורטסטאָג — — — — — — — — — — — — 289
ביי א סעודת מילה — — — — — — — — — — — — — — 291
ביי א בר-מצוה — — — — — — — — — — — — — — — 293
צו א חתונה — — — — — — — — — — — — — — — — 295
פאר א פרעזידענט פון א שול — — — — — — — — — — — 299
ביי א תלמוד תורה באנקעט — — — — — — — — — — — 301
ביים אינסטאַלליישאָן פון א רב — — — — — — — — — — 303
ביי א צאתך לשלום באנקעט לכבוד א פרעזידענט
פון א פאראיין — — — — — — — — — — — — — — 305
ביי א סיום הספר — — — — — — — — — — — — — — 307
ביים לייגן א גרונטשטיין פאר א שול — — — — — — — — 309
צו א גראדיואיישאָן פון א זון — — — — — — — — — — 311
צו א גראדיואיישאָן פון א טאָכטער — — — — — — — — 313
ביים שטעלן א מצבה — — — — — — — — — — — — — 315

א.

דרוש לראש-השנה*)

ונתנה תוקף קדושת היום וכו׳ ומלאכים יחפזון
וחיל ורעדה יאחזון ויאמרו הנה יום הדין וכו׳
וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון.

מורי ורבותי! עס איז היינט דער גרויסער טאָג אין הימל, וואו מען טיילט אוים יעדן איינעם לעבן, פרנסה און אלע הצטרכות אויף דעם גאנצן יאָר. עס פאַרשטייט זיך, אז קיין זאַך גיט מען ניט אומזיסט, נאָר מען דאַרף דאָס קויפן פאר געלט. וואָס זיינען אונזערע געלט? — צדקה ומעשים טובים. לאָמיר זיך אָבער באטראכטן, רבותי, צי פארמאָגן מיר דאָס? צי האָבן מיר די געלט מיט וואס צו קויפן חיים און נאָך חיים של עושר וכבוד? זאָל יעדערער גוט מפשפש זיין אין זיינע מעשים, אריינקוקן אין זיינע באהעלטעניסן פון דעם נפש און זען. מיר וועלן תיכף מוזן מודה זיין רבותי, אז ניין, מיר פארמאָגן ניט קיין גוטע מעשים, נאָר פארקערט נאָך, מיר וועלן נאָך אויסגעפינען, אז מיר זיינען הינטערשטעליג און פארזונקן אין חובות פון שלעכטע מעשים, ווי חלול שבת, מאכלות אסורות, בטול טהרת משפחה, און אזוי ווייטער.

מיר ווייסן דאס גאנץ גוט, און מיר זאָגן טאקע אליין עדות אין אונזער געבעט „מה אנו מה חסדינו מה צדקותינו" „לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך.

אָבער עס איז דאָך א קשיה, מיט וואס פאר א רעכט גייען מיר דאס בעטן פאר א גוט יאָר, ווען מיר האָבן אים ניט צוגע-

גרייט מיט אונזערע מעשים? מיר ווילן נאָך מער די אומגע־רעכטיקייט פון אונזער פארלאנג פארשטיין דורך א משל:

דער מנהג איז אין רייכע הייזער, אז אין עס־צימער, געפינט זיך אויפ'ן טיש אן עלעקטרישער גלעקעל. ווען עס קומט די צייט פון עסן, קלינגט דער בעל־הבית אין גלעקל, און די משרתים איילן און ברייגנען גלייך די שפייז צום טיש. איינמאָל האָט אן אָרי־מאן געזען, אז דער גביר קלינגט מיט א גלעקל און גלייך ווערט עסן צום טיש, איז ער אוועקגעלאָפן אהיים און געמאכט אַזאַ גלעקל. אז עס איז געקומען צום עסן, האָט דער אָרימאן געקלונ־גען און געקלונגען, אָבער קיינער האָט אים קיין עסן ניט גע־בראכט.

אז די ווייב האָט אים געזען קלינגענדיק, פרעגט זי אים וואס טוט ער דאס. האָט דער אָרימאן איר געזאָגט, אז ער האָט געזען ביים גביר, אז ווי מען קלינגט מיט אזא גלעקל, ברייגגט מען גלייך עסן. האָט צו אים די פרוי געזאָגט: „נאַר איינער, ניט דאָס קלינגען ברייגגט דאָס עסן. די גבירים האָבן פריער דורך די משרתים צוגעגרייט אלע שפייז, און דאָס קלינגען איז מער ניט ווי א צייכן, ווען צו ברייגגען, אבער דו, אז דו ביזט אן אָרי־מאן און האָסט ניט צוגעגרייט, וועט דיר דאָס קלינגען גאָר ניט ברייגגען.

דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז, רבותי. די בקשות און די קולות זכרנו לחיים טובים, כתבנו בספר פרנסה וכלכלה, כתבנו בספר סליחה, זיינען מער ניט ווי גלעקלאך, מעורר זיין רחמי שמים און דערמאנען כביכול הקב"ה, ער זאָל אונז געבען אלעס, וואָס אונזערע מעשים האָבן פאר אונז אָנגעגרייט, וויפיל האָבן מיר געלערנט תורה, וויפיל האָבן מיר געגעבן צדקה פאר ישיבות, וואָס האָבן מיר געטאָן פאר הכנסת אורחים, בקור חולים, הכנסת כלה און נאָך און נאָך, אבער ווען מיר האָבן קיין זאך

ניט געטאָן, ווען מיר זיינען ליידיג פון כל דבר טוב און נאָך פאר־קערט באַלאָדן מיט כל דבר רע ח"ו, ווי אזוי קענען מיר פאר־לאנגען, מען זאָל אונז אָפּצאָלן מיט א גוט יאָר פאר דעם אלעם?

אָבער דאָך, מורי ורבותי, דארפן מיר זיך ניט שרעקן, ווייל אנדערש איז דער רבונו של עולם פון א מלך בשר ודם. בנוהג שבעולם, ווען א מענש האָט געזינדיקט און פאר דעם חטא קומט אים משפט מות, קען שוין ניט העלפן, וואס דער חוטא וועט וויינען און קלאָגן פאר'ן שופט, אז ער האָט חרטה אויף זיינע מעשים, אז ער איז אויף זיך מקבל זיין אָרענטליך און וועט שוין קיינמאָל מער אזעלכעס ניט טאָן. אפילו ווען דער שופט זאָל איינזען, אז די חרטה גייט פון טיפן הארצן און די טרערן זיינען אמת'ע און אויפריכטיקע, קענען זיי אויך ניט אָפּמעקן דעם חטא און דער זינדיקער מוז קריגן זיין עונש. ביים מלך מלכי המלכים, אבער, העלפט חרטה און תשובה. אויב איר וועט באמת איינזען אייערע פעלערן, וועט צוגיין אין טרערן, בעטן רחמים און מקבל זיין אויף זיך מער ניט צו טאָן קיין זינד, וועט דער אייבערשטער אָפּמעקן אייערע פריעריקע זינד און וועט זיי פארגעבן.

רבותי, ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, פלעגן די כהנים מקריב זיין פאר'ן פאָלק זבחים ומנחות ונסכים, און די קרבנות האָבן פארגעבן אויף די זינד פון עם ישראל. היינט האָבן מיר ניט קיין קרבנות, אָבער דאָך קענען מיר היינט אויך ברענגען א טייערע מנחה צו גאָט, און דאָס איז — אונזערע טרערן. די קרבנות זיינען „זבחי אלקים רוח נשברה", און ווי דער נביא ישעיה האָט געזאָגט „ואל זה אביט, אל עני ונכה רוח."

לאָמיר דעריבער זיך טאקע דערמאנען אָן אונזערע מעשים און פארגיסן טרערן, בעטן א מחילה ביי גאָט, און די הודאה אליין, דאָס וועט זיין אונזערע געלט מיט וואס מיר קענען בעטן אַ גוט יאָר. הקב"ה וועט אונז גלויבן אויף באָרג, אז מיר וועלן אים אין פארלויף פון דעם יאָר אָפצאָלן מיט אונזערע גוטע מעשים, פאר דעם גוטן יאָר וואס ער גייט דאָ אונז פארשרייבן, און מיר וועלן אלע ווערן נכתבים לחיים טובים ושלום.

———:———

ב.

לראש-השנה.

היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט
כל יצורי עולמים. (פיוט לר"ה.)

דער טאָג ראש-השנה איז אויסערגעוויינלאך פון אלע טעג אין יאָר. אין דעם טאָג ווערט די גאנצע וועלט גע'משפט. עס ווערן באטראכט אלע מעשים פון דעם מענשן, ווי ער האָט זיך אויפגעפירט דעם גאנצן יאָר. די טעג פון ראש-השנה ווערן אָנגערופן ימים-נוראים. זיי ווארפן אויף דעם מענשן א שרעק, ווייל אין די טעג ווערט ארויסגעטראָגן דעם מענשנ'ס שיקזאל פאר דעם נייעם יאָר.

כדי דער מענש זאל ניט פארגעסן, וואו ער האלט אין דער וועלט; אום ער זאל מאכן א חשבון-הנפש און פארריכטן זיין שלעכטע הנהגה אויף ווייטער, בלאָזט מען ראש-השנה שופר. דער מענש, הערענדיק דעם קול-השופר, ווערט אויפגעמונטערט און אויפגעוועקט צו טאָן תשובה. דעריבער דארף דער מענש זייער טייער האלטן די גרויסע מצוה פון תקיעת-שופר און איר באדייטונג, מען טאָר דאָס ניט באטראכטן ווי א שפיל-צייג אָדער ווי עפּעס א מוזיקאלישער אינסטרומענט, א פארצייטיגער, מען טאָר דעריבער ניט שמועסן בעת תקיעות און זיך רעכענען מיט דער הייליגקייט פון דער מצוה.

מיט דעם ווערט ערקלערט דער מאמר חז"ל: „הני תלת מילי אשתני שמייהו מכי חרב בית המקדש וכו' שופר חצוצרתא, חצוצרתא שופר, וכו' (שבת ל"ו, סוכה לד). (פון חורבן בית

המקדש זיינען פארביטן געוואָרן די נעמען, וואָס מען האָט גע־רופן פריער שופר, רופט מען איצט חצוצרה; און וואס פריער האָט געמיינט חצוצרה, רופט מען איצט שופר).

דער געדאנק פון מאמר איז: בשעת דער בית המקדש איז געווען אין אונזער הייליגע לאנד, און דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט רואיק, האָט יעדער טאָג געהאט זיין ארט און זיין באַ־דייטונג. ווען עס איז געקומען ראש־השנה און מען האָט גע־בלאָזן שופר, האָט יעדער מענש געוואוסט, אז דאָס רופט מען שופר, כדי אַנצואווארפן א שרעק אויף אים און אים אויפוועקן מהבלי־הזמן, ער זאל תשובה טאָן ביום־דין*). שפעטער, אין יום טוב סוכות, וואס דאָס איז זמן שמחתנו, האָט מען זיך שוין באַנוצט מיט דער חצוצרה, (טראָמייט), כדי מען זאָל זיך טאקע משמח זיין בחג. מען האָט שוין מער ניט געבלאָזן קיין שופר; אוועק זיינען די ימים־נוראים, דער שרעק פון יום־הדין און מען דארף זיין פריילאך.

אָבער נאָך דעם חורבן בית־המקדש, ווען דאָס אידישע פאָלק איז ארויסגעטריבן געוואָרן פון לאנד, און איז פארוואָגלט געוואָרן אין גלות, לײדענדיק גזרות רעות און אלערליי צרות, זיינען שוין פאַרביטן געוואָרן די נעמען. ווען מען באדארף רופן שופר, ד. ה. ראש־השנה מקיים זיין די מצוה פון תקיעת־שופר, אויפמונטערן דעם אידן תשובה צו טאָן אויף זיינע שלעכטע מעשים, רופט מען

*) מיר געפינען אין תנ"ך פיל מאָל, אז שופר האָט באוויזן אויף אַ שרעקלאכן ענין, ווי צום ביישפיל: וקול שופר חזק מאד ו י ח ר ד כל העם אשר במחנה." (שמות כ'). „היתקע שופר בעיר, והעם לא יחרדו" (עמוס ב'). חצוצרה, דאגעגן, איז שטענדיק געווען אין אַ פריילאכע צייט, ווי עס איז געשריבן „וביום שמחתכם ומועדכם וגו' ותקעתם בחצוצרות" (במדבר), ווי אויך „וישובו כל איש יהודה" וכו' ויבואו ירושלים בנבלים ובחצוצרות וגו' והשיר משורר והצוצרות מחצרים וגו' (דברי הימים ב' כ־כז).

גאָר דעם שופר, חצוצרתא. עס איז גאָר געוואָרן פאררעכענט ווי אַ מין טרומייטאר, א שפילצייג, אויף טאנצן, פריילאך מאכן, אָן קיין אכטונג און מורא פאר דעם יום-הדין.

אויך האָט מען פארביטן דעם נאָמען חצוצרה אויף שופר. אין די פריילאכע טעג פון סוכות, וואס דאמאָלט באַ-נוצט מען די חצוצרה. מען דארף פריילאך מאכן די הערצער און מקיים זיין שמחת-החג, דאמאָלט ווערט עס פארביטן אויף שופר, עס קומען אזעלכע שווערע צייטן פון גזירות און צרות אויף דעם אידן, אז אנשטאָט חצוצרה, אויף פריילאך זיין, הערט מען גאָר שופר, אז די הערצער ציטערן ביי אלעמען אויף פון שרעק און זאָרג.

מיר דארפן דאריבער ניט פארגעסן, אז ווען מיר הערן תקיעת-שופר אום ראש-השנה, מיר זאָלן זיך מעורר זיין צו תשובה אויף אונזערע שלעכטע מעשים פון א גאנץ יאָר. מיר דארפן געדיינקען, אז די קולות גייען ארויס פון א שופר, מיר זאָלן זיך דערמאנען און אויפוועקן. מיר וועלן דערפאר זוכה זיין אין דעם יום-טוב סוכות צו באנוצן די חצוצרה, צו פריילאך מאכן אונזערע הערצער בחג-שמחתנו, און עס וועט זיך אונז ניט דוכטן דאמאָלט ווי מיר הערן א שופר ח"ו. דער שופר מיט דער חצוצרה וועלן צוריק באנוצט ווערן אין זייערע ריכטיקע צייטן, ווי אין זמן שבית המקדש היה קיים. במהרה בימינו, אמן.

ג.

לראש השנה

„ובחדש השביעי באחד לחדש מקרא קדש, וגו'
יום תרועה יהיה לכם. (במדבר כט־א).

דער ערשטער טאָג אין חדש תשרי ווערט פאררעכנט אין דער תורה פאר א יום־טוב פונקט ווי אלע ימים־טובים, ווייל ער איז דער אָנפאנג פון יאָר. אזוי געפינען מיר אויך אין נחמיה (ט), ווען עזרא האָט אין דעם ערשטן טאָג פון חדש תשרי (ראש־השנה) געלייענט פאר דעם גאנצן פאָלק די דיני־התורה פון דעם טאָג, און דאָס פאָלק האָט גע־וויינט און געטרויערט, האָט זיי עזרא געזאָגט „אל תתאבלו ואל תבכו, אכלו משמנים ושתו ממתקים וכו' כי קדוש היום לאדוננו; ואל תעצבו, כי חדות ד' היא מעוזכם. (טרויערט ניט און וויינט ניט; עסט פעטס און טרינקט זיסע געטראנק וכו', ווייל דער טאָג איז הייליג צו אונזער האַר. טרויערט ניט — ווייל גאָטס פרייד איז אייער שטארקייט).

אויך איז דער טאָג באצייכנט מיט א באזונדער מצוה פון תקיעת־שופר, וועלכע באגייסטערט שטארק אונזער פאָלק, און די מצוה ווערט אָפגעהיט ביי אלע שיכטן.

די חכמי־התלמוד באצייכענען אונז, אָבער, דיזן טאָג גאָר מיט א באזונדער דערשיינונג: „בראש השנה העולם נדון וכל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון". (משנה ר"ה טז). אין דיזן טאָג ווערן אלע גע'משפט בבית־דין של מעלה, און עס ווערן דאָרט באטראכט אלע טאַטן פון דעם מענשן, וואס ער האָט אויפ־

געטאָן אין פארלויף פון דעם גאנצן יאָר. דער חדש תשרי ווערט באצייכנט מיט מזל מאזנים (געוויכט), ווייל אין די טעג פון ראש השנה ביז יום־כפור ווערן געוואויגן אלע מעשים און הנהגות פון דעם מענשן. אויב מען געפינט זיינע מעשים פון דעם יאָר פאר באפרידיגט, ווערט ער פארשריבן און גע'חתמ'עט צו א גוטן־יאָר, ווען חס־ושלום ניט, איז די חתימה אויף שלעכט. די חז"ל דריקן זיך אזוי אוים אויף דעם: „שלשה ספרים נפתחים בראש־השנה וכו' צדיקים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים וכו' רשעים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר למיתה. (שם ט"ז). (דריי ביכער ווערן געעפנט אין ראש השנה פון צדיקים, בינונים און רשעים. די צדיקים ווערן גלייך פארשריבן לחיים; די בינונים בלייבן הייגגען; די רשעים — גלייך צום טויט).

דער ענין פון תקיעת־שופר בראש־השנה ווערט דעריבער ערקלערט פון רמב"ם ז"ל און אנדערע ספרים, צו וועקן און צו מונטערן יעדן מענשן פון זיין טיפן שלאָף, אין וועלכן ער איז פארזונקן א גאנץ יאָר בהבלי־הזמן.

אזוי שרייבט דער רמב"ם: עורו ישנים משנתכם, ונרדמים הקיצו מתרדמתכם, חפשו במעשיכם וחזרו בתשובה וכו'. אלו השוכחים את האמת בהבלי־הזמן וכו' והטיבו דרכיכם ומעלליכם ויעזוב כל אחד את דרכו הרע ומחשבתו אשר לא טובה. (פ"ג מ"ה תשובה).

יעדער מענש דארף, אויסער די מצוה פון תקיעת־שופר עפ"י התורה, זיך אויך גוט ארומטראכטן בשעת די תקיעות. ער דארף אָפּגעבן א חשבון־הנפש אין דעם הייליגן טאָג פון ראש־השנה, ווען ער ווערט גע'משפט בבית־דין של מעלה. דען ווען דער מענש איז טיף פארשלאָפן און די תקיעות פון שופר וועקן אים ניט אויף, דאמאָלסט איז שווער צו דערווארטן א גוטן יאָר.

דאָס איז אויך דער געדאנק פון דעם מאמר אין ירושלמי „מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזלי.“ (ווער עס שלאָפט ראש-השנה, פארשלאָפט זיין מזל) דאָס מיינט אויך, ווען דער שופר וועקט ניט אויף דעם מענשן פון זיין טיפן שלאָף, וואס ער איז אריינ־געטאָן אין די הבלי-הזמן, און ער טוט ניט קיין תשובה, פאר־שלאָפט ער זיין מזל אויף דעם גאנצן יאָר.

זאָל יעדער מענש וויסן, וואס ער האָט צו טאָן אין די הייליגע טעג פון ראש-השנה און בעת תקיעת-שופר. ער דארף ניט פאר־שלאָפן דעם שעת-הכושר, און זען טאָן תשובה. דאמאָלט וועלן מיר אלע אידן זוכה זיין צו א גוטן און א גליקלאכן יאָר, צו גע־זונט און פרנסה, גזרות טובות, ישועות ונחמות. אמן.

———:———

ד.

לראש-השנה לפני התקיעות*)

ברוך אתה ד׳ וכו׳ לשמוע קול שופר.

רבותי! דער בעל התוקע שטייט שוין גרייט מיט זיין שופר אין האנט, נאָך א ווײלע און איר וועט הערן די קולות פון תקיעה, שברים ותרועה, וועלכע גייען ארויס פון שופר. אָבער פריער מוזט איר זיך צוהערן מיט גרוים כונה די ברכה פון בעל-תוקע: „ברוך אתה ד׳ אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע קול שופר״.

„לשמוע קול שופר״, אוואו עס שטייט „שמיעה״, מיינט מען ניט דער אויער זאָל הערן, נאָר אויך דער מח און הארץ. מיר זיינען דאָ ביי די תקיעות אויך ניט יוצא, ווען מיר גיבן איבער אונזערע אויערן צום בעל-תוקע, נאָר מיר מוזן איבערגעבן אויך אונזערע מחשבות און געפילן, און פון שופר עפּעס לערנען.

און וואָס צו לערנען איז פאראן א סך.

דאָס ערשטע קענען מיר לערנען פון דער צורה פון שופר. דער שופר איז שמאָל ביים אָנפאנג און ברייט צום סוף, אוואו דער קול גייט ארוים. פשוט איז עס אזוי, ווייל אַנדערש וועט דער שופר ניט ארויסגעבן קיין קול, אבער די זעלבע תכונה באַ-זיצן אויך צדיקים. זייער לעבן איז שמאָל פון אָנפאנג און ברייט צום סוף, בעת דער לעבן פון די רשעים איז פונקט פארקערט, ברייט פון אָנפאנג און שמאָל צום סוף.

די דרשנים האָבן שוין ערקלערט אויף דעם מאמר חז״ל, „זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם,

זקני עמי הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מטורפת עליהם" (קנים פ"ג). דאָס איז דער אונטערשיד פון א נאַטירלאכע זאך ביז א קינסטלאכע. א נאַטירלאכע זאך, למשל, ווען אַן עפּל פאלט פון אַ בוים אויף דער ערד, הויבט עס אָן פאלן לאנגזאם, אבער פון רגע צו רגע, וואס נענטער די עפּל דערנענטערט זיך צו דער ערד, אלץ שנעלער פאלט זי, ווייל די ערד ציט איר; אַ זאך וואס איז, אָבער, קעגן דער נאַטור, ווען איר ווארפט א שטיין צום הימל, לכתחילה פון שטויס פליט עס שטארק און וואס ווייטער, ווערט דער גאַנג שוואכער. ווען מיר ווילן וויסן צווישן דעם דרך הצדיקים און דעם דרך הרשעים, וועלכער פון זיי איז די נאַטיר־לאכע וועג און וועלכע די קינסטלאכע, קען מען עס וויסן דורך דער פראַבע. דער לעבן פון צדיקים איז פריער יסורים דער סוף נחת ושלוה, ביי די רשעים איז פארקערט, פריער פארגע־ניגן אָבער צום סוף יסורים.

אַט דעריבער הויבט אָן דער בעל תוקע מיט די ווערטער „מ ן ה מ י צ ר קראתי יה ענני ב מ ר ח ב יה, ווען דער אָנפאנג איז מיצר ווערט דער ענטפער מרחב, אזוי ווי דער שופר. אַט ווען מיר וועלן אָפלערנען און זיך פירן ווי דער שופר, פון אָנפאנג קליין דערנאָך גרויס, דאן קענען מיר מצליח זיין און מיר וויסן, אז מיר גייען אין דעם נאַטירלאכן וועג.

אַט דאָס קענען מיר לערנען פון צורה פון שופר, אבער נאָך מער קענען מיר לערנען פון די קולות השופר.

באלד הויבט אָן דער בעל־תוקע צו בלאָזן הונדערט קולות. אַט די אלע קולות גייען אין איין סגנון. פון אָנפאנג און סוף גלייך דער קול די תקיעות, און אינמיטן, צווישן, קומען די שברים און תרועות, צוזאמען און באזונדער.

וואָס לערנט דאָס אונז?

עס דערציילט אונז די ווערטער פון קהלת "ראה! אלהים עשה את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים". באמת האָט גאָט באַשאַפן דעם מענשן ישר, איינפאַך און גלייך, און ווען דער מענש וואָלט הערן זיין אינעווייניקסטע שטימע און וואָלט גע־גאַנגען מיט דער איינגעפלאנצטער פשוט׳קייט אין אים, וואָלט ער געווען גליקלאַך. אָבער דער מענש האָט פיינט די פשטות, די ישרות און ער זוכט פיל חשבונות, און אָט די חשבונות פאַר־ביטערן זיין לעבן און פאַרוואַנדלען אים די וועלט אין אַן עמק הבכא.

אָבער דער אָנהויב און סוף פון מענשן איז פשוט, גלייך. דער מענש ווערט געבאָרן פשוט און שטאַרבט פשוט. אזוי ווי די חז"ל זאָגן אויף דעם ספר קהלת: „בקשו לגונזו מפני שדבריו סותרים זה את זה". אָבער מען האָט אים ניט באהאלטן ווייל „שתחילתו דברי תורה וסופו ד"ת". אָט אין דעם ספר קהלת ווערט סימבאָליש איבערגעגעבן דעם מענשנ׳ס לעבן, פון גע־באָרן ביז דעם לעצטן אָטעם. דער אָנהויב איז דברי תורה „אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא" און דער סוף, ביי דער לעצטער מינוט, פילט ער אויך אז „סוף דבר הכל נשמע את אלהים ירא ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם." נאָר דער מיטן, ווען מען קערט אָפּ פון דברי תורה, איז מען פול מיט סתירות, פול מיט חרטות, מען געפינט ניט קיין רו, מען בויט, מען צעוואַרפט.

גלייכע קולות, ווי תקיעה פון אָנהויב, גלייכע צום סוף, דאַרפן מיר לערנען פון די קולות אז אויך דער מיטן דאַרף זיין גלייך, ווייל אויב ניט איז שברים און תרועה, און די קולות זיינען „גנוחי גנח וילולי יליל". קולות פון קלאָג און טרויער און פון אומענדלאכע יסורים.

אויך פון דער ברכה פון שופר קענען מיר פיל לערנען.

מיר זאָגען אין די ברכה „לשמוע קול שופר“ און ניט „לתקוע קול שופר“, אָט דאָס איז דער חסרון פון אונזער אומה, וואס מיר האָבען א סך בעלי תקיעה, אבער עס פעלן אונז „בעלי שמיעה“. יעדער איינער וויל אליין זיין דער בעל תוקע, ער וויל ניט הערן, וואָס אן אנדערער בלאָזט, יעדער איינער וויל זיין א משפיע, אָבער קיינער וויל ניט זיין א משופע; אלע ווילן זיין בעלי־דעה אָבער ווייניק מביני דעה.

אָט דאָס וואס ביי אונז פעלט דאָס הערן, די דיסציפלין, איז די סיבה צו דער גאנצער ערבוביה, וואס הערשט ביי אונז, און דאָס איז דער מקור צו יעדער תקלה און יעדער קטטה ביי אונז.

לשמוע קול שופר „שופר אחד אמר רחמנא, ולא שנים ושלשה שופרות“. אָט אויף דעם דארף מתפלל זיין יעדער בעל ישר לב. עס זאל שוין קומען די צייט, וואס ביי אונז זאל זיין איין שופר און ניט וויפיל אידן אזוי פיל שופרות, דאמאָלט ווען מיר וועלן זוכה זיין צו איין שופר, וועט עס זיין דער שופר הגדול, וואס אויף אים ווערט געזאָגט „יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לד׳ בהר הקודש בירושלים.“

ה.

לשבת-שובה

שובה ישראל עד ד' אלקיך וגו' קחו עמכם
דברים ושובו אל ד'. (הושע י"ד)

דער שבת צווישן ר"ה און יום-כפור רופט זיך שבת-תשובה צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, איז דער טאָג איינער פון די עשרת ימי תשובה, און אויך ווייל דעם שבת לייענט מען די הפטרה „שובה ישראל."

אין פארלויף פון גאנצן יאָר איז דער איד פארזונקען טאָג און נאכט אין זיינע פילע געשעפטן, מיט וואס ער איז מפרנס זיך און זיין הויז-געזינט. די שטראָמען פון דעם שווערן לעבן (זרם-החיים) פארטרינקען אים זייער טיף, אזוי אז ער פארגעסט וועגן דעם תכלית פון זיין לעבן אויף דער וועלט. דער חשבון-הנפש ווערט פארוואַרלאָזט פון אים, ווייל די טרדות-הזמן גיבן אים ניט קיין מעגלאכקייט ער זאל א טראכט טאָן אוואו ער האלט אין דער וועלט.

אזוי לויפן די טעג איינער נאָך דעם אנדערן א גאנץ יאר, און דער מענש טוט זייער ווייניג פאר זיין נשמה. ער טוט דאגעגן זייער פיל שלעכטע מעשים אין פארלויף פון יאָר, סיי בין אדם למקום, ווי בטול תורה ותפלה, חלול שבת ויו"ט, מאכלות אסורות, אסור עריות א. ז. וו. אויך בין אדם לחברו זינדיקט דער מענש זייער פיל ווי גזלה, גנבה, אונאה און אנדערע שאָדנס און היזקות, וואָס איינער איז גורם דעם אנדערן. איצט אָבער, אז עס קומען אָן די ימים-נוראים, פאר יום-כפור, דארף מען זיך

שטעלן צום יום-הדין, אָפּגעבן א רעכענונג פאר אלע שלעכטע מעשים פון א גאנץ יאָר.

יעדער איד, וועלכער האָט נאָר אמונה און דער פונק פון אידישקייט איז ניט אויסגעלאָשן ביי אים אין הארצן, ווערט פֿאַרפֿאַגעפאלן אין די ימים-נוראים טעג. ער הויבט אָן צו טראַכטן, מיט וואס קען ער קומען ליום-הדין?

די חז״ל אונזערע, וועלכע זיינען גרויסע פּראָפעסאָרן צו היילן חולי-הנפש, האָבן פאר אונז, זינדיקע מענשן, געפונען זייער אַ גוטן מיטל. און דאָס איז — תשובה. מיר זאָלן חרטה האָבן אויף אלע שלעכטע עברות, וואס מיר זיינען באגאנגען. און די „סגולה" העלפט אונז זייער פיל, ווי זיי זאָגן „גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות" (יומא פ״ו).

דער גדר פון תשובה, נאָך דער ערקלערונג פון חז״ל, איז: חרטה אויף די מעשים פון עבר און קבלה אויף וויטער. אָנ-נעמען אויף זיך מער ניט צו טאָן קיין עברות. אויב מען טוט דאָס מיט אן אמת, שטייט די תשובה גאָר אויף א הויכע מדרגה „גדולה תשובה שמגעת עד כסא-הכבוד, שנאמר שובה ישראל עד ד׳ אלקיך (יומא, שם). (גרוים איז די תשובה, אז זי דער-גרייכט צום כסא-הכבוד).

און אויב דער מענש האָט ניט געטאָן קיין תשובה א גאנץ חדש-אלול, מוז ער אמווייניגסטנס ניט פארגעסן דאָס טאָן אין די עשרת ימי-תשובה, ביז יום כפור.

דעם שבת לייענט מען פאר אונז די רייד פון נביא, וועלכע רופט אונז און וועקט: „שובה ישראל עד ד׳ אלקיך", קער זיך אום צו גאָט ברוך הוא, בעט ביי אים מחילה, „כי כשלת בעונך", דו ביזט דורכגעפאלן מיט פיל עברות דעם גאנצן יאָר, אָבער דו האָסט נאָך האָפענונג „קחו עמכם דברים ושובו אל ד׳", רייד אוים

דיין ביטערע הארץ פאר אים, און נעם אויף זיך, אז דו וועסט מער ניט טאָן קיין שלעכטע מעשים.

עשרת ימי תשובה זיינען זייער וויכטיק פאר דעם מענשן אויף תשובה, ווייל דאן איז אן עת רצון, ווי חז"ל זאָגן „דרשו ד' בהמצאו (ישעיה נ"ה) אלו עשרה ימים שבין ראש-השנה ליום-הכפורים" (ר"ה י"ח).

צו תשובה איז נאָך פאראן צוויי גוטע מיטלען תפלה וצדקה. מען דארף בעטן רחמי-שמים מיט א צעבראָכענעם הארץ, און אויך געבן וואָס מער צדקה אין די טעג, און דיביידע זאכן פארזיכערן אונז חז"ל „מעבירין את רוע הגזרה" (שם).

ווען מיר וועלן באנוצן די דריי מיטלען, תשובה, תפלה און צדקה אין די טעג פון עשרת ימי תשובה, וועלן מיר געווים זוכה זיין צו האָבן א גוט יאר, און עס וועלן אויך מקוים ווערן די איבריקע רייד פון נביא „אהיה כטל לישראל". אזוי ווי דער טוי לעבט אויף אלע גראָזן, פרוכטן און געוואוקסן — אזוי וועט אויך אָפּ-לעבן מיין פאָלק. „יפרח כשושנה". די פאָלק וועט בליען ווי א ראָזע „ילכו יונקותיו" עס וועלן ארויסשפראָצן אלע פארטריקענטע צווייגען, „ויהי כזית הודו וריח לו כלבנון", ער, די פאָלק, וועט לויכטן ווי די איילבערטן, און עס וועט שמעקן מיט דעם גוטן ריח פון לבנון. במהרה בימינו, אמן.

———:———

ז.

לשבת-שובה*)

ויאמר ד' אל משה, הן קרבו ימיך למות, קרא את יהושע וכו' וילך משה ויהושע ויתיצבו באהל מועד, וירא ד' באהל בעמוד הענן, על פתח האהל. (וילך לא).

רבותי! מיר שטייען דאָ אלע, יונג און אלט אין דער שול. מיט א יאָר צוריק זיינען מיר אויך אין דער זעלבער צייט גע־שטאַנען אלע דאָ אויף דעם זעלבן אָרט. קיין זאַך איז ניט גע־וואָרן אנדערש פאר דער צייט. די זון שיינט פון דעם זעלבן פונקט ארוים און וועט ווייטער אזוי טאָן און אלעם וועט זיך ציען ווי בעפאר, נאָר אויפ'ן לוח וועט איר געפינען אן אנדער ציפער, — א נייער יאָר.

ווייסט איר, רבותי, וואס עס מיינט די ענדערונג אין ציפער?

ווען איר גייט אין וועג, וועט איר געפינען ביי די זייטן שטייען סלופעס (עמודים) אויף יעדן האָלץ איז אָנגעצייכענט א צאָל. ווען איר קוקט אויף די צאָלן, ווייסט איר, אז איר זייט אָפּגעגאנגען איין מייל, צוויי, דריי און אזוי ווייטער. געוויס וואָלט איר אָן די עמודים אויך אָפּגעגאנגען אייער וועג, נאָר דאמאָלט וואָלט די וועג פאר אייך אויסגעקומען זייער לאנג. די עמודים, אָבער, פארקירצן אייך די וועג. איר טראכט נאָר צו דערגרייכן פון איין עמוד צום צווייטן.

רבותי! אזוי ווי עס זיינען דאָ עמודים אויף ערטער, אזוי אויך זיינען דאָ עמודים אין צייט, אין גאנג פון די יאָרן. אזוי ווי

עמודים אויף א וועג דערציילן אייך, אז מען דערנענטערט זיך אלץ צום ציל, צום סוף פון וועג, אזוי דערציילן די עמודים פון דער צייט אז מען איז נענטער צום אייגענעם סוף, צום סוף פון אלע מענשן „קרבו ימיך למות".

דער נביא זאָגט אין ירמיה ל"א: „הציבי לך ציונים, שומי לך תמרורים, שיתי לבך למסלה דרך הלכתי, שובי בתולת ישראל, שובי אל עריך אלה". אָט דאָס טאקע מיינט דער נביא „הציבי לך ציונים" — מאך דיר צייכנס אויף די טעג פון דיין לעבן. „שימי לך תמרורים", דו וועסט זיך מאכן מיט דעם ביטערונגען, ווייל די חשבונות אז מען דערנענטערט זיך צום סוף בריינגען געווים ניט קיין פארגעניגן, אבער דאס וועט דיר בריינגען גרויס נוצן, ווייל „שיתי לבך למסלה", לייגט צו דורכדעם דיין הארץ צו דער וועג וואָס דו גייסט, ווי דו פירסט זיך און „שובי בתולת ישראל" קער זיך אום, טו תשובה.

ווען מיר וואָלטן פאָלגן דעם נביא, וואָלט דער לעבן גאָר אָנגענומען אנדערע פאָרמען.

די תורה דערציילט אונז אויף אהרן הכהן „ויעמד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה (במדבר י"ז).

באמת איז ניט נאָר אהרן אמאָל געשטאַנען בין המתים ובין החיים, נאָר מיר אלע שטייען שטענדיק צווישן לעבעדיקע און טויטע.

אין דער קינדהייט פון מענטשן, ווען עס לעבן נאָך טאַטע־מאמע, זיידע און באבע, עס רינגלען ארום אָנקלס, טאַנטעס, דאַמאָלט שטייט דער מענש אינגאנצן בין החיים און האָט ניט קיין שיכות מיט'ן טויט; ווען אָבער א מענש זעט דעם ערשטן נפטר אין דער משפחה, ווען עס שטארבן נאָר דער זיידע און באבע דערנענטערט ער זיך שוין מיט איין טריט צו די טויטע, אבער דאָך איז ער נאָך מער בין החיים, עס לויפן אבער אריבער יאָרן,

דער מענש ווערט עלטער, עס שטארבן די עלטערן, פריינט און חברים, דאמאָלט שטייט ער שוין נענטער „בין המתים“, ווייל די לעבעדיקע ווערן פרעמד פון אים.

אָ, ווען דער מענש וואָלט יעדעס יאָר ראש־השנה מאכן אַ חשבון וויפיל חלקים פון אים שטייען צווישן די לעבעדיקע און וויפיל צווישן די טויטע, דאמאָלט „ותעצר המגפה“, עס וואָלטן ניט געווען קיין מגפות אויף דער וועלט, די מענשן וואָלטן זיך ניט עוסק געווען נאָר אין „נגיפה“ און מען וואָלט אויף זיך אליין ניט געבראכט קיין מגפה, מיט דעם ווילדן געיעג נאָך הבלי עולם הזה.

אויף דעם האָט דאס מתפלל געווען משה איש האלהים. ער האָט געזאָגט: „ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה וכו׳ למנות ימינו כן הודע ונביא לבב הכמה“ (תהלים צ).

דאָס מיינט „למנות ימינו כן הודע“, ווען מיר וואָלטן נאָר וויסן צו ציילן אונזערע טעג, מאכן א חשבון און וויסן וויפיל חלקים מיר האלטן אויף דער ערד „ונביא לבב חכמה“, וואָלטן מיר האָבן א קלוגע הארץ. שלעכט איז אבער, וואָס מיר קענען ניט ציילן אונזערע טעג, און דעריבער זיינען מיר אזוי ווייט פון דבר חכמה.

אָט דאָס האָט הקב״ה געזאָגט משה׳ן „הן קרבו ימיך למות“, מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן און דערמאנען, מאכן א חשבון און זען ווי ווייט איז נאָך אונזער וועג, וויפיל עמודים האָבן מיר נאָך און צי איז חס ושלום ביי אונז ניט „ויעמוד עמוד הענן על פתח האהל“, צי שטייט שוין ניט חס־ושלום דער וואָלקן ביי אי־מיצן פון אונז ביים טיר.

מיר לייענען די דערמאנטע ווערטער הן קרבו ימיך אין ראש־השנה, ווייל דער גאנצער ראש־השנה איז מער ניט, ווי אן

עמוד, אן אפשטעל-פונקט דער מענש זאל זען, וואו ער האלט אין זיין וועג פון לעבן.

און דאס איז אויך די באדייטונג פון דעם מאמר חז"ל: „אר"י, כשמתכנסין מלאכי השרת לפני הקב"ה לאמר, אימתי רה"ש ואימתי יוהכ"פ? — הקב"ה אומר להם, למי אתם שואלים, אני ואתם נלך אל בית דין של מטה" (מ"ר דברים פ"ב).

פאר גאט ברוך הוא איז ניטא קיין ראש-השנה, ווייל פאר אים עקזיסטירט איבערהויפט ניט קיין זמן; אייביקייט קען ניט האבן קיין עמודים, וואס זאל צייכענען ווי ווייט מען האלט אין די אייביקייט. דער ראש-השנה איז נאר פאר דעם מענשן, וואס זיין צייט איז באגרענעצט און האט א צאל. און גאט ברוך הוא זאגט: לאמיר גיין צום בית דין של מטה, זיי דארפן וויסן, ווען ראש-השנה און ווען יוהכ"פ, זיי מוזען דאס האבן אין זינען.

מיין תפילה איז איצט, אז ג' זאל געבן, אז איבער א יאר זאלט איר דא אויך אלע זיין צוזאמען, און איך זאל קענען זאגן „ואתם הדביקם בד' אלקיכם חיים כולכם היום". דער עמוד העגן זאל חס ושלום ניט שטיין ביי קיינעמס טיר און מיר זאלן דא אלע זיין צוזאמען, אמן.

———:———

ז.

ליום-הכפורים

ר׳ יצחק פסח: אילו זכיתם הייתם קוראים בתורה כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם — ועכשיו שלא זכיתם, אתם קוראים טומאתה בשוליה.

(פתיחתא דאיכה פסקא י״א).

יעדער איד ווען ער לעבט, אין וועלכען מצב ער געפינט זיך, האָט שטענדיק צו שטרייטען וועגן צוויי ענינים: א) בין אדם למקום — ד. ה. וועגן די געטלאכע זאכן, ווי למוד-תורה, קיום-מצות, וועלכע בילדן אוים די נשמה, און ב) בין אדם לחבירו, ניט גזל׳נען, ניט גנב׳נען, ניט טאָן קיין שלעכטס, און פארקערט, נאָך האנדלען ערענטלאך און טאָן גוטס צו יעדן איינעם.

ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען אין זיין אייגענעם לאנד, דער בית המקדש איז געשטאַנען אין זיין גלאנץ, דאמאָלסט אז איינער האָט געזינדיקט, הן למקום והן לחברו, איז געווען אים זייער גרינג צו טאָן תשובה יום-כפור, ווייל די הייליקע עבודה, וואָס דער כהן גדול האָט געטאָן אין בית-המקדש, פלעגט מכפר זיין אויף אלע זינד. דאָס הייליגקייט פון בית-המקדש מיט די עבודות פון כהן גדול האָבן זייער שטארק געווירקט אויף יעדן אידן, און ער פלעגט תשובה טאָן אום יום-כפור מיט א ריינעם געפיל, און עס איז ניט פארבליבן קיין פלעק אויף זיין נשמה פון זיינע זינד פון א גאנץ יאָר. ווען עס איז געקומען יום-כפור, האָט

מען געקענט לייענען דעם פּסוק: „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם."

אָבער נאָך דעם חורבן בית המקדש, ווען די אידן זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייער אייגענעם לאנד, און פּארוואָגעלט איבער פרעמדע לענדער פון דער גאנצער וועלט, דאמאָלט ווען איינער זינדיקט א גאנצן יאָר, סיי בין אדם למקום סיי בין אדם לחברו, אפילו ווען ער האָט חרטה אויף זיינע זינד, איז עס ניט קיין ריינע תשובה, עס פארבלייבן נאָך פיל פלעקן. אויף דעם אופן זיינען די אידן ניט זוכה מען זאל קענען לייענען אין דער תורה: כי ביום הזה יכפר וכו' מכל חטאתכם, נאָר, פארקערט, דעם פּסוק „טומאתה בשוליה" — די פלעקן מיט די שמוץ זיינען נאָך פארבליבן אויף די ברעגעס פון די קליידער, ניט אויסגעוואשן ריין אין דעם טאָג פון יום־כפור.

מיר מוזן זיך, אלזאָ, יעצט אין דעם הייליקן טאָג יום־כפור, ווען מיר שטייען אלע מיט צעבראָכענע הערצער און פול מיט שרעק פאר דעם יום הדין, מקבל זיין א תשובה שלמה, אָפּוואשן אינגאנצן אונזערע פלעקן פון די גרויסע עבירות, וואס מיר טוען א גאנץ יאָר, און מיר וועלן זוכה זיין לייענען ווידער ווי בזמן הבית דעם פּסוק „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם".

היינט, יום־כפור, איז דער לעצטער טערמין פון די ימי־התשובה, מיר דארפן דעריבער ניט פארשלאָפן די גוטע צייט, ווען מיר קענען זייער פיל אויפטאָן, דאן וועט מקוים ווערן אויף אונז די רייד פון דעם הייליקן תנא: „אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים, שנאמר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם, ואומר מקוה ישראל ד', מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל (משנה סוף מס' יומא).

דער תנא גלייכט די תשובה ביום-כפור ווי מען איז זיך טובל אין א מקוה. אזוי ווי דער וואס גייט טבילה, מוז זיך זייער ריין פריער ארומוואשן, עס זאל ניט בלייבן אויף אים קיין שמוץ, קיין חציצה, ווייל דאס פסל'ט די טבילה, לויט דעם דין, — אזוי דארף אויך זיין די תשובה ביום הכפורים ריין פון שמוץ און פלעקן, אויב ניט ווערט עס אָנגערופן „טובל ושרץ בידו", עס איז ניט קיין ריכטיקע תשובה און עס העלפט ניט אפילו יום-כפור, דערום גלייכט דאס דער תנא צום דין המקוה, ווי ער זאָגט „מקוה ישראל ד', מה מקוה מטהר את הטמאים, כך הקב"ה מטהר את ישראל".

לאָמיר האָפן, אז אונזער תשובה וועט שטיין אין דער הויכער מדרגה, און מיר וועלן האָבן א מחילה גמורה, מיר וועלן זוכה זיין צו א גוטן יאָר, געזונט און פרנסה, גזרות טובות, ישועות ונחמות במהרה בימינו, אמן.

———:———

ח.

ליום-כפור

בזאת יבוא אהרן אל הקדש וגו' בחבילות חבילות של מצות ד' נכנס למקדש, בזכות התורה שנקראת זאת וכו', בזכות חשבת שנקראת זאת וכו' בזכות התרומה והמעשרות שנקראות זאת, בזכות הקרבנות וכו' שנאמר בזאת יבוא אהרן.
(מ"ר אחרי פכ"א).

ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען אין אייגענעם לאנד, דער בית-המקדש איז פול געווען מיט הייליגקייט פון השראת השכינה און פון די עבודת-הקדש, וועלכע די כהנים פלעגן טאָן טאָג-טעגלאך; אין יענער גוטער און גליקלאכער צייט, אז עס איז געקומען דער טאָג יום-כפור, ווען אנשטאָט די כהנים האָט געמוזט דער כהן-גדול אליין אריינגיין טאָן די עבודה און בעטן אַ מחילה פאר דעם גאנצן פאָלק ישראל, איז פאר אים, דעם כהן-גדול, געווען גאנץ לייכט אריינגיין אל הקדש, ווייל ער האָט געוואוסט, אז חבילות, חבילות של מצות יש בידו, ער האָט פולע בינטלאך מיט מצות, מיט וועלכע אידן זיינען פול; אידן פארמאָגן פון א גאנץ יאָר זכות התורה, השבת, תרומה ומעשרות, קרבנות, א. א. וו. און דורך די אלע זאַכן פלעגט אים לייכט זיין צו פועל'ן א סליחה פאר דעם גאנצן פאָלק, ווי די חז"ל זאָגן „בית-קול היתה יוצאת במוצאי יום-הכפורים והכריזה: לך אכל בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה אלקים את מעשיך (מדרש קהלת פ"ט). יום-כפור

איז דאמאָלסט געווען א גרויסער און פריילאכער יום טוב, ווי די חז"ל זאָגן: „לא היו ימים-טובים לישראל כיום-הכפורים (סוף מס' תענית).

אָבער ביי איצטיקע צייטן, ווען עס קומט דער הייליקער טאָג יום כפור, זיינען מיר ביי זיך זייער געפאלן. וואָרים מיט וואָס קענען מיר קומען „אל הקדש"? — ניט קיין בית-המקדש, ניט קיין כהן-גדול, און קיין חבילות, חבילות של מצות אויך ניט. עס איז ניטאָ קיין זכות התורה, ווייל מיר לערנען אליין ניט און מאכן ניט לערנען אונזערע קינדער; עס קען אויך ניט זיין קיין זכות-שבת — ווייל מיר היטן ניט דעם שבת, און זיינען נאָך אים מחלל; פארשוואונדן איז אויך דער זכות פון תרומה ומעשרות,— מיר גיבן דאָס ניט די כהנים, און שטיצן אויך ניט תלמידי-חכמים, וואָס דאס ווערט פאררעכנט ווי תרומה ומעשר בזמן הבית. היינט מיט וואָסער זכות קענען מיר האָפן אין טאָג פון יום-כפור צו האָבן א מחילה וסליחה אויף אונזערע שווערע זינד?

אויף דעם האָבן אונז די חז"ל געגעבן צו דער איצטיקער צייט דריי מיטלען, וועלכע העלפן אונז זייער שטארק, און דאָס איז: תשובה, תפלה וצדקה.

תשובה. מיר מוזן טאָן תשובה מיט א ריינע הארץ אויף אלע שווערע עברות, וואס מיר זיינען באגאנגען א גאנץ יאָר. מיר דארפן האָבן חרטה אויפ'ן עבר, אויף די עברות וואָס מיר האָבן שוין אָפּגעטאָן, און קבלה על להבא, — אויף זיך מקבל זיין, ווייטער ניט צו טאָן אזעלכע עברות.

תפלה — אנשטאָט וואס מיר האָבן אמאָל געהאט דעם זכות פון קרבנות, וואָס מען האָט מקריב געווען אין בית המקדש, און די עבודה ביום-הכפורים דורך דעם כהן גדול, וועלכער האָט מקריב געווען די קרבנות-היום, — זיינען איצט די „תפלות במקום קרבן". דאָס וואס מיר זיינען מתפלל דעם גאנצן טאָג

יום־כפור מיט צעבראָכענע הערצער און מיר זאָגן די פיל „וידוים" — איז עס גלייך צו די קרבנות, וועלכע האָבן אויף אונז מגין געווען.

וצדקה — אנשטאָט דעם זכות פון תרומה ומעשרות, וואס מיר פלעגן געבן צו די כהנים ולוים און נאָך געדריקטע מענטשן, דארפן מיר געבן פיל צדקה; שטיצן תלמידי־חכמים, גדולי־תורה, וועלכע זיצן און לערנען און תורתם אומנתם. מיר מוזן זען באַזאָרגן, אז זיי זאָלן קענען זיצן רואיק און לערנען. מיר דארפן אויך העלפן, אזוי געדריקטע מענשן און אָרימעלייט, וועל־כע ראנגלען זיך מיט זייער פרנסה.

אויב מיר וועלן אָננעמען אָט די אלע מיטלען, קענען מיר האָפן, אז מיר וועלן קענען אריינקומען יום־כפור אל הקדש, ווי אמאָל דער כהן גדול; מיר וועלן אויך פועל'ן, דורך אונזערע בקשות און תחנונים, א מחילה וסליחה אויף אונזערע זינד, ווי דאמאָלסט דורך דעם כהן גדול, וואס ער פלעגט „וכפר על־הקדש מטומאות בני־ישראל ומפשעיהם און עס וועט זיין „ונסלח לכל עדת בני ישראל."

מיר וועלן דאמאָלפט זוכה זיין לכל טוב ולגאולה שלמה, ווי די חז"ל פארזיכערן אונז „גדולה תשובה שמקרבת את הגאולה (יומא פ"ו). במהרה בימינו, אמן.

———:———

ט.

ליום-ראשון של סכות

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל ושמחתם לפני ד' אלקיכם. (פרשת היום)

אין דעם הייליקן יו"ט סכות זאָגט אונז די תורה מיר זאָלן נעמען פיר מינים: לולב, אתרוג, הדסים און ערבות, און מיר זאָלן זיך מיט זיי פרייען דעם גאנצן יום-טוב. מיר טוען ווי די תורה זאָגט אונז אָן, מיר זיינען מקיים די מצוה מיט די פיר מינים. מיר ווען זיך אויך באמיען צו פארשטיין, וואס באדייטן די פיר מינים פאר אונז, און פארוואָס די תורה האָט אונז געהייסן טאָן די מצוה?

עס איז איבעראל באוואוסט אז די אידישע פאָלק צייכנט זיך אוים מער פון אלע אומות העולם מיט מעלות און גוטע מדות. צווישן די מדות טובות פארנעמען דעם אויבן-אָן די פיר פאָלגענדע זאכן: מסירת נפש, הסתפקות, אחדות און התבודדות. לאָמיר באטראכטן יעדע זאך באזונדער.

א) מסירת נפש. דער איד איז זיך מוסר-נפש פאר זיין אמונה. ווען עס קומען שלעכטע צייטן און די שונאי-ישראל ווילן צווינגען דעם אידן ניט צו היטן די תורה ומצות, באווייזן די אידן די שטארקע קראפט פון מסירת נפש. זיי ליידן די גרעס-טע ענוים ויסורים, זיי נעמען זאָגאר אויף זיך מיתות משונות און בייטן ניט די אמונה, זיינען ניט עובר על חקי-התורה. אין די צוויי טויזנט יאָר וואס מיר זיינען אין גלות האָבן שוין אידן

פיל מאָל באוויזן זייער קראפט פון מסירת-נפש אין אזא שטאַרקע מאָס, וואָס האָט איבערראשט זאָגאר די פיינט.

די מדה באזיצן נאָר אידן, קיין אנדער אומה האָט עס ניט, וואָרים ביי אנדערע אומות, ווי מען האָט זיי נאָר געדריקט, האָבן זיי פארביטן זייער גלויבן און זיינען פארשוואונדן פון דער וועלט. עס איז שוין לאנג פון זיי קיין זכר ניט פארבליבן.

ב) מדת ההסתפקות. דאָס אידישע פאָלק צייכענט זיך אויס מיט זיין נאָרמאלן לעבן. די תורה הייסט דעם אידן לעבן באַגרענעצט, ניט מקנא זיין קיינעם, ניט זוכן קיין מותרות, קיין לוקסוס, ניט אָפּגעבן זיך צו די תאוות פון עולם הזה. אנשטאט דעם זען זיך מער אויסבילדן אין גייסט, זיך אָפּגעבן מיט לערנען די תורה און מקיים זיין די מצות.

ג) אחדות ואהבה. דאָס אידישע פאָלק פארמאָגט מער פון אלע פעלקער די מדה פון אחדות ואהבה. יעדער איד איז צוגעבונדען צום צווייטן מיט ליבשאפט און טרייהייט. די מדה „ואהבת לרעך כמוך" איז ביי אונז די גאנצע תורה. די תורה הייסט אונז טאָן גוטס מיט דעם אנדערן און העלפן און שטיצן אים אין זיין נויט. קיין אומה ולשון באזיצט ניט די דאָזיקע מדה אין אזא מדרגה.

ד) התבודדות. דאָס אידישע פאָלק איז שטענדיג אָפּגעזונדערט. עס האָט זיינע אייגענע טראַדיציעס, באזונדערע מנהגים און דרכים, גאנץ אנדערע און פארשידענע פון אלע פעלקער. די דאָזיקע אָפּגעזונדערשאפט (התבודדות) האָט פארהיט די אידן פון אסימילאציע. טויזנטער יארן זיינען אידן פאַרוואָגעלט צווישן פרעמדע פעלקער, אויסגעמישט מיט זיי צוזאַמען און דערצו נאָך געיאָגט און געפּלאָגט פון נוגשים און באַטריגער, און דאָך איז דאָס פאלק ניט איינגעשלונגן געוואָרן פון קיינעם. שטענדיק שטאָלץ, מוטיק און שטארק מיט דער אמונה

ובטחון אין הקב"ה. וואָס איז דאָס שטארקע פעלז, אָן וועלכע דער איד האלט זיך אָן? — דאָס איז נאָר די מדת התבודדות. די סגולה פון דער תורה, אז מען זאָל לעבן באַזונדער.

אָט אויף די מדות, וואס מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט, ווייזן אונז די פיר מינים, וועלכע מיר באנוצן סוכות:

א) דער לולב, דאָס איז א סימבאָל אויף דעם הויכן גייסט פון מסירת נפש. אזוי ווי דער לולב איז הויך און גלייך, אזוי איז דאָס אידישע פאָלק גלייך און גאנץ מיט זיין אמונה, ניט געבויגן און ניט געדרייט.

דער אתרוג ווייזט אויף הסתפקות. „פרי-עץ הדר" — הדר משנה לשנה באילנו" (סוכה לב). דער אתרוג באנוגענט זיך מיט אביסעל וואסער, „גדל על כל מים" (ר"ה י"ד). דעריבער איז ער טאקע „דר משנה לשנה", ער עקזיסטירט שטענדיק און ווערט ניט פארניכטעט. און דאָס אידישע פאָלק איז אויך אזוי, עס באַנוגענט זיך מיט מעט און לעבט דעריבער שטענדיק.

ג) הדס — דאָס איז דער סימבאָל פון אחדות. חז"ל זאָגן „עץ עבות שענפיו חופין את עצו" (שם). ער איז באדעקט און געפלאָכטן צוזאמען מיט זיינע בלעטלאך און צווייגלאך „דקיימא תלתא, תלתא בחד קינא (שם) מען לעבט אין ענגשאפט און דאָך אין אחדות ושלום.

ד) די ערבה — ווייזט אויף התבודדות. די ערבה וואקסט אין א באזונדער אָרט „על יבלי מים", ביי די ברעגעס פון טייכן, ווייט פון אנדערע געוויקסן. און ווייל זי געפינט זיך אין א באַזונדער אָרט, אָפּגעווייטערט פון נאָך געוויקסן, האָט זי דעם גאנצן קראפט פון פייכטקייט און איז שטענדיק פריש און קרעפּטיק און ווערט ניט אויסגעטריקנט. די ערבה איז דעריבער דער סימבאָל פון דאָס אידישע פאָלק מיט זיין מדת ההתבודדות.

ווען מיר נעמען דעריבער די פיר מינים אין דעם הייליקן יו"ט סוכות, דארפן מיר געדיינקען, אז זיי ווייזן אונז אָן אויף דעם סוד פון אונזער עקזיסטענץ, מיר דארפן דאָס נעמען אין כונה, ווען מיר מאכן די ברכה איבער זיי און אויך ווען מיר זאָגן הלל. מיר גיבן אָפּ א שבח צו גאָט פאר זיינע נסים, וואָס ער האָט געטאָן מיט אונז ביז יעצט, און האָט איינגעהיט די גאנצ־קייט און אָפּגעזונדערטקייט פון אידישן פאָלק. מיר האָפן אויך אויף ווייטער, אז דער אויבערשטער וועט אונז איינהיטן, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ישועות ונחמות, ובא לציון גואל, במהרה בימינו, אמן.

י.

דרשה לשבת חוה״מ סכות

היינטיקן שבת לייענען מיר „קהלת״. מיר מוזן מודה זיין, אז די גאנצע רייד פון קהלת דרינגען אריין זייער טיף אין דעם לעבן פון דעם מענשן. זיי ווייזן אויף אלע פעלערן אין אלע טאַטן פון דער וועלט און די נאַרישע אויפפירונג פון די מענשן, און ברענגען אריין יעדן איינעם אין א שווערן יאוש.

שלמה המלך פירט דורך פאר אונזערע אויגן אלע מעשים פון דער וועלט און ווייזט ווי נאַריש און זינלאָז אלעס איז. ער מאכט אויפציטערן אונזערע הערצער מיט די קלאָרע בילדער און מאכט דעם סך־הכל „הבל־הבלים, אמר קהלת, הכל הבל״ אלעס איז נאריש און פוסט.

אָבער קהלת איז ניט נאָר יאוש אליין. צווישן די רייד פון דעם חכם געפינט זיך אויך א כוס־תנחומים, ווערטער פול מיט האָפענונג, אויף דעם אייביקן לעבן פון אידישן פאָלק.

ער זאָגט „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת״. ערקלערט דער מדרש קהלת: „מלכות נכנסת ויוצאת וישראל לעולם עומד״. (פ״א). פיל גרויסע מלוכות זיינען שוין לאנג אונטערגעגאנגען פון דער וועלט, און דאָס אידישע פאָלק לעבט אייביק. ער פאַר־גלייכט די אידן מיט דער „ערד״ און זאָגט דאָס וואָרט „ארץ״, מה הארץ מבלה את העוברים ושבים והיא קיימת לעולם, כך ישראל מבלים את כל האומות והם קיימים לעולם (מ״ר ויצא).

עס שטייט ווייטער „וזרח השמש ובא השמש.״ די זון שיינט אויף, די זון גייט אונטער. אויף דעם אידישן האָריזאנט, זיינען

שטענדיק ליכט און פינסטערניש צוזאמענגעבונדן. פון איין זייט גיט א ווײלע די זון א לײכט, פון דעם אנדער זייט גייט זי אונ־טער; אין איין אָרט ווערט דעם אידן גוט, אין אן אנדערן — שלעכט, און אזוי בייט זיך עס: הולך אל דרום וסובב אל צפון. דאָס פאָלק איז הולך, עס וואנדערט ארום אין אלע עקן פון דער וועלט שוין טויזנטער יאָרן, און מיט אים צוזאמען אין זיינע וואנ־דערונגען, — „סובב, סובב הולך הרוח, ועל סביבותיו שב הרוח". „הרוח" דער הייליקער גייסט, דער גייסט פון דער אמונה און פון דער תורה ומצות, באגלייט שטענדיק דעם אידן, גייט אים נאָך און היט אים אָפּ.

„מה שהיה הוא שיהיה" — „לעתיד לבוא מתכנסין הדורות לפני הקב"ה ואומרים לפניו: מי יאמר שירה לפניך תחילה? ואומר להם: לשעבר לא אמר שירה לפני אלא דורו של משה, ועכשיו לא יאמר אלא הוא „יורדי הים ומלואו" (מדרש שם). די כונה פון דעם איז דאָס. דורו של משה ציט זיך שטענדיק. אין אלע תקופות ודורות, ווען אידן טרינקען זיך אין טיפע ימים פון גזירות וצרות, ענוים ויסורים, און גייען פון זיי ארוים לעבע־דיקע, אָט די דארפן זאָגן שירה פריער פון אלעמען.

דאָס אידישע פאָלק איז אויך מיט דעם „מה שהיה הוא שיהיה". עס איז שטענדיק א צווייזייטיקע מטבע "זקן מצד זה ובחור מצד זה"! פון איין זייט אן אלט פאָלק, באדאכט און באזאכט מיט טיפן שכל און פיל נסיונות החיים, — וועלכע האָבן אים געלערנט ווי אלעם אויסבעסערן און אויסשענערן; פון דער אנדער זייט א יונגעם פאָלק, מיט שטארקע און פרישע כחות, מיט התלהבות און ברען, גרייט אלעם מקריב צו זיין פון זיינע אי־דעאלן און פאר דער פארקערפערונג פון זיין אָנגעצייכענטן לע־בענס פראָגראם.

אין זכרון לראשונים וגם לאחרונים — אלו המצרים והעמלקים — שונאי ישראל — עם שיהיו לאחרונה — אלו ישראל (מדרש, שם פ"א). עס איז שוין ניטא קיין זכר פון די שונאי־ישראל, אלע עמלקים פון פריעריקע דורות, נאָר דאס אידישע פאָלק לעבט אייביק.

נאָך די זיבן מאָל „הבל הבלים", ווען שלמה המלך מאכט פון אלעם גאר נישט און פרעגט די פראגע „מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש?" געפינט ער דאָך א גרויסע פאר־ענטפערונג פון דער פראגע, און געפינט פאָרט אוואו עס ליגט דער תכלית פון דעם מענשן. ער ענדיקט זיינע ווערטער: „סוף דבר הכל נשמע, את האלקים ירא ואת מצותיו שמר — כי זה כל האדם". דער רעזולטאַט איז נאָך אלע זיבן הבל הבלים'ס קלאָר, אז יראת שמים איז דער גאנצער תכלית און גליק פאר דעם מענשן די גאנצע צייט וואס ער לעבט אויף דער וועלט. די לעצטע ווערטער האָבן געהאָלפן צו דעם, וואס חז"ל האָבן ער־לויבט צו לייענען עפנטלאך דעם ספר קהלת, ווי עס שטייט „בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת, מפני שדבריו סותרים זה את זה ומפני מה לא גנזוהו? מפני שתחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה". און ווי חז"ל זאָגן אויף דעם וואָרט „כי זה כל האדם" מאי כי זה כל האדם אמר ר' אלעזר „כל העולם לא נברא אלא בשביל זה" (שבת ל). דאָס הייסט קלאָר, אז דער תכלית פון דער בריאה איז מורא האָבן פאר גאָט און היטן די תורה.

ווען מיר לייענען דעריבער, מגילת־קהלת, דארפן מיר נעמען אין געדאנק די קלוגע ווערטער פון חכם, ניט פארגעסן אויף א ווײַלע אונזער תכלית פון „אלקים ירא ואת מצותיו שמר", וואס דאָס איז דער סוד פון דער בריאה און צוליב דעם וועט גאָט בריינגען ישועות ונחמות אויף אידן. אמן.

———:———

יא.

לשמיני-עצרת

ביום השמיני עצרת תהיה לכם, זה שאמר הכתוב יספת לגוי ד'. אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה עליך להוסיף לנו מועדים ועלינו להיות מקריבין לפניך ומכבדין אותך. (מ"ר פנחס).

דורכגעגאנגען די זיבן טאָג יו"ט מיט א פרייל‌אכן מוט, ווי עס פאסט פאר „זמן שמחתנו", מקיים געווען מצות סוכה, ארבעה מינים און שוין גאָר געענדיגט דעם יו"ט, און דאָ קומט ווידער א יו"ט — שמיני עצרת!

אָבער זייער א וויכטיקער יו"ט! די חז"ל רופן דעם טאָג „רגל בפני עצמו". ער געהערט ניט צו די פריערדיקע טעג סוכות, ניטאָ קיין ד' מינים, ניטאָ קיין סוכה „יתיבי יתבינן — ברוכי לא מברכינן" מיר קענען זיצן אין סוכה, אבער אָן א ברכה. ער איז אָבער א גרויסער יו"ט אן און פאר זיך. מיר דאנקען אין אים גאָט מיט אונזערע תפלות ותשובות און מיר זיינען פריילאך „והיית אך שמח — לרבות יו"ט האחרון של החג" (סוכה מ"ח).

מיר בעטן גאָט אין דעם יו"ט אויף גשם, עס זאָלן זיין גע־ראָטן די תבואות אויף די פעלדער. די וועלט זאָל זיין „לשובע ולא לרזון" זאט און ניט הונגעריג, „לברכה ולא לקללה". דער יו"ט סוכות ווערט גערופן „חג האסיף", בעטן מיר עס זאל זיין וואָס אריינצונעמען פון די געזייטע פעלדער מיט פיל ברכה.

תפלת גשם איז אויך א סימבאָל־תפלה פאר אונזער פאָלק אין גלות. מיר זאָלן קענען דערגרייכן אונזער הייליגע לאנד.

רעגענס גייען טראָפּענווייז, יעדער טראָפּן באזונדער איז ווינ־ציק ווערט, אָבער ווען א סך פאלן אראָפּ אויף איין שטיק פעלד, טרינקען זיי גוט אָן די ערד און דאס העלפט ארויסגעבן די פרוכט. דאָסזעלבע איז אויך מיט א פאָלק. יעדער יחיד קען זייער ווינציק אויפטאָן פאר דער אויפלעבונג פון פאָלק, אָבער ווען אלע צוזאַ־מען ווענדן אָן אלע כחות צו דעם הייליקן צוועק, דאמאָלט קען מען פיל דערגרייכן. אויך דאָס איז א וויכטיקער טעם פאר דעם זאָגן תפלת גשם.

די חז"ל דריקן זיך אוים: „שלשה מפתחות בידי הקב"ה ואחד מהם מפתח של גשמים" (תענית ב) די ערקלערונג פון דעם מאמר איז אזוי: דער מענש הארעוועט און טוט אלעס זיין פעלד זאָל וואקסן. ער אקערט, זייט, גראָבט ארום און באמיט זיך מיט וואָס ער קען. איז דערנאָך ווען עס קומט דער יו"ט פון חג האסיף, ווען ער ברייינגט אריין די תבואה, וועט ער דאָך געווים זאָגן אז „כחי ועוצם ידי עשו לי החיל הזה". איך מיט מיינע האנט־אַרבייט האָבן דאָס אלעס פארשאפן, דעריבער האָבן די חכמים פאראָר־דענט זאָגן תפלת גשם אין טאָג פון שמיני עצרת. זיי וויסן, דו מענש, „מפתח של גשמים ביד הקב"ה", ווען גאָט זאָל ניט וועלן געבן דעם רעגן אין דער צייט, וואָלט ניט העלפן דיין מי און דיין גאנצע ארבייט וואָלט געווען אומזיסט. די פעלדער וואָלטן קיין זאָך ניט ארויסגעגעבן.

און אזוי ווי אויף דעם רעגן בעטסטו, מענש, צו גאָט און ער גיט דיר אים אין דער צייט, פרישט אָפּ די ערד און זי גיט ארוים אירע געוויקסן, און די בוימער זייערע פרוכט, — אזוי האָף צו גאָט, אז עס וועט קומען די גוטע צייט ווען גאָט וועט אויפלעבן דאָס אידישע פאָלק אינגאנצן, פריש און זאפטיק אין זיין אייגן לאנד.

ווען מיר האָבן דעם געדאנק אין דעם הייליקן טאָג שמיני־עצרת דאמאָלסט קענען מיר זיך זייער משמח זיין, ווי די תורה הייסט אונז „והיית אך שמח — לרבות יו"ט האחרון של חג — שמיני עצרת!" און די פרייד איז די אמת'ע שמחת הנפש, וואָס מען האָט מקיים געווען מצות סוכה, ארבעה מינים און פאר דעם זכות וועט גאָט אונז געבן זיינע „גשמים", און די עצמות־היבשות פון אידישן פאָלק וועלן אָפּגעפרישט ווערן מיט גשמי־חיים וטלי חיים, וואס עס וועט אויף אונז ארויפגעשפּראצט ווערן בזמן הגאולה, און עס וועט מקוים ווערן וואס מיר בעטן „והביאנו לציון עירך ברנה ולירושלים בית מקדשך בשמחת עולם." אמן.

יב.

לשמחת-תורה

שישו ושמחו בשמחת-תורה, כי היא לנו
עוז ואורה. (פיוט לש"ת).

דעם לעצטן טאָג פון סוכות רופן מיר שמחת תורה. אין דעם טאָג פאַרענדיקן מיר צו לייענען די תורה פאַר דעם גאַנצן יאָר. אין דעם טאָג, שמחת תורה, פרייען מיר זיך מער ווי אין אַלע טעג פון יו"ט.

ווי ריכטיק געזאָגט, דאַרפן מיר זיך זייער פרייען מיט אונזער תורה, זי איז אונזער גאַנצער קיום, פון דעם טאָג וואָס מיר האָבן איר מקבל געווען אויף דעם באַרג סיני, ביז היינט. שוין טויזנטער יאָרן, ווי אונזער פאָלק געפינט זיך אין פינסטערן גלות, וואַנדערט און וואָגעלט פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן, פאַרטריבן און פאַריאָגט, געדריקט און געפּלאָגט פון שטענדיקע דריקער און באַטריגער, מען וויל אונז איינשלינגען לעבעדיקערהייט, נאָר מיר שטייען פעסט מיט אונזער תורה ואמונה און מיט אַלע אונזערע טראַדיציעס און מנהגים.

די תורה האָט אונז באַלויכטן אין פינסטערן גלות. מיט אירע ליכטיקע שטראַלן האָט זי אונז באַלויכטן דעם וועג און ניט צוגעלאָזן די ווילדע חיות און די גיפטיקע שלאַנגען, אין אַלע מדבריות וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען, זיי זאָלן אונז אומברענגען פון דער וועלט. מיר האָבן געהאַלטן זייער שטאַרק און פעסט דעם דגל התורה והאמונה אין אַלע שלעכטע צייטן, ווען אונזערע שונאים האָבן דאָס געוואָלט אַרויסרייסן פון אונ־

זערע הענט. עס האָבן אונזערע שונאים ניט געהאָלפן אלע „אינק־וויזיציעס", ווען מען האָט אונז געברענט לעבעדיקערהייט אויף די אויטאָ־דע־פע; ווען מען האָט אונזער פלייש געריסן מיט אייזערנע קאמען און די אָדערן פון אונז געצויגן לעבעדיקערהייט, — קיין מיטל האָט די שונאים ניט געהאָלפן אונז אָפצורייסן פון תורה ואמונה „כל כלי יוצר — עליך לא יצלח!"

מיר לייענען היינט אין דער תורה „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב". דריקען זיך אוים חז"ל, אל תקרי מורשה (ירושה פון עלטערן) אלא מאורסה (א פאר'קנס'טע כלה צו איהר חתן). (פסחים מט). דער געדאנק פון דעם איז: יעדער איד דארף ניט האלטן די תורה, ווי א זאך וואס אים קומט בירושה, אויף וועלכע מען דארף ניט לייגן קיין מי און זי קומט גרייט פון זיך אליין; נאָר ער דארף דאס רעכענען ווי א זאך וואס ער האָט אליין ערוואָרבן דורך פיל מי און טרחה, ביז וואנען די תורה ווערט צו אים „מאורסה". יעדער איד מוז אליין זיך זייער פיל באמיען אויף „למוד־התורה" טאָג און נאכט אין זיין גאנצן לעבן, ווי עס שטייט „לא ימיש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה." מען דארף זיך ניט פארלאָזן אויף די עלטערן, וועלכע האָבן געלערנט תורה, ווייל דער חוב פון למוד התורה ליגט אויף יעדן אידן באזונדער, גרוים און קליין, אָרים און רייך, אין וועלכן מצב מען טוט זיך געפינען.

אויף דעם זאָגט אונז דער תנא „והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך (אבות). דו אליין פארפארטיק זיך צו לערנען תורה, און האלט דאָס ניט ווי א זאך, וואס דו האָסט באקומען בירושה אָן טרחה ויגיעה.

מיט דעם ווערט ריכטיק ערקלערט דער פסוק: ת ו ר ה צ ו ה ל נ ו מ ש ה. לנו — לכולנו. די תורה איז אונז אלע־מען גלייך געגעבן געוואָרן; מ ו ר ש ה. אל תקרי מורשה —

רוף דאָס ניט ווי א ירושה זאַך, אלא מאורסה — ווי א פאר־קנס'טע כלה, ווענמען מען דארף ליב האָבן און פאר וועמען מען פארפליכטעט זיך צו ארבייטן ערנסט, כדי איר אויסצוהאלטן בכבוד; אזוי דארפן מיר אויך זיך האלטן צוגעבונדן צו דער תורה דעם גאנצן לעבן באהבה רבה און מיט גרויס מסירת נפש און יגיעה; מיר דארפן ניט ארויסלאָזן דעם דגל התורה פון אונ־זער האנט אפילו אויף איין טאָג. ק ה ל ת י ע ק ב — די גאנצע פאָלק ישראל אָן אונטערשייד; אלע שיכטן נעמען א גלייכן טייל אין דער תורה.

דעריבער האָט מען אונז אוועקגעשטעלט אין דעם נוסח פון ברכות השחר, צו זאָגן אלע טאָג, אויפשטייענדיק פון שלאָף, די ברכה: „אשר קדשנו במצותיו וצונו לעסוק בדברי תורה", אז דער עסק פון תורה דארף ביי אונז זיין ווי אלע אנדערע עסקים אין מסחר. אזוי ווי אין מסחר ארבייט דער מענש טאָג און נאכט מיט פיל טרחה; ער לייגט אריין פיל ענערגי צו פארברייטערן און פארגרעסערן דעם געשעפט; דאָס גלייכן, דארף יעדער איד האלטן די תורה ווי זיין אייגענעם עסק, ארבייטן טאָג און נאכט בלמוד התורה, פארברייטערן און פארגרעסערן מיט אלע קרעפטן. דאמאָלט קען מען זוכה זיין לכתר תורה.

אלזאָ, היינט, שמחת תורה, דארפן מיר נעמען אין געדאנק די וויכטיגקייט פון אונזער תורה און שטארקן זיך וואס מער צו לערנען. מיר דארפן אויך ווירקן אויף אונזערע קינדער, זיי זאָלן האלטן די פאָן פון תורה פעסט און מקיים זיין אלע מצות מיט מסירת נפש, דאן וועלן מיר זוכה זיין צו אלע גליקן וואס די תורה פארזיכערט אונז און אויך „לשנה הבאה בירושלים", וואו מיר וועלן נאָך מיט מער שמחה זיך משמח זיין בשמחת התורה.

———:———

יג.

לט"ו כסלו

צו די גרינדונג פון חברה-קדישה.

ועשית עמדי חסד ואמת — חסד שעושים עם המתים זהו חסד של אמת.
(מדרש ויחי פ' צו).

(כמעט אין אלע גרויסע און קליינע שטעט עקזיסטירן חברה קדישה'ס. די הייליקע טעטיגקייט פון דער חברה באשטייט אין דעם, ווען א מענש שטארבט ח"ו, צו באזאָרגן אים פון דער פטירה ביז דער קבורה. חברה קדישה גרייט צו תכריכים, סדר הלויה, טהרה, קבורה, א. א. וו. די מיטגלידער פון דער חברה זיינען די שענסטע מענשן אין שטאָט. יעדערער פילט עס פאר אן ערע ווען מען נעמט אים אריין פאר א חברה-מאן, און לאָזט זיך אויף דעם קאָסטן געלט אום אריינצוקריגן זיך אין חברה. דורך א קלפי (גורל) ווערט באשטימט די ארבייט וואָס יעדער דארף טאָן לכבוד המת און קיינער קען זיך פון דעם ניט אָפזאָגן. חברה קדישה איז ביי אידן זייער פארהייליקט און געאכט, און מען רופט זי דאריבער טאקע חברה קדישה אָדער ג'ח'ש'א'. גמילת חסד של אמת).

יעדעס יאָר, ט"ו בכסלו, קלייבן זיך צוזאמען אלע חברה-לייט. דעם טאָג איז מען קובע תענית מיט ספעציעלע תפלות און סליחות (דער טעם פון תענית און סליחות איז, טאָמער האָבן די מתעסקים ניט יוצא געווען בכבוד המת). אין אָוונט דאווענט מען מעריב און מען פראוועט א סעודה, וואָס ווערט געמאכט ביד רחבה אויף וועלכע עס זיינען אנוועזענד אויך די רבנים ונכבדים.

אום צו ערקלערן די ריכטיקע באדייטונג פון דער חברה, מוזן מיר ארומריידן אייניקע שטעלן פון דער תורה און מאמרי חז״ל.

די תורה זאָגט אונז אָן, אז דער מענש נאָכ׳ן טויט באדארף זיין פאררעכנט מיט דעם זעלבן כבוד, ווי ער איז געשטאַנען בעת ער האָט געלעבט. מען דארף ניט דיינקען, אז נאָכ׳ן טויט פארלירט דער מענש זיין ווערדע און ווערט געגליכן צו א בעל-חי. אפילו ווען א מענש ווערט פאר׳משפט צום טויט, דארף מען זיך אויך רעכענען מיט אים בכבוד, ווייל ער טראָגט אויף זיך דעם צלם אלקים. עס שטייט: „כי יהיה באיש חטא משפט מות והומת ותלית אותו על עץ — לא תלין נבלתו על העץ, כי קבור תקברנו ביום ההוא — כי קללת אלקים וכו׳״. (דברים, תצא). אויף די ווערטער פון דער תורה האָבן חז״ל אויפגעשטעלט אלע דינים פון קבורה און בזיון המת (סנהדרין מו, ירושלמי. נזיר פ״ז ה״א. מס׳ מו״ק, מס׳ שמחות, רמב״ם ושו״ע יו״ד ה׳ אבלות). אויך די דינים פון אויסריכטונג פון מת (לויה, תכריכים סדר-קבורה). יעדן לויט זיין כבוד וערך.

און ווייל די תורה מיט די חז״ל האָבן זייער שטריינג פאר-זאָגט וועגן כבוד המת, עס זאל ניט קומען צו קיין בזיון, איז גע-גרינדעט געוואָרן די חברות-קדישה׳ס, זיי זאָלן זיך פארנעמען מיט אלע ענינים, וואס געהערן צו דעם טויטן ביז נאָך דער קבורה. דעריבער, ווען דער טויטער געפינט זיך אין אָרט, וואו עס זיינען ניטאָ קיין „מתעסקים״, רופט ער זיך א מת מצוה, און ווער עס געפינט אים מוז אים ברייגנען צו דער קבורה און זיך מתעסק זיין מיט אים.

די חז״ל שטעלן אוועק דייטלאך, אז עס קומט די צייט פון הלוית המת, ווערט אלעם אָפגעשטעלט און מען דארף באַ-גלייטן דעם מת „מבטלין ת״ת להוצאת המת״ (כתובות י״ז).

„מת בעיר כל בני העיר אסורים בעשיית מלאכה" (מגילה ג). צו דעם זיינען דאָס געשטעלט געוואָרן די מיטגלידער פון חברה קדישה, וועלכע טראָגן דעם מת, זיינען אים מטהר און מלביש בתכריכים און זיך מתעסק ביז איבער דער קבורה.

אויסער אבער וועגן דעם כבוד המת, איז אין דעם פאַר־וויקעלט נאָך א וויכטיקער ענין, וואָס איז פון די עיקרי הדת והאמונה. דאָס איז דער גלויבן אין תחית המתים. יעדער איד זאָגט אלע טאָג: „אני מאמין באמונה שלמה שתהא תחית המתים". און דער וואס גלויבט ניט אין דעם, ווערט פארערכנט פאר אן אפיקורוס ואין לו חלק לעולם הבא.

מיר גלויבן, אז דער מענש נאָך זיין טויט, כאָטש די פילע יאָרן ליגן אין דער ערד צופוילן זיין קערפּער און עס בלייבט ניט קיין זכר, דאָך ווען עס וועט קומען די צייט פון תחית המתים — „יעמדו כלם בלבושיהם". יעדער וועט אויפשטיין אין די זעלבע קליידער וואָס מען האָט אים מקבר געווען, פריש און לעבעדיק ווי געוועזן (כתובות קי"א). אזא פאקט האָט שוין אונז דער אוי־בערשטער געוויזן דורך דעם נביא יחזקאל „שהחיה את המתים בבקעת דורא". (יחזקאל ל"ז).

די דאָזיקע אמונה איז שטארק איינגעוואָרצעלט ביי דאָס אידישע פאָלק פון שטענדיק, און דאָס גיט אונז מוט און האָפע־נונג איבערצולעבן אלע יסורים און צרות, ווייל מיר קוקן אויף דער ביטערקייט וואס מיר האָבן דאָ בעוה"ז, נאָר ווי א צייט־ווייליקע זאך. מיר טרייסטן זיך שטענדיק מיט די גוטעס, וואס מיר וועלן האָבן בתחית המתים. אונזער לעבן אויף דער וועלט, איז ניט מער, ווי איינער קומט צופאָרן אויף א יריד, נאָר אויף א געשטעלטע צייט. ער קויפט איין פארשידענע סחורות וואס ער דארף און פאָרט אהיים. דאָס גלייכן זיינען מיר דאָ, בעולם הזה, נאָר אויף א געשטעלטע צייט, און פארפארטיקן זיך מיט

תורה ומצות, וואס בילדן אונזער נשמה וואס מער, און בשעת תחית המתים, וועט ערשט קומען פאר אונז די גליקלאכע צייט.

דעריבער, ווען מיר זעען די טעטיגקייט פון חברה קדישה אין כבוד המת, ווי זיי זיינען זיך מיט אים מתעסק פון שטארבן ביז נאָך דער קבורה, מיט אזא ערע־געפיל, ברייננגט עס צו פאר־שטאַרקן ביי אונז די אמונה פון תחית המתים והשארת־הנפש אין א הויכע מדרגה, ווייל מיר זעען דערמיט, אז דער מענש האָט זיך געשיידט פון דער וועלט, און די נשמה האָט זיך געשיידט פון קערפער, אבער דאס איז נאָר צייטווייליק. דער הייליגער גייסט פון דעם מענשן איז פארבליבן אויף אייביק און וועט זיך צוריק־קערן, ווען „אשר יקיצו ישני עפר“.

מיר דארפן דעריבער אלע זיין זייער צופרידן, וואס אונזערע נכבדים ווילן איצט גרינדן די חברה קדישה, נאָך די תקנות פון אנדערע שטעט. די חברים פילענדיק די גרויסע זאך וואס זיי טוען, באטייליקן זיך פאקטיש אין די התעסקות, וואס וועט זיין א כבוד־המתים, און דורך דעם גרויסן זכות וואס די חברים וועלן טאָן חסד של אמת, וועט אויף אונז געזאָגט ווערן דער מאמר „אחינו גומלי חסדים, בני גומלי חסדים, המחזיקים בבריתו של אברהם אבינו — בעל הגמול ישלם גמולכם“ (כתובות נ״ח), און עס וועט געזאָגט ווערן אויך די רייד פון נביא „וחיו מתיך נבלתי יקומון וגו׳ כי טל אורות טלך — ובלע המות לנצח, ומחה ד׳ דמעה מעל כל פנים“. אמן.

———:———

יד.

דרוש לחנוכה*)

אַ כהן אין דער שטעטל מודעין איז געווען מתתיהו דער זון פון יוחנן, ער איז געווען ווי אַ מלאך פון גאָט, וואס פארדינט באמת דעם נאָמען כהן לויט זיינע מעלות. זיין הארץ איז גע־ ווען ריין און זיין מויל אָפּגעהיט. ער האָט געלערנט תורה מיט אלע אידן פון זיין געמיינדע, אָבער קודם כל האָט ער געזען די תורה וואס ער לערנט לייטן איינצופלאנצן פריער אין זיין אייגן הויז, צווישן זיינע אייגענע קינדער. און דאָ, אין דעם אייגענעם קרייז, האָט ער געשאפן דעם מקור פון זיין אייגענע און זיינע קינדערס העלדנטום.

אַן אלט גראָער מאַן איז שוין מתתיהו געווען, ווען די בני בליעל פון די אידן זיינען ארוים מיסת ומדיח זיין דעם פאָלק פון זיינע הייליגקייטן, און די יונים האָבן מיט זייערע אומריינע הענט מטמא געווען דעם מקדש־אל. אלט איז ער געווען, אבער זיין הארץ האָט געברענט מיט יוגענט פייער. דער פייער וואָס האָט געברענט אין די יונגע הערצער פון זיינע קינדער האָט נאָך אָנ־ געהאלטן אויך ביי אים, און ווען דער נסיון איז געקומען — האָט ער אויסגעבראכן אין זיין גאנצע שטארקייט.

און די קינדער זיינען מיט אים געווען אייניק אין אלץ, סיי ווען מען האָט געטאָן, וואס יונגע דארפן טאָן, ארויסגעצויגן דעם שווערד פון פרייהייט און געקעמפט, און סיי אויך, וואס אלטע־לייט טוען, אומבאהילפיק צו קלאָגן און בעטן רחמים, ווי עס

שטייט „ויקרעו מתתיהו ובניו את בגדיהם וילבשו שק ויתאבלו מאד".

מתתיהו איז געווען זיכער מיט זיינע קינדער. ער האָט געוואוסט, אז די תורה וואס ער האָט מיט זיי געלערנט, דעם הויכן שטאָלצן גייסט, וועלכער איז גרייט אויף מסירת-נפש, וואָס ער האָט אין זיי איינגעפלאנצט, וועט געבן די פרות; אין שעה פון נסיון וועלן זיינע קינדער אים ניט פארלאָזן.

און אזוי איז געווען. געקומען זיינען די פקידי המלך און הר המודעית און פריער מיט גוטן געפרואווט איינריידן די אידן, זיי האָבן זיי צוגעזאָגט כבוד און רייכקייט און פיל פון די אידן זיינען זיי נאָכגעגאנגען, „וילוו אליהם רבים מבני ישראל", אָבער ניט אויף מתתיהו און זיינע קינדער קען אזא רייץ ווירקן, און ער ענטפערט שטאָלץ: „ווען אפילו אלע קנעכט פון קעניג זאָלן אָפּקערן פון זייער אמונה, „גוי גוי מאלהיו" און זיי וועלן הערן צו זיין קול צו בייטן זייער דת און די געזעצן פון זייערע עלטערן, אבער איך און מיין פאמיליע וועלן ניט אָפּקערן, ניט רעכטס און ניט לינקס, פון די געזעצן פון אונזער תורה". (חשמונאים ספר א).

ווען עס איז געקומען די צייט פון זיין טויט, האָט ער מיט א זיכערע הארץ איבערגעגעבן דעם גורל פון פאָלק אין די הענט פון זיינע קינדער, און די קינדער האָבן די אויפגאבע הייליק ער־פילט. זיי האָבן זיך ניט צעשפּאָלטן אין גרופּעס, זיך ניט ארום־געקריגט פאר גדולה פאר די אמטן, ווי די געשיכטע ווייזט אזוינע פאקטן, וואו ברידער האָבן איינע די אנדערע גע'הרג'ט, ווייל יעדער האָט געוואָלט זיין דער מושל. זיי, די חשמונאים, האָבן אָבער ניט געהאט זייער אייגענעם איך אין זינען, נאָר האָבן געארבייט מיט איין דעה, איין געדאנק פאר די פרייהייט פון זייער פאָלק, לאנד און תורה.

אזוי זיינען געווען מתתיהו און די קינדער! דורך זיי איז אונזער פאָלק אויסגעלייזט געוואָרן פון די יונים און א אידישע מלוכה אזוי אויפגעשטאַנען אויף דער אידישער ערד.

וואָס לערנט אונז חנוכה? — חנוכה לערנט אונז, וואס א פאָלק קען אויפטאָן, ווען אלט און יונג איז איינס, ווען די יוגענט ווערט גוט ערצויגן און וויים די הויכקייט פון די גייסטיקע אוצרות פון פאָלק, און איז גרייט פאר דעם זיך מוסר נפש זיין.

מתתיהו און זיינע קינדער! אלט און יונג ביום קרב — האָבן געראטעוועט דאָס אידישע פאָלק; אלטקייט און יוגענט צוזאמענגענומען, האָבן אָנגעצונדן אונזערע אייביקע ליכט....

אלטקייט אָן יוגנט — פירט צום קבר, צו טויט.

יוגנט אָן אלטקייט — מאכט פעלערן און ברענט איבער ווי א שטרוי.

יוגנט און אלטקייט צוזאמען — ווערט א פאָלק פון זיי געבויט.

ווען מיר צינדן איצט די ליכטלאך און באוואונדערן דעם נס, דארפן מיר דאס האָבן אין זינען, וואס האָט גורם געווען צום נס, וואס האָט געפירט צו זייער העלדנמוט? און דאס איז די ערציאונג וואס זיי, די חשמונאים, האָבן באקומען.

מיר דארפן דאס נעמען אין רעיון, און זיך באַמיען געבן אונזע־רע קינדער א ריכטיקע אידישע ערציאונג, דאמאָלט וועלן מיר זיין זיכער אז ביי יעדן נסיון וועלן זיי אונזער פאָלק ניט פארלאָזן, זיי וועלן זיך דערמאנענ אָן די הייליגקייטן און פאר דעם זיך מוסר נפש זיין. מיר וועלן זיין זיכער, אז די קיום פון פיל דורות וועלכע פלעכט אונז צום עבר, וועט ניט אָפגעהאקט ווערן ביי אונז, נאָר וועט זיך ווייטער ציען און פאראייניקן מיט'ן עתיד, מיט אונ־זערע קינדער און קינדס־קינדער, ביז די גאולה. אמן.

———:———

טו.

לחנוכה

הנרות הללו אנו מדליקין על הנסים והנפלאות והתשועות ועל המלחמות שעשית לאבותינו בימים ההם וכו׳ על ידי כהניך הקדושים וגו׳.

ווען מיר צינדן אָן די קליינע ליכטעלאך, די אכט נעכט פון חנוכה, דארפן מיר גוט באטראכטן אויף וואס זיי באדייטן, און נעמען אין גערדאנקען, פארוואס האָט מען אזוי הויך אוועקגע־שטעלט דעם ענין פון חנוכה און די הדלקת הנרות פאר אונזער פאָלק ישראל?

די חכמי־התלמוד פרעגן אויך: מאי חנוכה? און ענטפערן אויף דעם מיט א היסטאָרישע ערציילונג: „כשנכנסו יונים להיכל טמאו את כל השמנים שבהיכל, וכשגברה מלכות בית־חשמונאי ונצחום, בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי׳ מונח בחותמו של כהן־גדול, ולא היה בו להדליק אלא יום אחד ונעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים — קבעום ועשום ימים טובים בהלל ובהודאה. (שבת כא).

דאָס אידישע פאָלק האָט געהאט פארשיידענע מלחמות הונדערטער יאָרן מיט די שכנות׳ע מלוכות; פיל מלכים אכזרים זיינען באפאלן די אידן אין דער צייט פון בית־ראשון. אין שפעטערע צייטן זיינען פיל מלכים אויפגעשטאנען צו פארניכטן זיי און שטענדיק האָבן די אידן געליטן פון די שונאים.

אָבער פארשידן איז געווען די מלחמה פון די יונים (גריכן) מיט די חשמונאים (מכביים). די יונים האָבן געוואוסט און פאר־

שטאַנען די גרויסע קראַפט פון אידישן פאָלק. זיי האָבן גע־וואוסט, אז מען וועט די אידן קיינמאָל ניט פארניכטן כל זמן דאָס פאָלק האלט זיך פעסט אין גייסט פון אמונה און איז מקיים תורה ומצות. האָבן זיי, די יונים, אויסגעזוכט דעם לעצטן מיטל. זיי האָבן זיך ניט באַנוגענט צו דריקן די אידן מאטעריעל, זיי רויבן, שלאָגן און פייניקן, נאָר זיי אויך דריקן אין גייסט — שטערן פון דער תורה און אמונה, פארווערן זיי מקיים זיין די מצות, און מיט דעם, האָבן זיי גערעכענט, וועלן זיי געווים קענען אומברייינגען און פארניכטן דאָס פאָלק ישראל, ווי מיר זאָגן „כשעמדה מלכות יון להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך."

מיט פיל חיל און כלי מלחמה זיינען די יונים באפאלן די אידן, זיי האָבן זיך אריינגעכאפט אין רעזידענץ־שטאט, אין ירושלים, זיינען אריין אין בית המקדש און געשטעלט א צלם בהיכל. — זיי האָבן געשענדעט אלע הייליקייטן, זיי האָבן אויפ־געבראכט א חזיר אויף דעם מזבח, און נאָך פיל שמוץ, וועלכע האָבן דאָס אידישע פאָלק אזוי ערנידערט. נאָכדעם האָבן זיי זייער געדריקט די אידן, זיי זאָלן שוואך ווערן פון רוח הדת והאמונה, ווי די חז"ל זאָגן: „כתבו על קרן השור אין לכם חלק באלקי ישראל, (מדרש בראשית) כדי זיי זאָלן זיך ענטזאגן פון גאָט.

זייער אַ שרעקלאכע פינסטערניש האָט דאמאָלסט צוגעדעקט דאָס אידישע פאָלק, „וחשך על פני תהום—זו מלכות יון". (מדרש שם). עס איז ניט געווען קיים שום עצה מיט וואס צו שטעלן זיך קעגן אזא שונא.

אין אַזאַ שרעקלאכע און קריטישע לאגע ווי אידן זיינען דאמאָלסט געשטאַנען, האָבן זיך געפונען פאָלקס־העלדן (גבורי־האומה) און גייסט־העלדן (גבורי־הרוח) די חשמונאים. זיי אלע

האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר'ן כלל ישראל און מיט זייער וואונדערלאכע קרעפטן זיינען זיי ארויסגעטראָטן קעגן דעם שונא. מיט ווייניק חיל אָבער מיט גרוים העלדן-מוט האָבן זיי זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן שלאכט-פעלד, און מיט א געטלאַ-כער קראפט, בנסים גלוים, האָבן זיי מנצח געווען דעם שונא, „גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים."

נאָכדעם זיינען די גרויסע העלדן — החשמונאים — אריין אין בית המקדש, זיי האָבן געפונען פיל שמוץ, וואָס די יונים האָבן דאָרט אריינגעבראכט. זיי האָבן גערייניקט דעם מקדש, געבויט א נייעם מזבח, מען האָט געדארפט אָנצינדן די מנורה — ניטאָ קיין בוימייל, די יונים האָבן מטמא געווען אלע כלים מיט בוימייל. אין איין ווינקעלע האָבן זיי געפונען א קליין קריגעלע בוימויל, וועלכער איז געווען פארזיגלט מיט דעם זיגל פון כהן-גדול. ריין, ניט אָנגערירט פון די טמאים, אָבער דער קריגל איז קליין, די בוימויל ווינציק, און עס קען נאָר זיין גענוג אויף איין נאַכט, און ווי וועט ווייטער ברענען די מנורה? מען האָט אָבער אריינגעגאָסן די בוימויל אין מנורה און אָנגעצונדן, און עס איז אריבער די נאכט און די ליכטלאך ברענען... און וואָס ווייטער די צייט גייט — און די ליכטיקייט ווערט קלערער און גרעסער, די פלאמען פון די ליכטלאך ווערן שטארקער און גרעסער; דער בוימייל קומט אליץ צו מער אין די לעמפלאך. וואונדער איבער וואונדער! די כהנים שטייען דערביי און זייערע הערצער זיינען פול מיט פרייד, מיט שמחת הנפש.

דער נס ווערט באלד צעטראָגן איבער'ן גאנצן פאָלק. מאָסן מענשן לויפן אין בית המקדש זען דעם גרויסן נס. זיי שטייען און וואונדערן זיך, א קליינער קריגל בוימייל, ברענט אזוי פיל נעכט מיט ליכטיקע פלאמען און ווערט ניט פארלאָשן?

דאָס פאָלק זעט גלייך אין נס א סימבאָל פאר זייער באַפרייאונג, א ליכטיקע האָפענונג, אז דאָס אידישע ליכט, דער גרויסער גייסט, וועט שוין ניט פארלאָשן ווערן; דער שרעקלאכער פיינט וועט זיך שוין ניט שטארקן מער. די ארייננעגאַסענע ביסעלע בוימויל, דער אָנגעצונדענער הייליקער פייער אין די הערצער פון די העלדן וועט אזוי גיך ניט אויסגיין און עס וועלן נאָך צוקומען נייע גבורים מיט פרישע כחות און מוט, וואָס וועלן זיך מקריב זיין פאר'ן אידישן פאָלק און וועלן ברייננען דעם גרויסן נצחון פון גייסט. זיי האָבן באשיצט די הייליקייט, די תורה, די אמונה. דער נס פון פך השמן איז א צייכן פון הימל, אז עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשן די ליכטיקייט פון פאָלק, עס ברענען נאָך די פלאמען אין זייערע הערצער.

הנרות הללו אנו מדליקים על התשועות והנפלאות. ווען מיר צינדן די חנוכה-ליכט דארפן מיר גוט באטראכטן די גרויסע וואונדער, וואס איז געווען אין דער צייט פון די חשמונאים מיט די יונים, מיר דארפן זיך אין זיי גוט ארייננקוקן ווי זיי ברענען קלאָר און זיך דערמאנען אָן דעם ריינעם קלאָרן גייסט, וואָס מיר פארמאָגן און וועלכער האָט אונז געפירט צו א נצחון איבער די יונים. דער זעלבער אידישער גייסט לעבט נאָך איצט און מיר צינדן די חנוכה-ליכט צו דערמאנען זיך און אויפוועקן דעם דאָזיקן כח אין אונזערע הערצער, עס זאל ברענען און ניט ווערן פארלאָשן, און דאן וועלן מיר לייכט איבערקומען דעם שווערן גלות און מיר וועלן צוריק ווערן א פרייע פאָלק, וועלכער וועט מיט זיין גייסט זיין א מוסטער פאר אלע פעלקער.

———:———

טז.

לפרשת־שקלים

זה יתנו כל העובר על הפקודים ממחצית־השקל.
העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל.
(פ׳ תשא).

ווען מען האָט אַנגעזאָגט די אידן געבן אַ מטבע אויף די באדערפניש פון „משכן" איז געשטעלט געוואָרן פאר אלעמען גלייך, סיי אָרים סיי רייך, א „מחצית־השקל". און אזוי ווי אין משכן, אין מדבר, אזוי איז אויך געווען אין בית המקדש, אין ירושלים. די געקליבענע געלט זיינען גענוצט געוואָרן אויף פארשידענע זאכן. מען האָט געקויפט קרבנות צבור; מען האָט געצאָלט די היטער פון „ספיחי שבועות", מען האָט געצאָלט שכירות די „לומדים", וועלכע האָבן געלערנט מיט די כהנים די נויטיקע דינים, א. א. וו.

די תורה זאָגט: העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל. דאָס לערנט אונז, אז מיר דארפן זיין שטענדיק געבונדן אין אחדות אין איין מדרגה, אלע גלייך, דער אָרימער ווי דער רייכער, „אין גבהות לפני המקום". די געלט, וואס דער רייכער האָט שפילט ניט קיין ראָליע ביי דעם אויבערשטן. לי הכסף ולי הזהב אמר ד׳. די געלט אליין איז גאָר ניט, מען דארף נאָר עפּעס אויפטאָן מיט די געלט.

דער מיטל־פונקט, ארום וועלכן עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער הייליקער גייסט פון דעם אידישן פאָלק, איז געווען פריער דער משכן און שפּעטער דער בית המקדש, דאָרט האָבן זיך צו־

זאמענגעבונדן אלע פארשידענע פעדים פון דעם דאָזיקן גייסט, פון אלע שיכטן מענשן. דאָרט איז געווען דער באזים פון שלום ואחדות, און דער בית המקדש האָט דארום געהייסן „היכל השלום".

אויף די אחדות האָבן אונז אויך געוויזן די קרבנות צבור, וועלכע מען האָט געקויפט א גאנץ יאָר פון די מחצית השקל געלט. אלע אידן — אפילו די וואָס האָבן געוואוינט ווייט פון מיטל-פונקט ירושלים — האָבן געוואוסט, אז דער קרבן תמיד, וועלכן מען איז מקריב צוויי מאָל טעגלאך אין בית המקדש פאר אלעמען, איז געווען געקויפט פאר אלעמענס גלייכע געלט „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט". דאָס אליין האָט פארשטארקט די אחדות פון פאָלק אויף דער העכסטער מדרגה. יעדערער האָט געשפירט, אז ער איז א גליד צום גאנצן קערפער — א גלייכער זון צום פאָלק. אלע נעמען א טייל אין מיטל-פונקט, און אלע געניסן פון דעם הייליקן גייסט וואס פליסט ארוים פון מיטל-פונקט בית המקדש שבירושלים. יעדערער האָט געגעבן דעם מחצית השקל מיט שמחה און האָט געוואוסט, אז ער לעבט זיך אויף מיט'ן גאנצן פאָלק ווי איין מענש. זייער פרייד איז זיין פרייד, און זייער זאָרג איז זיין זאָרג „כלם כאיש אחד חברים."

זה יתנו — מטבע של אש הראה הקב"ה למשה ואמר לו כזה יתנו (מ"ר). ווען מען גיט די מטבע, וועלכע גייט פאר דעם נוצן פון כלל ישראל, דארף יעדער געבן מיט פייער, מיט היץ, ניט ווי דורך אונס. יעדער דארף וויסן, אז זיין מטבע וועט זיין אויף צו קויפן „קרבנות צבור", און אזוינע קרבנות געפינען זיך ביי אונז זייער פיל פון נויט און פון הונגער...

דער מחצית-השקל איז ביי אונז קיינמאָל ניט בטל געוואָרן. אפילו ווען מיר האָבן ניט קיין בית המקדש, קיין לאנד, מוזן מיר

צוזאמענבינדן שטענדיק אונזערע כחות פון גייסט, פון מאַראַל, ווי עס איז געווען בזמן המקדש.

„באחד באדר משמיעין על השקלים, און דארום ווען מען בענשט ר"ח אדר (דעם שבת) לייענט מען פרשת־שקלים צו דערמאנען אויף דעם מחצית השקל, וואָס מיר זיינען מחויב צו געבן.

און אָט דאָס איז דער זין פון דעם מאמר:

„אמר משה להקב"ה במה תרום קרן ישראל? אמר לו בכי תשא" (ב"ב דף י'). די הויכקייט פון אידישן פאָלק קען ווירקלאך זיין באוויזן פאר די אומות־העולם נאָר דורך דעם צוזאמענבונד פון אלע גייסטלאכע קרעפטן פון כלל ישראל, ווען עס וועט הערשן אחדות און אלע וועלן זיין גלייך, און אויף דעם באַוויזט אונז דער מחצית השקל, איין מטבע פאר אלעמען, „כלם בלב אחד ודעה אחת", ווי עס איז געווען בזמן הבית, וועט אויך פארבלייבן בזמן הגלות, און מיר וועלן דערוואַרטן די צייט „ושקל נשא בבית נכון ונשא" (פייט לפרשת שקלים). אמן.

———:———

יז.

לפרשת זכור

זכור את אשר עשה לך עמלק וגו' תמחה את זכר
עמלק מתחת השמים — לא תשכח.
(סוף פ' תצא).

פיל מלחמות האָבן אידן געהאט מיט זייערע שכנים, נאָנטע און וויטע. צווישן זיי זיינען אויך געווען שרעקלאכע מלחמות, וואָס מיר שפירן זייער ביטערקייט נאָך ביז היינטיקן טאָג אין גאנצן קראפט, אז מיר קענען ניט פארגעסן. דאָך האָט זיך די תורה קעגן קיינעם ניט ארויסגעזאָגט מיט אזא האַס און אזוי שאַרף ווי קעגן עמלק. מיר דערמאנען אלע טאָג אין די זעקס זכירות „זכור את אשר עשה לך עמלק — תמחה את זכר עמלק".

מיר קענען אין פלוג פרעגן, וואס בעטן מיר די בקשה פון תמחה זכר עמלק, ווען עס איז שוין לאנג פון אים קיין זכר ניטאָ? דער אמת האָט אבער דאָ די תורה געזען זייער ווייט: ווען אפילו דער „עמלק", וואס איז דאמאָלסט ארוים מיט אזא שנאה קעגן אידן איז שוין באמת ניטאָ, אבער זיין זכר איז פארבליבן ביז היינטיקן טאָג. אלע שונאים אונזערע גייען נאָך אין די דרכים און מנהגים פון דעם ערשטן עמלק. ער איז פארבליבן פאר א רבי ומדריך פאר אונזערע רודפים. זיינע דרכים האָט גערירשה'ט זיין אייניקל, המן בן המדתא האגגי, ער האָט גוט געוואוסט וואָס די תורה האָט אָנגעזאָגט די אידן אויסצומעקן דעם זכר פון עמלק עד סוף כל הדורות, איז ער דאָך אויך אין כלל, און ער האָט דעריבער געוואָלט נעמען נקמה פון אידן.

אין די יונגע יאָרן איז המן געווען א שפל ונבזה, א משרת

פאר א שטיקל ברויט „קרו ליה עבדא דמזדבן בטלמי (מגילה טו) ביי דעם הויכגעלערנטן מרדכי היהודי, ער איז אויך געווען א פרוזירער „תנא המן ספר של כפר קרצום הי׳ עשרים ושתים שנה (שם טז).

געוויינלאך, ווען ער איז געווען אין אזא מצב, האָט ער ניט געקענט ארויסגיין שלעכטס טאָן די אידן, אבער ווען ער איז גע־וואָרן פרעמיער ביי „אחשורוש״, דער גאנצער רעדל־פירער פון זיין מלוכה, אָט דאמאָלס האָט ער געפונען די ריכטיקע צייט אָפצורעכענען זיך מיט די אידן, וויפיל זיין הארץ געלוסט. ער האָט געוואוסט, אז דער מלך טפש וועט שוין פאָלגן, וואס ער וועט אים זאָגן.

פון אָנפאנג איז אים געווען שווער ארויסצוגיין מיט דער אָפענער גזרה „להשמיד ולהרוג את כל היהודים״, ווייל די אידן זיינען געווען גלייכע בירגער ווי ער. זיי האָבן געשפילט א ראָליע אין דער מדינה און זייער פארשטייער, מרדכי, איז געווען פון די שרי המלוכה היושבים בשער המלך. די אידן זיינען אויך געווען איינגעלאדן אויף דער סעודה פון אחשורוש, גלייך מיט אלע אנדערע נאציאָנען „נהנו מסעודתו של אחשורוש (מגילה י״ב).

האָט מען אויסגעזוכט די ערשטע סבה אין דעם, וואס מרדכי וויל זיך פאר אים ניט נויגן, „וירא המן כי אין מרדכי כורע ומשתחוה לו וגו׳ ויבקש המן להשמיד את כל היהודים וגו׳ ״ גלייך האָט ער געגעבן די באוואוסטע מסירה אויף אידן אויף דעם אופן „ליכא דידע לישנא בישא כהמן (שם טו). און שפע־טער האָט ער שוין אויסגעדריקט זיין פארלאנג להשמיד ולהרוג, וואָס אחשורוש האָט אים גלייך נאָכגעגעבן.

והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור. עס געפינען זיך שטענדיק המנס מזרע עמלק, וואָס גיבן אן מסירות ומלשינות

אויף אידן צו פארניכטן זיי אינגאנצן. און דאָס איז די מליצה פון חז"ל „בני המן מחזירים על הפתחים (מגילה שם). זיי וואנדערן ארום אין אלע מלוכות, קלאפן אין די טירן און ברייגנען גיפ־טיקע מסירות אויף אידן.

מיט דעם קראפט, וואס אונזערע עלטערן האָבן שוואך גע־מאכט דעם ערשטן עמלק „והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל" — כל זמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדים לבם לאביהם שבשמים אז וגבר ישראל (רה כ"ט). מיט תשובה ורחמי שמים און דאס איז געווען דער נצחון, — די זעלבע סגולה האָבן אויך אָנגענומען די פארשטייער מרדכי ואסתר. אסתר האָט געזען, אז עס האלט שלעכט, האָט זי אָנגעזאָגט מרדכי'ן: „לך כנוס את כל היהודים וגו' וצומו עלי — שלשת ימים — גם אני ונערותי אצום כן," און מרדכי האָט גלייך אזוי געטאָן: ויעש בכל אשר צותה עליו אסתר וכו'. ער האָט צוזאמענגערופן אלעמען פון גרוים ביז קליין, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין גמרא ומדרש, און האָט זייער פיל תפלה געטאָן און דאס האָט געהאָלפן מבטל זיין די גזרה פון להשמיד ולהרוג, וואס המן האָט ארויסגעגעבן.

וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם. — אין אלע שלעכטע צייטן, ווען דאָס אידישע פאָלק טרינקט זיך בים של צרות וואס די המנ'ס, זרעם של עמלק, ברייגנען אויף זיי, דארפן מיר ניט פארגעסן פון דער אלטער סגולה, פון תפלה ותשובה, אז דאָס שוואכט שטענדיק אָפּ די קראפט פון אונזערע שונאים. זייער פינסטערניש, וואָס זיי בריינ־גען אריין אין מחנה ישראל, הויבט אָן צו פארשווינדן און עס ווערט גלייך ליכטיק, ווי עס איז געווען בימי מרדכי ואסתר: ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר. כן תהיה לנו. אמן.

———:———

יח.

לפורים

א"ר פנחס: בקריאת־שמע היה עוסק (מרדכי, בשעה שרכב על הסוס והמן מנהיגו) ולא הפסיק.

(מדרש אמור ס"פ כח).

די בעלי המדרש זאָגן: ווען מרדכי איז געזעסן אויף דעם קעניגס פערד און המן האָט אים געפירט און האָט אויסגעשריען: „ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו", האָט דאמאָלסט מרדכי געלייענט „קריאת־שמע". וואס איז דער געדאנק פון דעם? פאר וואס האָט מרדכי דוקא אין יענער צייט געלייענט קריאת־שמע?

די חז"ל שטעלן אונז פאר די פּסיכאָלאָגיע פון מרדכי'ן אין יענער שעה. דער זעלבער מרדכי, וואס איז געווען דער פאָר־שטייער פון זיין פאָלק „גדול ליהודים" ויודע בשבעים לשון" (מנחות סה). איינער פון די שרי־המלוכה, און דאָך ווען עס האָבן פלוצלונג אויסגעבראכן די צרות, ווען אין אים האָט זיך מתקנא געווען המן הרשע און געוואָלט אויסראָטען אים מיט זיין פאָלק, און עס איז אים פינסטער געוואָרן די וועלט, איז — ויזעק זעקה גדולה ומרה, האָט ער אלעמען געוועקט צו תשובה ותפלה ורחמי־שמים „בן־קיש שהקיש שערי שמים ונפתחו לו" (מגילה יב). און דורכדעם געזוכט די וועג, ווי מציל זיין די אידן פון דער צרה וואָס האָט זיך אלץ נעענטער גערוקט, די גזרה פון להשמיד ולהרוג את כל היהודים.

און פלוצלונג איז טאקע ליכטיק געוואָרן. דער רשע המן, וועל־כער האָט געוואָלט פארניכטן די אידן, האָט געהאט די גרויסע מפלה! ער האָט געדארפט דעם זעלבן מרדכי, וואס ער האָט אים פארהאסט און האָט געמאכט פאר אים א תליה, נעמען און פירן אויף דעם קעניגס פערד, אין בגדי מלכות, און שרייען: „ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו". ווער קען עס אויס־שרייבן און שילדערן די התפעלות הנפש פון מרדכי אין יענער צייט? באטראכטענדיק דעם גרויסן נס, וואָס איז אזוי פלוצלונג געשען, איז ער געזעסן פארטיפט אין זיינע געדאנקען און האָט געקלערט די נפלאות ד', וואָס ער האָט געטאָן מיט דעם אידישן פאָלק און פון אזא חשך ואפלה זיינען זיי ארוים לאור גדול.

אויף דעם זאָגן די בעלי המדרש: „בקריאת־שמע היה עוסק". מרדכי האָט געלייענט קריאת שמע, וואָס דאָרט שטייט: „ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך". בכל נפשך — אפילו הוא נוטל את נפשך, ובכל מאדך — בכל מדה שהוא מודד לך (ברכות ס'). דער מענש דארף זיין איבערגעגעבן שטענדיק לאהבת ד' מיט מסירת־נפש אין אלע שלעכטע צייטן „וכשם שהוא מברך על הטובה, כך צריך לברך על הרעה (שם). ווייל דער מענש ווייס ניט אז פון דער רעה גופא גייט ארוים א טובה, אזוי ווי עס איז געווען מיט דער גזירה פון המן הרשע, פון אזא פינסטער־ניש איז געוואָרן: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר."

און דאָס האָט מרדכי געטראכט זיצענדיק אויפ'ן פערד און המן האָט אים געפירט. ער האָט גוט באטראכט דעם עבר מיט דעם עתיד. און האָט געלייענט די פרשה פון קריאת שמע, ואהבת.

מיט דעם געדאנק ווערט ערקלערט דער מאמר המדרש: מה הי' מוניטין של מרדכי? שק ואפר מכאן ועטרת זהב גדולה מכאן (מדרש אסתר פ' לך). א צווייזייטיקע מטבע האָט מרדכי

ארויסגעלאָזן אויף דער וועלט. ער האָט שטענדיק ניט פאַר־געסן דעם עבר, וואס עס איז געשטאַנען פאר אים „שק ואפר מכאן" — בשעת המנ'ס גזרה איז ארויס אויף אים מיט זיין פאָלק און דער טרויער איז געווען זייער גרויס, און אויף דעם אנדער זייט: עטרת זהב גדולה. דער עתיד, וואס האָט געשיינט אזוי גילקלאך און ליכטיק.

אָט די צוויי צורות האָט מרדכי געוויזן פאר דער וועלט, אלע זאָלן באוואונדערן די סאָרטן מטבעות וואס אידן האָבן שטענדיק אין די צייטן פון זייער גלות, וואו ליכטיגקייט און פינסטערניש בייטן זיך כסדר, און די גרעסטע צרות קען זיי ניט אָפּשרעקן, ווייל באלד וועט זיך די מטבע בייטן און עס וועט זיין ששון ושמחה ואור ויקר גדול.

———:———

יט.

לפרשת פרה

וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל
טומאותיכם וגילוליכם אטהר אתכם.
(יחזקאל לו).

נעגטער צו פסח לייענען מיר די פרשה אדומה און די הפטרה פון יחזקאל, וועלכע רעדט פון טהרת ישראל. פארוואס דאָס איז אזוי, ווערן געזאָגט פארשידענע טעמים. מיר ווען! דאָ ערקלערן מיט דעם געדאנק:

די פרה אדומה באה לכפר על מעשה העגל (מדרש רבה במדבר פי"ט). דער מענש וואס בוקט זיך שטענדיק צום עגל הזהב (די געלט-גאָלד) און אָפפערט זיין גאנצן לעבן, זיינע אלע קרעפטן נאָר פאר דעם אליין; ער ארבייט נאָר פאר זיך און די גאנצע וועלט עקזיסטירט ניט פאר אים, אזא מענש ווערט באַ-צייכנט מיט דעם נאָמען: טמא.

פארקערט ווידער, א מענש, וועלכער רעכנט זיך פאר א מיט-גליד פון זיין פאָלק. ער טוט פאר דאָס פאָלק און האָט אין זינען, אז ער איז א רינגעלע אין דער גרויסער קייט, וועלכע בינדט צו-זאמען דאָס גאנצע פאָלק, אזא ווערט אָנגערופן: טהור.

פרה אדומה מטמאה את הטהורים ומטהרת את הטמאים,— ווען איינער האָט זיך געבוקט צום „עגל הזהב", האָט זיך צו אים איבערגעגעבן מיט אלע כחות און מחמת דעם האָט ער פאר-געסן אָן דעם אמת'ן גאָט וואס אין הימל און אָן די מענשן אויף

דר'ערד, און דערפאר איז ער דאָס געוואָרן טמא, — קומט די פרה אדומה און איז מכפר אויף אים, און ער ווערט טהור.

כסף וזהב מטהר, די גאָלד איז מטהר את הטמא, דעם פאר־דאָרבענעם מענטשן מיט אלע ווילדע אינסטינקטן, איז אויב ער האָט די גאָלד אין האנט איז ער טהור. מען אכטעט, מען שעצט אים און ער שטייט העכער פאר די וואס האָבן ניט די גאָלד, אבער באמת ווערט אַזאַ מענש ניט אָנגרופן טהור; ווייל ער איז פאר־דאָרבן און טמא.

יבוא זהב המשכן ויכפר על מעשה העגל (מ"ר תשא פנ"א). זאָלן די מענשן געבן פון זייערע גאָלד אויף וואָלטעטיקע זאכן, וועלכן בינדן צוזאמען די אידישע הערצער, און דאס וועט זיי דערמאָנען, אז לעבן מיט „גאָלד" פאר זיך אליין איז זייער שעד־לאך. זאָלן זיי טאָן פאר'ן פאָלק, און די פאָלקס ארבייט וועט לייטערן און רייניקן זייערע הערצער פאר זיך אליין. זי וועט איינפלאנצן אין זיי ליבע־געפילן איינער צום צווייטן.

אזעלכע געדאנקען זיינען זייער וויכטיק פאר דעם הייליקן יו"ט פסח. חייב אדם לטהר עצמו ברגל. מיר דערמאנען זיך ווי מיט טויזנטער יאהרן צוריק זיינען אונזערע עלטערן געווען פאר־שמוצט אין מצרים פילע הונדערטער יאָר בטומאת הארץ, גע־דריקט קערפערלאך אויף א שרעקלאכן אופן און ברוח זיינען זיי אויך זייער נידריק געשטאַנען, אבער נאָכדעם האָט גאָט אראָפּ־געוואשן די גאנצע שמוץ וטומאה פון דעם אידישן פאָלק, אויף אַזוי פיל, אז זיי זיינען געוואָרן מסוגל צו נעמען אזא ריינע תורה, און ארויסגייענדיק פון מצרים איז דאָס פאלק געשטעמפלט גע־וואָרן פאר אן עם קדוש וטהור, זויבער און הייליק.

מיר לייענען דעריבער די פרשה פון פרה אדומה פאר פסח, כדי זיך צו דערמאנען, אז אפילו ווען אונזערע שונאים ווארפן אויף

אונז שמוץ אין די גלות-לענדער, אויך מיר אליין ווערן פארשמוצט דורך אונזערע שלעכטע אויפפירונג, און קיין מים-טהורים פון פרה אדומה האָבן מיר ניט, פונדעסטוועגן דארפן מיר ביי זיך ניט אראָפפאלן פון מוט, און האלטן זיך שטאַלץ מיט דער האָפנונג, אז עס ווייטער קומען פאר אונז די גוטע צייט, ווען אונזער טומאה וועט אינגאנצן אָפגעוואשן ווערן, און דער גלאנץ פון זויבער-קייט (טהרה) וועט זיך ארויסווייזן פאר אלעמען, ווי דער נביא זאָגט „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם, מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם!

כ.

לפרשת החדש

החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם
לחדשי השנה. (שמות פ).

פון דעם חדש ניסן פאנגט זיך אָן פאר אייך, אידן, א נייע עפּאָכע (תקופה). אין דעם חדש זייט איר געוואָרן א זעלבסט־שטענדיקע פאָלק, יצאתם מעבדות לחרות. דערום זאָל ביי אייך זיין דער חדש ניסן, ראשון לחדשי השנה. פון אים הויבט אָן צו ציילן די איבעריקע חדשים פון יאָר. דער חודש וועט זיין פאר אייך א מאָנאט פון האָפנונג, פרייהייט און ליכטיגקייט, איצטער און אויך אין דער קומענדיקער גאולה „בניסן נגאלו ובניסן עתידים להגאל." (ר"ה י"א). אין דעם חדש וועלן פארווירקליכט ווערן אלע נביאות פון האָפענונג און גאולה, וואָס די נביאים האָבן פאראויסגעזאָגט.

החדש הזה לכם נתקשה משה בחידושה (של לבנה) והראה הקב"ה לו באצבע וא"ל כזה ראה וקדש (מ"ר בא). משה רבינו האָט געזען די לבנה אנדערש פון דער זון, די זון האָט שטענדיק איר גאנצע ליכט און שיין, אָבער די לבנה שיינט אלע נאכט אין חודש אנדערש, פון אָנהויב ווינציקער, דערנאָך, ביי האלבן חודש, מער, איז נתקשה משה, דאס האָט משה'ן שטארק פארוואונדערט.

עד שהראה הקב"ה למשה באצבע. ער האָט אָנגעוויזן מיט'ן פינגער דייטלאך: ניט וואונדער זיך, משה, החדש הזה לכם. די לבנה איז א באווייז אויף אייך אידן „ישראל מונין ללבנה" אזוי

ווי די לבנה, ווען זי איז נענטער צו דער זון, איז איר ליכטיגקייט קליין און טונקל, און וואס זי איז ווייטער פון דער זון איז איר ליכט גרעסער און העלער, אזוי איז אויך מיט אייך אידן, ווען איר זייט ווייט פון די אומות העולם (וואס זיינען געגליכן צו דער זון, אומות העולם מונין לחמה) ווען דאס אידישע פאָלק שטייט אָפּגעזונדערט מיט זייערע טראַדיציעס, זיי היטן די תורה ואמונה, — דאמאָלסט לייכט און שיינט דאס פאָלק מיט א שטארקע קראפט פאר דער גאנצער וועלט און ווערט אנער־קענט פאר עם סגולה לשם ותהלה.

אָבער ווען די אידן ווערן נאָנט צו די אומות העולם, זיי גייען צוזאמען אין זייערע דרכים ומנהגים, זיי ווארפן אוועק די תורה, די אמונה, דאמאָלסט איז די ליכט און דער שיין פון די אידן טונקל און פינסטער. עס ווערן באנייט גזרות און צרות פון טאָג צו טאָג.

אָט דעם זעלבן געדאנק אין קורצע ווערטער, זאָגט אונז ר' ברכי „החודש הזה לכם — אם זכיתם אתם מונים למלואה (של לבנה) ואם לאו לפגומה" (ילקוט בא). אויב איר וועט זיין זוכים, וועט אייער תקופה זיין א מלאה, אייער ליכט פול, ווען, אָבער, לאו, איר וועט ניט זיין קיין זוכים, איר וועט זיך אויפפירן ווי אלע אומות העולם, וועט איר ציילן צו א פגומה, אייער ליכט וועט זיין מיט פגימות, טונקעל און פארפלעקט.

דארפן מיר ניט פארגעסן ווען מיר לייענען די פרשה „החדש הזה לכם" (ר"ח ניסן). עס זאל זיין כזה ראה וקדש. ניט גיין בדרך הגוים, דאמאָלט וועט אונזער ליכטיגקייט און שיין ניט פינס־טער ווערן, און מיר וועלן אויסגעצייכנט ווערן מיט אונזער תורה און אמונה פאר דער גאנצער וועלט, און עס וועט מקוים ווערן די רייד פון נביא (ישעיהו ס"ה). ונודע בגוים זרעם וגו' כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ד'. אמן.

כא.

דרוש לשבת הגדול

הנני שולח לכם את אלי' הנביא לפני בא יום הגדול והנורא. (מלאכי ג).

דער שבת פאר פסח רופט זיך שבת הגדול. די בעלי־התוספות (מס' שבת פ"ז) ערקלערן, פארוואס מען רופט עס מיט דעם נאָמען. אין דעם יאָר, וואָס די אידן זיינען ארויס פון מצרים, איז דער צענטער טאָג אין ניסן, ווען מען האָט באדארפט נעמען א שעפס פאר א קרבן־פסח, אויסגעפאלן אום שבת. די שעפסן זיינען ביי די מצריים געווען פארהייליקט פאר אָפגעטער, ווען די אידן האָבן פאר זיי אין די אויגן געקוילט דעם שעפס פאר דעם קרבן פסח, זיינען זיי געווען אין גרויס סכנה די מצריים זאָלן זיי דערפאר ניט הרג'נען, און זיי האָבן געהאט דעם שבת אָ גרויסן נס, וואס די מצריים האָבן געשוויגן, דעריבער רופט זיך דער שבת ביז היינטיקן טאָג — שבת הגדול, צוליב דעם גרויסן נס.

זייער גרוים און געשעצט איז געווען יענער שבת פאר דעם אידישן פאָלק. זיי האבן אין דעם טאָג געוויזן גרויסע מסירת נפש, מיט'ן נעמען און מקריב זיין דעם שעפס, דעם פארהייליקטן אָפגאָט, פאר א קרבן פסח. זיי האָבן מיט דעם באוויזן זייער גרויסע אמונה אין גאָט און אין דער גאולה, וואס ער ברוך הוא האָט זיי פארזיכערט דורך משה רבינו. זיי האָבן אויך באוויזן מיט דעם, אז זיי האָבן אראָפגעוואָרפן פון זיך דעם עול הברזל, מיט וועלכן די מצריים האָבן זיי פארשקלאפט און געדריקט הונ־

דערטער יאָרן און זיי האָבן גענומען שפּירן, אַז זיי זיינען בני חורין און עס דערנענטערט זיך פאַר זיי די חרות און שטאָלץ.

ויקחו להם שה לבית אבות שה לבית — דער קרבן פּסח האָט געוויזן אויף אחדות. דער גאַנצער כלל ישראל איז געווען מיט אים באַשעפטיקט, „אין יעדער הויז, אין יעדער משפחה". די תורה ווינקט אונז אויך אָן „ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל", כל קהל — אַלע שיכטן פון פאָלק. עס דאַרף געטאָן ווערן עפנט־לאַך, אַלע באַטייליקן זיך אין אים, אַזוי ווי די נכבדים אַזוי אויך די מאַסע, אָן אונטערשייד.

פון דעם שבת הגדול, אין מצרים, פון דעם אָנפאַנג פון דער ערשטער גאולה, ציט זיך דאָס די קראַפט טויזנטער יאָרן פאַר דעם אידישן פאָלק. אין אַלע שלעכטע און ביטערע צייטן אין די גלות לענדער, דערמאַנט זיך דער איד אָן דער ערשטער גאולה אין מצרים און קריגט אמונה אויך אויף דער לעצטער גאולה, אַז גאָט וועט אים וויזן אַ נס און וועט אַרויסציען לחרות. די אמונה אויף דער גאולה בלאָזט אין דעם אידן אַריין אַ רוח חיים, די „עצמות היבשות" ווערן לעבעדיק, פריש און שטאַרק.

ווען עס קומט, דעריבער, אַלע יאָר דער שבת הגדול, ווערט דער איד ווי אַ ניי־געבאָרענער. ער ווערט באַגייסטערט, עס לעבן אין אים אויף די גייסטיקע געפילן, ווי אמונה, בטחון און מסירת נפש; ער דערמאָנט זיך אָן די עלטערן, וועלכע האָבן די אַלע דערמאַנטע מדות געהאַט אין מצרים מיט טויזנטער יאָרן צוריק, כאָטש זיי זיינען געווען ערגער געדריקט און פאַרביטערט.

מיר דאַרפן דאָס אַלעם איבערגעבן צו אונזערע קינדער, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונזערע עלטערן אין מצרים, ווי די תורה זאָגט: „והיה כי ישאלך בנך מחר (יש מחר לאחר זמן) לאמר (גוט צו ערקלערן) מה זאת? ואמרת אליו: בחוזק יד הוציאנו ד' ממצרים מבית עבדים. מיט אַ גרויסע, וואונדערלאַכע קראַפט

האָט אונז ג׳ ארויסגעפירט פון מצרים, פריי פון שקלאפעריי, וואָס מיט נאַטירלאַכע כחות וואָלטן מיר זיך ניט געקענט באַפרייען, דעריבער פייערן מיר דאָס אלע יאָר דעם יום טוב, א זכר צו דעם זמן חרותנו.

אין דעם זעלבן געטלאכן כח, מיט די אלע נסים, וואס אונזערע עלטערן האָבן געהאט אין דעם ערשטן שבת הגדול, וועלן מיר אויך האָבן אין דעם גרויסן טאָג, ווען מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון ביטערן און שווערן גלות, אין וועלכן מיר געפינען זיך אלע יאָרן, און עס וועט מקוים ווערן וואס דער נביא זאָגט אונז אין היינטיקער הפטרה:

„הנני שולח לכם את אלי׳ הנביא לפני בוא יום הגדול והנורא!“ במהרה בימנו.

———:———

כב.

דרוש לחג הפסח

ויקרא משה לכל זקני ישראל ויאמר אלהים משכו
וקחו לכם צאן למשפחותיכם ושחטו הפסח וגו'.
(פרשת היום)

ווען מיר לייענען די דאָזיקע ווערטער פון דער תורה, שטעלט זיך אויף פאר אונזערע אויגן א וואונדערלאכער בילד פון יענער צייט, וואס מען קען עס קוים פארשטיין.

אין אזא קריטישע און ביטערע צייט, ווען די גרויסע מאסע מענשן, די שפּעטערדיקע אידן, זיינען געווען אזוי אונטערדריקט און פארשקלאפט. ווי טאָג ווי נאכט געארבייט די שווערסטע ארבייט, און עס איז ניט געווען קיין קרוב, קיין גואל, וועלכער זאָל מאָנען זייער „קריוודע", זאָל פּראָטעסטירן קעגן דעם גרויזאמען פארברעכן; עס האָט זיך ניט געפונען קיינער, וועלכער זאָל נעמען אויף זיך דעם קאמף צו פארגרינגערן זיי אביסל זייער שווערן לאסט. און די מענשן האָבן דאן שוין אין גרוים אַרבייט און קורצן אָטעם פארלאָרן אפילו זייער מענשן־ווערדע, און האָבן זיך געפילט נידריק, דערשלאָגן און געגליכן צו חיות און בהמות.

אין אזא צייט, קומט פלוצלונג צוגיין משה און רופט צוזאמען די עלטערע מענטשן, „אין נמלכים אלא בזקני העם" און זאָגט זיי ניט פארבאַהאַלטענערהייט און ניט דערשראָקן די מושלים פון מצרים: „משכו וקחו לכם צאן למשפחותיכם". איר, דאָס גאנצע פאָלק זאָלן פון דעם וויסן, אָן אונטערשיד, יעדע

פאמיליע באזונדער, זאָלט נעמען א שעפּסעלע ושחטו את הפסח — שלאכטעט פאר א קרבן פסח.

„ולקחתם לכם אגדת־אזוב וטבלתם בדם" — נאָכהער זאָלט איר נעמען פענזיל און איינטונקן אין די בלוט פון שעפּס „והגעתם אל המשקוף ואל שתי המזוזות" — און די בלוט זאָלט איר אָנשמירן פון דרויסן אויף די אושאקעס פון אריינגאנג־טיר, עס זאָל זיך זען פאר דעם אויג. „ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר" — איר אלע זאָלט זיין איינגעשלאָסן אין די היי־זער א גאנצע נאכט און ניט ארויסגיין ביז אינדערפרי.

וואונדער איבער וואונדער! ווען די אלטע לייט האָבן דער־הערט פון משה'ן אזוינע רייד, האָבן זיי דאך איבערראשט אים באדארפט פרעגן: א) ווי קענען מיר טאָן אזא שרעקלאכע זאך, מאכן פלוצלונג אזא ווידערשטאַנד, אראָפּוואַרפן דעם שווערן יאָך מיט איינמאָל, און נעמען א שעפּס, דעם הייליקן געץ פון מצרים און דאָס שלאכטן פאר זיי אין די אויגן? ב) נעמען פון די בלוט און אויסשמירן אויף אלע טירן פון די הייזער, פון אויסווייניק, כדי נאָך מער דערצערענען די מצריים, זיי ווייזן, וואָס מ'טוט מיט זייער גאָט? ג) און נאָכדעם פארשליסן זיך אין די הייזער אויף א גאנצע נאכט? ווי קענען מיר דאָס טאָן, ליבער משה? מיר זיינען דאָך אזוי אומגליקלאך, אזוי נידעריק פארשקלאפט, אז מיר האָבן מורא א הויך וואָרט אויסצורײדן, און דו הייסט אונז אָפן ארויסגיין מיט א מרידה? די מצריים וועלן דאָך אונז בא־פאלן פאר דעם פארברעכן און זיי וועלן פון אונז ניט לאָזן קיין שריד ופליט. ניין, משה, דו קענסט דאָס פון אונז ניט פארלאנגן, מיר זאָלן טאָן אזא זאך און זיך אליין אומברענגען.

אין פלוג האָט דאָך אזוי געדארפט זיין די רייד פון די אלטע לייט צו משה'ן, אז זיי קענען אים ניט פאָלגן. אָבער וואס האָבן באמת געטאָן די זקני העם? זיי האָבן ניט באוויזן קיין ווידער־

שטאַנד, ניט אָפּגעשלאָגן משה'ס רייד, נאָר, פּארקערט, מיט אַן ערנסט אבער מוטיק און פריילאך אָנגענומען משה'ס ווערטער און גלייך אוועק איבערגעבן דעם פאָלק אלץ וואס זיי האָבן פון אים געהערט. אויך דאס פאָלק האָט גלייך און גרייט איינגע־שטימט, ווי עס שטייט: „וילכו ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ד' את משה ואהרן כן עשו".

וואונדערלאך איז געווען די קראפט פון מסירת נפש, וואס די אידן האָבן באזעסן. אויך שטארק און פעלזן־פעסט איז גע־ווען די אמונה אין זייערע הערצער. זיי האָבן זיך פארלאָזן אויף דעם אויבערשטן, אז ער, כביכול, וועט שוין זיי גוט באשיצן פון די מעכטיקע באַטריגער — די מצריים. זיי האָבן אויך געגלויבט אין משה רבינו, וועלכער האָט זיך צו זיי באוויזן אין נאָמען פון גאָט, אויסצולייזן זיי מכור הברזל. זיי האָבן אויך געזען די פילע אותות ומופתים, וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן אין מצרים, און זיי האָבן געגלויבט, אז משה וועט פאר זיי קיין שלעכטעם ניט זוכן, און אז דערפון וועט ארויסקומען די גאולה. אפילו ווען די מצריים וועלן זיי וועלן טאָן שלעכטס, וועלן זיי אויך ניט קענען, און זיי וועלן מוזן קוקן און שווייגן. ווי די בעלי־המדרש זאָגן: „משכו וקחו לכם צאן — „יבושו כל עובדי פסל" היו המצריים רואים בכוריהם הרוגים ואלהיהם שחוטים ולא היו יכולים לעשות כלום" (מ"ר בא פ' טז).

דורך דער קראפט פון אמונה ומסירת־נפש, וואס די אידן האָבן דאמאָלסט באוויזן, האָבן זיי זוכה געווען צום חג הפסח — זמן חרותנו. זיי זיינען ארוים משעבוד לגאולה ומאפלה לאורה. פון דאמאָלט אָן, טויזנטער יאָרן ווערט דער זמן חרותנו געפייערט ביי אונז מיט שמחת־הנפש. פריילאך און באגייסטערט. מיר פארגעסן אווילע, אז מיר זיינען נאָך אין פינסטערן גלות, פאר־

יאָגט, פאַרפּלאָגט און געפּייניקט אין אלע לענדער, און מיר שרייען אוים — זמן חרותנו זכר ליציאת מצרים!

אונזער זמן חרותנו באשטייט ניט דוקא אין מאטעריאלישן לעבן, נאָר אויך אין גייסטיקן און רוחניות׳דיקן לעבן. אָט די אלע אלטע טראַדיציעס, וואס זיינען אונז פארבליבן פון אונזערע עלטערן, די תורה ומצות, אמונה ובטחון, מסירת נפש א. א. וו. און אלע צרות ועגוים, אלע אינקוויזיציעס, האָבן ניט געקענט ארויסרייסן פון אונז די טייערע אוצרות און אייגענשאפטן און דאָס האָט אונז אלעם געבראכט דער זמן חרותנו, און עס וועט פארבלייבן שטענדיק „זכר ליציאת מצרים“!

אָט די באגייסטערונג, וואס מיר האָבן אין יום-טוב פסח, רייסט ארוים פון אונזערע הערצער די שלעכטע אינסטינקטן (מעשים, מחשבות), וועלכע רופן זיך „עבודה זרה“ צו וועלכע די אידן אין מצרים זיינען געווען צוגעצויגן מיט א גרויסע קראפט. די שחיטת הפסח האָט דאמאָלט ארויסגעריסן פון זייערע הערצער די עבודה-זרה שבלב, און אויך ביי אונז רייסט דער חג ארוים די שלעכטע מדות, ווען מיר קומען צו אים יעדעם יאָר.

אויף דעם געדאנק זאָגן אונז די בעלי-המדרש: „משכו וקחו לכם צאן הה״ד בשובה ונחת תושיעון. אמר הקב״ה למשה כל זמן שישראל עובדים לאלהי מצרים אינם נגאלים, לך ואמרת שיניחו מעשיהם הרעים וכו׳ הה״ד משכו וקחו לכם — משכו ידיכם בע״ז הה״ד בשובה ונחת תושיעון.“ משה רבינו האָט ער-קלערט די אידן, אז מיט דעם וואס זיי וועלן שלאכטן דעם שעפּס פאר א קרבן-פסח, איז עס ניט נאָר א נקמה פון די מצריים, וואָס די אידן שלאכטן דעם אפּגאָט וואס איז ביי די מצריים פארהייליקט, נאָר פאר זיך אליין וועגן דארפן די אידן שלאכטן דעם שעפּס, — די אייגענע עבודה-זרה, — ארויסרייסן פון

הארצן און געדאנקען. „עבודה-זרה, הה"ד בשובה ונחת תושיעון" — די גאולה וועט נאָר צו אייך קומען ווען איר וועט בנחת, רואיק, שטיל, אויסבעסערן אייערע שלעכטע מעשים...

אויף דעם אופן דארף זיך דאָס אידישע פאָלק שטענדיק פירן בזמן הגלות, ארויסרייסן אלע שלעכטע געדאנקען, וואָס די חז"ל רופן זיי „עבודה-זרה" און ווען עס קומט דער חג הפסח דערמאנען זיך, וואס דאמאָלסט איז געווען בשעת שחיטת הפסח, און עס וועט מקוים ווערן „בשובה ונחת תושיעון. מיר וועלן ארויס מעבדות לחרות „וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות," במהרה בימינו, אמן.

כג.

לשבת חול המועד פסח

היתה עלי יד ד׳ ויוציאני אל הבקעה והיא מלאה עצמות וג׳ התחיינה העצמות האלה? — ותבוא בהם הרוח ויחיו. (הפטרת היום)

היינט, שבת חול המועד, הערן מיר לעזענדיק אין די בתי־כנסיות ומדרשות דעם וואונדערלאכן „שיר השירים". אין פאר־שידענע פארבן ווערט דאָרט געשילדערט דער פרילינג מיט אלע זיינע אייגנשאפטן: די בליענדע בוימער פון די גערטנער, די שיינע בערג פון כרמל, לבנון, שניר וחרמון, די שיינקייט פון דער נאַטור, וואס האָט אָנגעפילט אונזערע הערצער מיט שמחה. מיר דערשפירן דעם שיינעם פרילינג, וואס אונזער פאָלק ישראל מיט דעם וועלט־באשעפער ווערן צו דעם געגליכן. (הדוד והרעיה).

אין דער זעלבער צייט הערן מיר אויך אנדערע פארשטע־לונגען פון דער הפטרה: א גרויסער טאָל. קיין בוימער, קיין פרוכט, קיין נאַטור פרישקייט און לעבעדיקייט נאָר עצמות יבשות, פארטריקנטעביינער פון טויטע מענשן: קעפ, הענט, פיס און פארשידענע גלידער צושפרייט איבער דעם גאנצן ליידיקן פלאץ.

ביידע געגנגעזעצטע פארשטעלונגען באצייכענען אונזער פאָלק אין זיין גאנצן געשטאלט. ווען אידן זיינען געווען אין זייער לאַנד אין א זעלבסטשטענדיקע מלוכה. רואיק, פרייילאך, „איש תחת גפנו ותאנתו." דער בית המקדש מיט אלע זיינע הייליקייטן אלעם אויף זיין אָרט און פלאץ. „כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם

וישראל במעמדם." יעדער ווינקל פון לאנד האָט געשיינט און געלויכטן, — דאמאָלט האָט דאס אידישע פאָלק געהאט דעם אויסזען ווי אין דער פארשטעלונג פון שיר השירים.

שפּעטער, אז דאָס אידישע פאָלק איז ארויסגעטריבן געװאָרן פון זיין לאנד, עס איז אלעס חרוב געוואָרן און די אידן האָט מען צעטריבן אין פרעמדע לענדער, און אין די גרויסע וואַגלונגען זיינע פילע טויזנטער מענטשן אויסגעגאנגען פון הונגער און דאָרשט, געשטארבן אין גרוים ענויים אין די וועלדער און פעלדער אויף די וועגן פון זייערע וואנדערונגען. דאן איז שוין צוגעפּאסט די פארשטעלונג פון נביא: „בקעה מלאה עצמות יבשות".

דער נביא באטראכט דעם בילד און וואונדערט זיך, פרעגט גאָט ביי אים: „התחיינה העצמות האלה?" איז נאָך דאָ עפּעס האָפענונג, אז די פארטריקענטע ביינער פון די טויטע קערפּערס זאָלן אָפּלעבן? ענטפערט דער נביא ערנסט: „ד' אלקים אתה ידעת". דו, גאָט, ביזט דער איינער, וועלכער קען וויזן דעם וואונדער פון תחית המתים.

גלייך מיט דעם זעט דער נביא ותקרב עצם אל עצמו. די טויטע ביינער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באוועגן און זיך צוגעצויגן איינער צום צווייטן, עס איז אין זיי אריינגעבלאָזן געוואָרן אַ רוח חיים און דאן פלוצלונג — ויחיו ויעמדו על רגליהם חיל גדול מאד. דער נביא שטייט פארוואונדערט, פארטראכט, קוקט זיך צו וואס עס האָט פּאסירט מיט די טויטע פארדאַרטע ביינער.

דאמאָלט זאָגט גאָט צו אים: „וואָס וואונדערסטו זיך? — זיי ווייסן העצמות האלה כל בית ישראל המה. — די ביינער — דאָס איז אַ באווייז אויף דעם גאנצן אידישן פאָלק, אויף די טויזנטער יאָרן וואָס די אידן וואנדערן אין די גלות-לענדער, צוזייט און צושפּרייט, הונגעריקע און דורשטיקע, קראנק און שוואך,

איבער די גרויסע טאָלן, פעלדער און וועלדער, באין רוח חיים, אינגאנצן טויט...

אין אזא שלעכטע און קריטישע צייט, פארלירן די אידן דעם מוט און האָפענונג, פאלן אריין אין א יאוש „הנה אומרים יבשו עצמותינו ואבדה תקותנו נגזרנו לנו.“ מיר זיינען אינגאנצן טויט, פארלאָרן אָן א האָפענונג...

און גאָט זאָגט ווייטער: דו, נביא, זאָג אָן מיין פאָלק ישראל, און גיב זיי דערמיט טרייסט און האָפענונג: כה אמר ד׳, הנה אני פותח את קברותיכם וגו׳ ונתתי בכם רוח וחייתם — והנחתם אתכם על אדמתכם. איהר וועט ווייטער אויפלעבן. אייערע אויסגעטריקנטע ביינער, וועלכע האָבן זיך געוואלגערט אין אלע וויסטע מדבריות, וועלן פול ווערן מיט בלוט און פלייש. עס וועט פארצויגן ווערן מיט א נייע און פרישע הויט. איר וועט ווערן לעבעדיק, און איר וועט ארויסגיין פון די פינסטערע טיפע קברים, אין וועלכע איר זייט געווען פארגראבן זייט טויזנטער יאָרן. איך וועל אייך ברייננגען אין אייער לאנד. עס וועט ווייטער פאר אייך ווערן דער פרילינג (עת־האביב) מיט אלע זיינע שיינע אייגענשאַפטן: ההר הכרמל וחשרון, יער הלבנון און נאָך זאכן, וועלכע זיינען פארגעשטעלט אין שיר השירים.

עס וועלן אויך מקוים ווערן די איבעריקע ווערטער פון זעלבן נביא: „ואני לוקח את בני ישראל מבין הגוים וגו׳ ועשיתי אותם לגוי אחד בארץ בהרי ישראל וגו׳ ונתתי את מקדשי בתוכם לעולם.“ אָט דאמאָלסט וועט אונזער פרייד זיין אינגאנצן, און מיר וועלן אלע זינגען פרייליך שיר השירים.

———:———

כד.

לשביעי של פסח

ויהי בשלח פרעה את העם וגו' ויסב אלקים את העם דרך המדבר ים־סוף וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים, וגו'. (פרשת היום)

די אידן גייען ארוים פון מצרים פריילאך, מוטיק און שטאָלץ. זיי רייזן פון רעמסס אין סכות, פון סכות אין איתם, נענטער צום ים סוף. אַ גאנצע מחנה, אלטע און יונגע, באוואפנט מיט פאר־שידענע געווער, בחרבות, בקשתות, בתריסים, באלות ורמחים. (ירושלמי שבת פ"ו ה"ז). לאָזן זיך מוטיק אין וועג. די מחנה שטעלט זיך אָפּ אין וויסטן מדבר ביים ים־סוף. עס איז קיינער ניטאָ. עס זעען זיך נאָר די הימל, ערד און וואסער פון ים. פאר וועמען איז זיך דאָ צו שרעקן זיך?

אָבער פלוצלונג, אומגעריכט, וישאו בני ישראל את עיניהם והנה מצרים נוסע אחריהם. הינטער זיי איז אויסגעוואקסן אַ גרויסע מחנה מצרים, מיט דעם קעניג דעם אָנפירער פון דער מחנה, — ופרעה הקריב, — באוואפענט מיט מיליטער־לייט, פוס־גייער און רייטער, און זיי דעריאָגן באלד די אידן: וישיגו אותם חונים על הים".

די זעלביקע מחנה וואס מיט א ווײַלע פריער איז זי געווען אזוי פריילאך, מוטיק און שטאָלץ, האָט זיך אינגאנצן פארלאָרן. אַ טויט־שרעק איז איר באפאלן, ויראו מאד. זיי האָבן גלייך אָנ־געהויבן שרייען: המבלי אין קברים במצרים לקחתנו למות במדבר. זיי האָבן חרטה געקראָגן אויף דעם גאנצן געשעפט:

כי טוב לנו עבוד את מצרים. עס לוינט גאר ניט פאר אונז דער גאנצער ענין פאר יציאת מצרים. ניט דאס האָבן מיר געמיינט.

משה רבינו, הערנדיק פון זיי אזעלכע טענות, האָט אויף זיי קיין פארדרוס ניט געהאט. ער האָט זיי אויסגערעכנט צום גוטן זייט. אז זיי ליידן עס מחמת מורא און אין אדם נתפס על צערו. האָט ער זיי געזאָגט מיט א ווייכן טאָן, אל תיראו! שרעקט זיך ניט, התיצבו וראו את ישועת ד׳ אשר יעשה לכם היום. איר וועט שוין זען מיט אייערע אויגן די ישועה וואס גאָט וועט פאר אייך טאָן, איר וועט איבערגעבן אייערע קינדער אין שפעטער־דיקע צייטן, אז דאָס אידישע פאָלק דארף זיך ניט מיאש זיין אין אן עת־צרה. מען דארף ניט אָנווערן דעם מוט, די האָפענונג, אז עס איז פאראן א גאָט, וואָס קוקט אויף אייך „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל". עס איז פארבליבן דער מיטל: „ד׳ ילחם לכם ואתם תחרישון." קוקט און שווייגט. שרעקט זיך ניט פאר דעם שונא. ער וועט באלד האָבן די מפלה און איהר וועט האָבן דעם נצחון מיט דער ישועה.

דבר אל בני ישראל ויסעו. גאָט זאָגט צו משה׳ן: זאָג די אידן, זיי זאָלן גלייך זיך ציען אין ים. פון קליין ביז גרויס דארפן זיי אלע גיין. עס איז א גרויסער נסיון פון מסירת נפש, און מיט דעם מוזן זיי געפרואווט ווערן היינטיקן טאָג; מיט דעם וועלן זיי באווייזן דעם קראפט פון אמונה ובטחון אין גאָט, מער ווי זיי האָבן באוויזן מיט דעם ארויסגאנג פון מצרים. מיט יציאת מצרים האָבן זיי זיך געשאפן א חרות הגוף, זיי האָבן אויפגע־הערט צו זיין עבדים לאדוניהם, אבער אין רוח האָבן זיי נאָך ניט געהאט קיין חרות. פון די פילע יאָרן עבדות איז זייער רוח גע־ווען משועבד. קריעת ים סוף האָט זיי געבראכט דעם חרות־הרוח אין דער העכסטער מדרגה. זיי האָבן געזען די גרויסע וואונדער וואס גאָט האָט זיי באוויזן. ער האָט זיי דורכגעפירט

אין די טיפענישן פון ים; ער האָט זיי געלאָזט לעבן אין דעם זעלבן אָרט, וואו די מצרים האָבן געפונען זייער טויט. וירא ישראל את היד הגדולה וכו' ויאמינו בד' ובמשה עבדו. די אמונה האָט זיי מיטגעבראכט צו זאָגן שירה. ווי די חז"ל זאָגן: „תבואי תשורי מראש אמנה" (שיה"ש) דאָס וואס דו האָסט זוכה געווען צו זאָגן שירה, ווייל דו האסט פון אָנפאנג געהאט גרויס אמונה אין גאָט. (מ"ר בשלח).

קריעת ים סוף האָט פארענדיקט וואס יציאת מצרים האָט אָנגעהויבן. יציאת-מצרים האָט געבראכט צו דעם מצב פון חרות הגוף, און קריעת ים סוף צו חרות הנפש. די ביידע כחות זיינען ביי די אידן געשלאָסן צוזאמען אין די געדאנקען: אז חרות הנפש והרוח קען ניט זיין אָן חרות הגוף. ווען דער גוף ווערט אונטערדריקט פון פרעמדע כחות (ברשות זרים) דאמאָלט איז דער גייסט אויך אונטערדריקט צו די פרעמדע כחות.

אָט דעם געדאנק האָט שטענדיק דאס אידישע פאָלק, און מיר זאָגן דאָס אלע טאָג: העושה לנו נקמה בפרעה, אותות ומופסים באדמת בני חם — ויוצא את עמו ישראל מתוכם לחרות עולם. פריי אין גוף און פריי אין נפש, און די ביידע כחות האָבן זיך אויפגעשלאָסן אין דעם זמן חרותנו, דעם חג-הפסח, אין וועלכן אונזערע עלטערן זיינען ארוים פון מצרים.

———:———

כה.

לל״ג בעומר

שנים עשר אלף תלמידים היו לו לר׳ עקיבא, מגבת ועד אנטיפרס, וכלם מתו מפסח ועד עצרת וכו׳ מפני שלא נהגו כבוד זה לזה.

(יבמות סב)

דער טאָג ל״ג בעומר איז באצייכנט ביי אונז פאר א נאַציאָנאלן יום טוב. דער טאָג איז איינגעקריצט אין אונזערע הערצער נאָך פון די קינדערשע יארן. אין דעם טאָג זיינען אלע תלמידים פון ישיבות און חדרים געווען פריי פון לערנען. די ראשי־הישיבות און די מלמדים פלעגן צוזאמענקומען מיט די תלמידים און ארויסגיין אויף די פעלדער, מאכן סעודות און פארברייגגען פריילאך און לוסטיק דעם גאנצן טאָג.

דער טאָג ל״ג בעומר, איז איינער פון די ספירה טעג. די ספירה טעג זיינען ביי אונז פאררעכנט פאר ימי אבלות, טרויער־טעג, נאָך פון תקופת ר׳ עקיבא, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. די חכמי־התלמוד דערציילן אונז די סיבה פון דעם טרויער: אין די פיער וואָכן, פון פסח ביז ל״ג בעומר, זיינען צוועלף טויזנט תלמידים פון ר׳ עקיבא אויסגעשטארבן מיט א שרעקלאכן טויט (אסכרה) אבער פון דעם טאָג ל״ג בעומר האָבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן. דעריבער איז דער טאָג פאררעכנט געוואָרן פון דאַמאָלסט אָן פאר א יום־טוב*).

*) אין די שפעטערדיקע תקופות איז מען נוהג אבלות אויך פון ל״ג בעומר ביז ר״ח סיון, ווייל אין יאָר תתנ״ו זיינען פאָרגעקומען גרויסע הריגות אויף אידן אין דער צייט פון ל״ג בעומר ביז ר״ח סיון. האלטן מיר שוין אבלות די גאנצע ספירה טעג.

נאָך ווערט אונז איבערגעגעבן, אז אין דעם טאָג ל"ג בעומר איז געווען דער גרויסער נצחון פון בר־כוכבא איבער די רוימער, און אונזער פאָלק מיט דעם לאנד זיינען באפרייט געוואָרן פון שונא דורך די גבורות וואָס בר־כוכבא מיט די אידישע העלדן האָבן באוויזן. אלס סימבאָל און אָנדיינקען נעמט מען ארוים די קינדער אין די וועלדער און פעלדער און זיי שיסן דאָרט מיט ביקסלאך און בויגנס.

ווען ר' עקיבא'ס תלמידים זיינען אויסגעשטאָרבן, זאָגן חז"ל: היה העולם שמם — די וועלט איז פארוויסט געוואָרן פון תורה. עס איז גאָר אויסגעלאָשן געוואָרן איר ליכטיקייט, עד שבא ר' עקיבא אצל רבותינו שבדרום ושנאה וכו' והם העמידו תורה באותה שעה (יבמות שם).

דער גרויסער רבי עקיבא, זייענדיק אזוי צובראָכן פון דעם טראגישן טויט פון זיינע טויזנטער תלמידים, איז ער דאָך אבער ניט אראָפגעפאלן אין מוט, ער האָט געזוכט און נאָך אויסגעפונען געציילטע תלמידים מקשיבים, און דורך זיי געמאכט ווייטער אויפלעבן די תורה צו די שפּעטערדיקע דורות. און ער האָט מצליח געווען! פון די תלמידים נפלאים איז די תורה אויפגע־האלטן געוואָרן ביז היינטיקן טאָג.

דעריבער, ווען דער טאָג ל"ג בעומר קומט אָן, דארפן מיר ניט פארגעסן אז פון אים אָן, האָט צוריק אָנגעהויבן לייכטן דער אור התורה אין פולן קראפט. מיר דארפן אויך געדיינקען אָן בר־כוכבא'ן, וועלכער האָט באזיגט דעם שונא און דערמיט אריינגעבראכט העלדן־מוט און ענערגיע אין אונזער פאָלק אויף אלע דורות, דינענדיק זיי פאר א מוסטער, וואס אַ שטארקער גייסט קען אויפטאָן. און אונזערע פאָלקס־העלדן וואס מיר האָבן פארמאָגט אין די שפּעטערדיקע דורות, זיינען אלע געווען באַ־ווירקט פון בר־כוכבא'ס גייסט.

אַט דאָס אלעס, אויב מיר ווילן זיך דערמאנען אין דעם טאָג ל״ג בעומר, וועט דאס אונז צוגעבן מוט און גבורה אין אונזער גייסטיקן לעבן. די לאנגע פעדים וועלכע ציען זיך פון יענע תקופות פון אונזערע פאָלקס־העלדן, ווי ר׳ עקיבא און בר־כוכבא, וועלן זיך באהעפטן מיט אונז, זיי וועלן נאָכמער דערהויבן אונ־זער הויכן גייסט פון תורה ואמונה, ניט זיך צו פארלירן און אָנווערן דעם האָפענונג אין שווערע צייטן, נאָר זיין דורכגע־דרונגען מיט דעם גייסט און העלדן־מוט פון יענע גבורים.

דער כח פון אונזער גייסט, — דאָס איז אונזער דגל, אונזער שטאָלץ, אונזער פעסטונג, אונזער קוואל און אונזער יניקה פון לעבן. דעם קראפט דארפן מיר פארפעסטיקן אין אונזערע הער־צער, און דאס וועט אונז געבן פרישע קרעפטן נאָך שטארקער צו לעבן און עקזיסטירן און אלע פעלקער וועלן זען, אז עם ישראל חי וקיים לעולם.

כו.

לחג השבועות (א)

ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.
(שמות פ' יתרו—ופרשת היום)

דער יו"ט שבועות איז באצייכענט אין דער תורה מיט פאַרשידענע נעמען חג השבועות יום הבכורים, די חז"ל רופן אים עצרת. די מסדרי התפלה רופן אים מתן תורתנו, ווייל נאָך די קבלה פון חז"ל איז די תורה געגעבן געוואָרן אויף דעם בארג סיני, דעם זעקסטן טאָג אין סיון, און דאָס איז דער יו"ט שבועות.

באמת דארפן מיר דעם יום טוב רופן מתן־תורתנו מער ווי מיט די אנדערע נעמען. מיר דארפן ניט פאַרגעסן די וויכטיקייט פון דעם הייליקן טאָג, וואס אין אים איז געגעבן געוואָרן די תורה. אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא. מיר שטעלן זיך פאָר וואס פאַר אן איינדרוק דער טאָג האָט געמאכט מיט טויזענטעריאָרן צוריק, ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן, אויף אונז אידן בפרט און אויף דער גאנצער וועלט בכלל.

די בעלי־המדרש ערקלערן אונז אין קורצע ווערטער: כשנתן הקב"ה את התורה צפור לא צוח, עוף לא פרח, שור לא געה, אופנים לא עפו, שרפים לא אמרו קדיש, הים לא נזדעזע, הבריות לא דברו אלא העולם שותק ומחריש (מר' יתרו). שטיל, רואיק, די גאנצע וועלט. אלע ברואים פון דער וועלט האָבן געשוויגן און ניט ארויסגעלאָזן קיין שטימע. אפילו דער שטורמדיקער ים

האָט זיך רואיק געהאַלטן יענע צייט. די מלאכים ושרפים האָבן ניט געזאָגט קיין שירה, און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו דעם קול פון דעם נותן התורה, ווען ער האָט גערעדט די עשרת הדברות.

איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן, שטייט געשריבן: ויהי ביום השלישי כהיות הבקר ויהי קולות וברקים וענן כבד על ההר וקול שופר חזק מאד ויחרד כל העם אשר במחנה. גרויסע שרעק און ציטערנים. א גרויסער טומל און געפּילדער, אַלע מעשי בראשית זיינען געוועזן פאַרציטערט „העולם כלו חל מפניך ובריות בראשית חרדו ממך (מוסף לר"ה) — און מער פון אַלע, די אידן מקבלי התורה. אבער צו די עשרת הדברות — אין פוצה פה ומצפצף. „כשירד הקב"ה על סיני השתיק כל העולם כולו, כדי שידעו הבריות שאין חוץ ממנו ואמר אנכי ד' אלקיך (מ"ר שם).

פאַר קבלת התורה האָט משה געזאָגט צו די אידן: אויב איר וועט היטן די תורה, א) וועט איר זיך אויסצייכענען און זיין באַליבט מער ווי אַלע אומות-העולם, (והייתם לי סגולה מכל העמים. ב) איהר וועט זיין אויסגעבילדעט מיט דער תורה אין הויכן גייסט, איר וועט זיין ממלכת כהנים וגוי קדוש.

די פּראַקטיק האָט אונז געוויזן, ווי ריכטיק די ווערטער זיינען פאַר אונז געבליבן. אין אַלע תקופות, ווען אידן האָבן געלערנט און געהיט די חקי התורה והיהדות, זיינען זיי ביי אַלע-מען געווען געאַכטעט און געשעצט, זיי האָבן געדינט פאַר א מוס-טער; ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזן די תורה און פאַרבראָכן די אמונה, זיינען זיי געוואָרן לחרפה ולבזיון, ללעג ולקלס. ערומים נותרנו ורבתה הרעה.

אמר ריב"ל בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. דער קול וואס

האָט זיך מיט טויזנטער יאָרן צוריק געלאָזט הערן פון אונזערע עלטערן בשעת קבלת התורה נעשה ונשמע, גיט איצט פון זיך א ווידערקול, וועלכער גייט ארוים אלע טאָג און שרייט אוים: „אוי להם לבריות" פון די עלענטקייט, און וואס די תורה איז פאר־בליבן. מען האָט אלע צוגעזאָגט, „מיר וועלן היטן און טאָן" און יעצט האָט מען די תורה אוועקגעוואָרפן און געלאָזן אזוי עלענט, מען רעכענט זיך ניט מער מיט אירע פארזאָגן. דער שבת איז הפקר, אלע עשרת הדברות ווערן ניט געהערט. מיט וואָס קענען מיר זיך פארענטפערן? וואו איז אונזער הבטחה נעשה ונשמע? מיר דארפן זיך שעמען פון חרפה ובזיון פאר דעם שקר וואָס מיר האָבן געזאָגט.

אין דעם טאָג פון מתן תורה, דארפן מיר געדיינקען, וואס די תורה זאָגט אונז אָן „רק השמר לך ושמר נפשך מאד, פון תשכח את הדברים אשר ראו עיניך — יום אשר עמדת לפני ד' אלקיך בחורב" (דברים ד') און אויף דעם האָבן מיר מבטיח געווען מקיים צו זיין אלעם וואס די תורה הייסט, דארפן מיר דאָס אָפּ־היטן: אליין לערנען די תורה, און ווירקן אויף אונזערע קינדער זיי זאָלן לערנען און היטן די מצות התורה. „והודעתם לבניך ולבני בניך" אָט דאמאָלסט קענען מיר האפן, אז מיר וועלן וויי־טער צוקומען צו דער מדרגה, פון א) והייתם לי סגלה מכל העמים; ב) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.

כז.

לחג השבועות

ביום חתונתו זה סיני — וביום שמחת לבו — זה מתן תורה.
(שיר השירים רבה סוף פ"ג).

דער געטלאכבער משורר אין זיין שיר-השירים שטעלט פאר די כנסת ישראל מיט דעם נאָמען כלה, און דעם אויבערשטן אין דער פאָרם פון א חתן (דוד ורעיה). און דער גאנצער שמועס, וואָס קומט פאר צווישן דוד ורעיתו (הקב"ה וכנסת ישראל) רעדט זיך אלעס וועגן דער אהבה, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן זיי אין דעם טאָג, וואס כנסת ישראל האָט מקבל געווען די תורה אויפ'ן בארג סיני.

יענער טאָג ווערט גערופן, לויט די בעלי המדרש, יום חתונתו ושמחת לבבו. דער רבש"ע איז געווען צופרידן פון דעם שידוך, וואָס ער האָט געטאָן מיט דעם אידישן פאָלק בשעת מתן-תורה. דורך דער תורה זיינען די אידן פארבונדן געוואָרן אויף אייביק צום רבש"ע באהבה, ווי דער נביא זאָגט „וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ומשפט, וארשתיך לי באמונה וגו' (הושע א).

דער מנהג העולם איז, ווען מאן און ווייב לעבן אין פרידן צוזאמען, מאכן זיי יעדעם יאָר, צום טאָג פון זייער חתונה א גרויסע סעודה און זיינען זיך משמח מיט פיל געסט און פריינט. אז עס פארלויפן 25 יאָר פון זייער חתונה, מאכן זיי א גרעסערע שמחה און זיינען זיך משמח צוזאמען מיט זייערע קינדער און פיל פריינט, מען רופט דאָס די זילבערנע חתונה (חתונת כסף),

ווער רעדט, אז מען לעבט אָפּ 50 יאָר צוזאמען, דאמאָלט איז די פרייד גאָר גרויס און צוזאמען מיט דער גאנצער משפחה, קינ־דער און אייניקלאך, פייערט מען די גאָלדענע חתונה (חתונה זהב). דאָס איז אלעס גערעדט, ווען זיי זיינען צופרידן פון זייער צוזאמענבונד, ווען אלעס איז פארלאָפן גוט, און זיי האָבן גע־לעבט מיט ליבשאפט, דאמאָלסט קענען זיי מאכן דעם אנדענקונג יעדעס יאָר אין זייער לעבן.

ווען אָבער מאן און ווייב זיינען ניט צופרידן איינער מיט דעם אנדערן, ווען פון דעם טאָג פון נאָך דער חתונה קומען פאָר כסדר מחלוקת, שנאה, אינטריגעס און פרוד לבבות, — דאמאָלט מאכן זיי שוין ניט קיין סעודות, מען פייערט ניט קיין זילבערנע און גאָלדענע חתונות. זיי פארשילטן דעם טאָג, אין וועלכן זיי זיינען געגאנגען צו דער חופה, זיי ווילן דעם טאָג גאר ניט דער־מאנען, און וואס מער זיי פארברייננגען צוזאמען, זיינען זיי מער ניט צופרידן.

דאָס זעלבע איז מיט די אידן, ווען דער משורר רימט די כנסת ישראל פאר דעם רבש"ע און האָט געזאָגט: „יום חתונתו ושמחת לבבו זה מתן־תורה," די פרייד פון הקב"ה וכנסת ישראל איז גרויס, דאָס איז, ווען די אידן זיינען שטארק צוגעבונדן צו תורה ומצות און זיי לעבן באהבה ושלום, דאמאָלסט, ווען עס קומט דער טאָג פון מתן תורה, שבועות, יום חתונתו ושמחת לבבו, איז די פרייד פון הקב"ה וכנס"י זייער גרויס, און מען פארברייננגט דעם טאָג בשמחה ומשתה; אָבער ווען די כנסת ישראל גייט אראָפּ פון דרך התורה, עס ווערן צעשטערט די יסודי האמונה והדת, מען איז מחלל שבת, מען איז ניט ריין אין דער עברה פון עריות, מען טוט פיל אומרעכט בין אדם לחבירו, בגנבה, גזלה ואונאה, אלע עשרת הדברות ווערן ניט אָפּגעהיט.

קען מען דען אין אַזאַ מצב מאכן א יו"ט אין דעם טאָג פון

מתן תורה און זיין פרייליך? קענען מיר דען זאָגן אין דעם טאָג „יום חתונתו ושמחת לבו — זה מתן תורה? וואָלטן מיר כאָטש געלערנט די קינדער די תורה, וואָלט אויך גוט געווען. שרייט אבער אוים דער רבש״ע ביטער: „אותי עזבו ואת תורתי לא שמרו. הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״ (פתיחתא דאיכא רבתי). אונזערע קינדער ווארפן אוועק די פרישע קוואל וואסער און גייען זוכן פארדאָרבענע וואסער „אותי עזבו מקור מים חיים לחצות להם בארות נשברים.״ (ירמי׳ ב).

דארפן מיר זען ווי ווייט מעגלאך, ווען מיר קומען צו דעם הייליקן טאָג פון מתן תורה (חג השבועות) יעדעס יאָר, אָנווענדן אונזערע קרעפטן און היטן תורה ומצות. מיר דארפן ווירקן אויף אונזערע קינדער, זיי זאָלן האלטן פעסט דעם דגל התורה אין זייערע הענט און ניט פארגעסן פון דעם שדוך, וואָס די כנסת ישראל האָט געשלאָסן מיט דעם נותן התורה, לעבן צוזאמען באהבה ושלום דורך דער תורה, וואס דרכיה דרכי נועם ושלום. דאמאָלט וועלן מיר געווים קענען ריכטיק זאָגן אין דעם טאָג פון מתן תורה: „ביום חתונתו — זה סיני וביום שמחת לבבו — זה מתן תורה.״

———:———

כח.

דרשה לחג השבועות*)

ניט אומזיסט פייערן מיר, אידן, אליין דעם יום טוב פון מתן־תורה, ווייל די תורה באלאנגט צו אונז און די איבריקע אומות פון דער ערד האָבן אין איר קיין חלק ניט.

אלעמען איז דאָך באקאנט די אגדת חז"ל, ווי גאָט ברוך הוא האָט ארומגעטראָגן די תורה צו אלע פעלקער און קיינער האָט ניט געוואָלט נעמען. יעדער האָט פריער געוואָלט וויסן מה כתוב בה, וואס שטייט אין איר, וואס פאר התחייבות ליגט זי ארויף אויף דעם מענשן? אָבער מיר האָבן געוואוסט די גרויס־קייט פון בורא און פארשטאַנען, אז אלעס איז פאר אונזער טובה און געזאָגט גלייך נעשה ונשמע.

און אפילו נאָכדעם ווי עס איז פראקלאמירט געוואָרן די עשרת הדברות און , אידן, פירן זיך עפ"י חוקי התורה, האָבן די גוים פון אונז גאָר ניט געלערנט און זיינען אזוי ווייט פון דער תורה ווי אמאָל. זיי האָבן ניט קיין ריכטיקע אמונה אין אחדות הבורא, האלטן ניט פון „אנכי ולא יהיה לך", זיי דינען נאָך אלץ צו דער עבודה זרה פון שווערד, זיי האָבן אמונה אין ברוטאלער פיזישער מאכט, און ווילן ניט קענען די הומאנע פרינציפן פון די עשרת הדברות.

אויף אויפצונעמען די תורה האָט מען געדארפט האָבן אן הכנה, מען האָט געדארפט זיין טראַדיציאָנעל צוגעגרייט אויף צו באגרייפן די הויכע אידעאלן און ערהאבענקייט פון דער תורה, און דאָס זיינען געווען נאָר מיר, די אידן.

ביי אונז האָט זיך מתן תורה ניט אָנגעפאנגען אין דער מדבר. דער פרינציפּ פון אחדות איז ביים בארג סיני ניט צום ערשטן מאָל פראָקלאמירט געוואָרן.

מיר האָבן די עשרת הדברות שוין געהיט א סך פריער איידער מיר האָבן עס געהערט פון הקב"ה. שוין אונזער פאָטער, אברהם אבינו, קבל את התורה כולה עד שלא נתנה", ער האָט אנערקענט דעם בורא און מקיים געווען די גאנצע תורה. ער האָט שוין אָפּגעהיט אלע מצות, די פרינציפּן פון מאָראל און האָט זיי איבערגעלאָזן בירושה צו די קינדער און אייניקלאך — בני-ישראל.

ווען אונזערע עלטערן זיינען געווען אין מצרים, זיינען זיי שוין געווען א באזונדער פאָלק, מיט אייגענע זיטן, מנהגים און דעות. ווי דער חז"ל און מדרש ברייינגען אונז אין פיל ערטער. דעריבער טאקע האָבן אונז די מצריים פיינט געהאט, אונז אָפּגעשלאָסן אין גושן, געמאכט תחומים, וואו מיר מעגן זיין, וואו ניט, און אונז ארומגעצוימט מיט א וואנט פון גזרות און עינויים.

אמת, דער עול פון עבודה האָט אונז דאן צייטווייליק פארזונקן צוריק אין די מ"ט שערי טומאה, די עבודת פרך האָט פארשקלאפט אונזערע קערפּערס ווי אויך אונזער גייסט, אונזערע הערצער זיינען פארשטאָפּט געוואָרן און אונזערע מחות פארטעמפּט. אָבער דאָס איז נאָר געווען אויף א ווייַלע.

באפרייענדיק זיך פון מצרים זיינען אונזערע עלטערן שנעל געקומען צו זיך, און נאָך א קורצע צייט אין די נדודים פון מדבר, זיינען זיי שוין געווען פייאיק צו שטיין ביים בארג סיני און קענען אָננעמען די תורה.

זיי האָבן אָנגענומען די תורה ווי א טייערן אוצר, וואס גיט גליק און תכלית אין לעבן. זיי האָבן אבער גוט געוואוסט, אז

צוליב דער תורה וועלן זיי אויסשטיין פיל נגישות, זיי וועלן ליידן פיל צרות.

זיי האָבן געוואוסט, אז זיי זיינען א קליין, פיזיש שוואכע פאָלק, וועלכע וועט דארפן קעמפן קעגן אלע פעלקער. זיי האָבן באגריפן, אז די פאָן פון דער תורה, מיט די אידעאלע פארזאָגן מיט די הייליקע עשרת הדברות, איז ניט נאָך דעם מושג פון די געצן-דינער, בלוט-דורשטיקע פעלקער, וועלכע האָבן זיי ארומגערינגעלט, און אז יענע עמלקים וועלן זיי זוכן צו פארניכטן, ניט צוליב קיין זאך נאָר „מלחמה לד׳ בעמלק״. א מלחמה צוליב גאָט. „ונקמתי את נקמתי״ — נקמה פאר גאָט.

אונזערע עלטערן האָבן דאָס קלאָר געוואוסט פאָראויס, דאָך האָט זיי קיין זאך ניט אָפגעשראָקן, ווייל די הייליקייט פון דער תורה איז ביי זיי געווען העכער פון אלע נגישות, און אז אלעס לוינט צו ליידן צוליב די תורה.

זיי האָבן גלייך מסכים געווען „נעשה ונשמע״ און באשלאָסן, אַז עס איז בעסער צו שטיין אויף א הויכע גייסטיקע מדרגה און ליידן, איידער צו האָבן אלערליי תענוגים, און צו לעבן ווי אלע פעלקער, ווי ווילדע חיות.

שוין מער ווי דריי טויזנט יאָר זיינען פון דאן פארלאָפן. פיל, זייער פיל איז דאָס אידישע פאָלק פאר דער צייט אויסגעשטאַנען. פול מיט בלוט און פיין זיינען די בלעטער פון דער אידישער געשיכטע. ווינציק, זייער ווינציק זיינען די ליכטיקע טעג וואס אונזער פאָלק האָט ווען עס איז אָנגעזען, דאך האָבן זיי קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאט אויף דעם שדוך. די תורה איז געווען און איז ביז איצט ביי זיי באליבט, זיי שטאָלצירן מיט איר און פייערן דעם יום-טוב פון מתן תורה מיט גרוים פאָראד.

טראָץ דעם וואס מיר, אידן, שווימען נאָך איצט אין א ים פון פעלקער שנאה; מיר זיינען ארומגערינגלט פון שונאים אָפענע

און באהאלטענע, מירליידן פיל רדיפות עקאָנאָמישע און נאָך מער גייסטיקע, דאָך זיינען מיר פול מיט בטחון און האָפענונג, אַז גאָט ברוך הוא וועט אונז גאָר אינגיכן דערלייזן פון אלע צרות. מיר גלויבן, אז די צוקונפט איז נאָנט, ווען מיר אידן וועלן טריאומפירן איבער אלע אמונות. מיר ווארטן, אז גאָר אינגיכן וועט מיט אונז מקוים ווערן „ובכן תן כבוד ד' לעמך וכו'" מיר זיינען זיכער, אז דער געוויסן פון די פעלקער וועט אינגיכן דערוואכן און זיי וועלן אנערקענען די אומרעכט וואָס זיי זיינען באגאנגען קעגן אונז, און זיי וועלן טייער האלטן די תורה, די הויכע אידעאלע פרינציפּן, צוליב וואס מיר האָבן גע־ליטן און עס וועט זיין ויראוך כל המעשים וכו' ויעשו כלם אגודה אחת. אלע פעלקער וועלן מאכן איין בונד, אלע וועלן לעבן אין שלום ואחדות, און מיר אידן אלם אן אייגן פאָלק אין אונזער אייגן לאנד וועלן מיט שמחה לעבן אומגעשטערט עפ"י רוח ודרכי התורה.

כט.

לשבת חזון

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני, תדבק לשוני
לחכי אם לא אזכרכי, אם לא אעלה את ירושלים
על ראש שמחתי. (תהלים קל"ז)

עס איז ניטאָ קיין פאָלק אויף דער וועלט, וועלכעס זאל היטן זיין נאַציאָנאלן טרויער און באוויינען אזוי דעם חורבן פון זיין לאנד, ווי דאס אידישע פאָלק. טויזנטער יאָרן זיינען פאַר־לאָפן זייט דעם חורבן פון בית ראשון ושני און דאָך איז דער טרויער אזוי פריש ביי יעדן אין הארצן, ווי דאָס וואָלט נאָר וואס געהאט געטראָפן.

די ארויסגעטריבענע געטלאכע משוררים פון אונזער לאנד, ווען מען האָט זיי פארוואָגעלט אין גלות, האָבן ביי די טייכן פון בבל ערנסט געשוואוירן: אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני. תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי! אָט די שטארקע רירענדע שבועה איז טיף ארייננעדרונגען אין הארצן פון יעדן אידן, און דור צו דור האָבן געפילט פאר א קדושה היטן די שבועה, און ניט פארגעסן אָן דעם חורבן.

די חז"ל האָבן די שבועה נאָך פארשטארקט מיט פיל גדרים: אין מסיידין ואין מכיירין ואין מפייתין בזמן הזה (מען שמירט און מען פוצט ניט אין דער צייט). ואם סד את ביתו משייר אמה על אמה כנגד הפתח. און אויב מען האָט געשמירט די הויז דארף מען איבערלאָזן א שטיק ניט באשמירט. א סימן און אָן אנדיינקען. אויך ביים עסן, ביי סעודה פאר געסט, דארף מען

איבערלאָזןביים טיש א ניט באדעקטן אָרט, א זכר לחרבן. אויך א חתן אונטער דער חופה דארף לייגן אפר מקלה על ראשו במקום תפלין (שם), צוליב דעם טאָרן אויך ניט די חתן כלה טראָגן קיין קרוינען אין דעם טאָג פון דער חופה. מען האָט אויך פארווערט זינגען בבתי־המשתאות און שפילן אויף מוזיק אינסטרומענטן.

דאָס איז אלץ באצייכענט אלס זכר לחורבן אויף א גאנץ יאָר. אין די דריי וואָכן דארף דער זכר לחורבן זיין א גרעסערער. דער טרויער דארף זיין אויסגעגאָסן אויף אלעמענס פנים׳ער. ווייל דער אומגליק פון חורבן איז דער גרעסטער וואס דאס אידישע פאָלק האָט ווען געהאט. צו דעם אומגליק איז גאָר ניטאָ קיין טרייסט, ווי דער מקונן, ירמיהו הנביא קלאָגט ביטער „אם יש מכאוב כמכאובי? ותרד פלאים אין מנחם לה (איכה). עס איז ניטאָ קיין טרייסט פאר דער אומה הישראלית.

אָבער צווישן די פילע כוסות מיט ביטערע טראָפנס איבער די ברעגעס, האָבן די חז״ל געפונען פאר אונז אויך זיסע טראָפנס „כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה (ב״ב ס). דאָס איז באוואוסט, אז אין מקבלין תנחומין על החי. אויף א לעבעדיקן מענשן, וואס מען האלט פאר טויט קען מען זיך ניט טרייסטן. אזא ווערט ניט פארגעסן. מיר ווייסן דאָס פון יעקב אבינו, וואס האָט ניט פארגעסן אן יוסף די גאנצע צוויי און צוואנציק יאָר, וואָס ער האָט גערעכנט, אז ער איז טויט.

אָט דאָס איז די כונה פון חז״ל: כל המתאבל על ירושלים, דער וואס טרויערט שטענדיק אויף ירושלים, ער פארגעסט ניט אָן חורבן און היט אָפּ שטענדיק דעם זכר לחורבן, אָט דאָס איז אַ סימן, אז ירושלים לעבט ביי אים אין הארצן און ער האָט דעם האָפענונג, אז מען וועט אמאָל צוריק אויפגעלעבט ווערן, מיט דעם אליין איז ער זוכה ורואה בשמחתה, ער זעט אלע ווײלע אין אלע טאָג בשמחתה. ער פילט דעם צער, אָבער האָט אויך דעם עונג

פון איר שמחה. ווען ירושלים וואָלט אבער ביי אים געווען טויט, וואָלט ער שוין לאנג פארגעסן אָן איר, ווי מען פארגעסט א טויטן. דעריבער שטייט זוכה ורואה, ער זעט שוין איצט און ניט יזכה ויראה, בלשון עתיד.

יעדעס יאָר, דעריבער, ווען עס קומען די ימי המצרים, די דריי וואָכן פון טרויער, דארף יעדער פון אונז שפירן דעם גרויסן צער פון פאָלק אויף זיינע אייגענשאַפטן און הייליקייטן, וועלכע זיינען פארלאָרן געגאנגען מחמת דעם חורבן בית והעם. יעדער דארף אריינגעמען טיף אין זיינע געדאנקען דעם גרויסן אומגליק, וואס דער פינסטערער גלות האָט אונז געבראכט, און וואס זיינען געווען די סיבות וואָס האָבן געבראכט צו דעם אומגליק, סיי בין אדם לחבירו, ווי שנאת חנם א. א. וו. און סיי בין אדם למקום, יראת ד' און אהבה צו דער תורה. מיר דארפן זען פארבעסערן אונזערע מעשים, דאמאָלט וועלן מיר געוויס צוריק אויסגעלייזט ווערן און מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו זעהן בשמחתה, במהרה בימינו, אמן.

ל.

לתשעה-באב

ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו העם בלילה ההוא, אמר רבב"ח אותו הלילה תשעה באב היה, אמר להם הקב"ה אתם בכיתם בכי' של חנם, ואני קובע לכם בכיה לדורות, שבתשעה באב נחרב הבית הראשון והבית השני, שמגלגלין חובה ליום חייב. (תענית כ"ט)

ווי די חז"ל דריקן זיך אויס, אז דער ניינטער טאָג אין אב איז אָפּגעשטעמפּלט געוואָרן פאר אונזער פאָלק פאר א טרויער־טאָג אויף שטענדיק. די דריי וואָכן און די ניין טעג זיינען אלץ עטאפּן צו דעם טאָג פון אונזער אבלות — תשעה באב.

אייגענטלאך, ווען קלאָגט דאָס אידישע פאָלק ניט, און ווען טרויערט עס ניט? דאָס אידישע פאָלק האָט שטענדיק אויף וואס צו קלאָגן. מיט פילע צרות און פורעניות איז אויסגעזייט אונזער וועג, און אפילו אין די ליכטיקע מאָמענטן אין אונזער לעבן, ווען עס שיינען אמאָל אריין זונען־שטראלן, זיינען זיי אויך שטענדיק באגלייט מיט פינסטערע שאָטענס, וועלכע גיבן אונז סיבות צום קלאָגן.

דאָך האָבן מיר באשטימטע וואָכן און א באשטימטן טאָג, וואָס זיינען ספּעציעל געווידמעט דעם טרויער אויף דער אבדה פון אונזער אמאָליקער גרויסקייט. שוין באלד צוויי טויזענט יאָר. ווי מיר ווערן ניט מיד, יאָר־איין, יאָר־אויס צו טרויען און צו קלאָגן אויף אונזער חורבן. איז עס ניט א וואונדערלאכע דער־שיינונג?

מיט דעם שיידן מיר זיך טאקע אָפּ פון אלע פעלקער. די אומות העולם אָרדענען איין פייער־טעג אויף זייערע טריאומפן, נצחונות און נאציאָנאלע ערפאָלגן. די מפלות און דורכפאלן ווילן זיי פארבאהאלטן און פארגעסן. מיר, אידן, שעמען זיך ניט עפענטלאך פאר דער וועלט מאניפעסטירן מיר אונזער חורבן דורך די יאָר־יערלאכע טרויער־טעג. דאָס איז דערפאר, ווייל דער חורבן וועט אונז קיינמאָל ניט אראָפּווארפן אין מוט. אונזער גלויבן אין גאָט און אונזער פאָלק איז שטארק און אונזער האָפענונג איז פעסט. מיר ווייסן, אז אונזער ביטערער גורל איז נאָר א פאר־בייגייענדער. מיר פילן אז אונזער קראפט ליגט אין אונזער מאָראַלישער און גייסטיקער גרויסקייט, און דאס איז די גאַ־ראנטי פאר אונזער ווידעראויפלעבונג.

קיין פאָלק קען זיך ניט פארגלייכן מיט אונז אין אונזער רייכן עבר מיט אונזער הויכן גייסטיקן צושטאַנד. די וועלט מיט איר גאנצן פראָגרעס האָט ניט געקענט שאפן עטוואס ענלי־כעס צו אונזער תורה קולטור. קיין פאָלק איז אויך ניט גלייך צו אונז אין אונזערן איצטיקן שיקזאל. מיר זיינען דער באזונדער עלעמענט, וואס איז נויטיק צום קיום העולם, און אונזער צוקונפט איז דערפאר געזיכערט, ווייל מיט איר איז פארבונדן די גאולה פון דער וועלט.

מיט טויזענטער יאָרן צוריק, ווען די מרגלים האָבן זיך אומ־געקערט פון כנען מיט שלעכטע מיינונגען וועגן דעם לאנד, האָט דאָס שטארק געווירקט אויף דער גאנצער געמיינדע אידן, און זיי האָבן ביטער געוויינט יענע נאכט. (תשעה באב). דער געוויין איז אָבער געווען אומזיסט. זיי האָבן געדארפט האָבן מער בטחון אין גאָט, וואָס האָט געזאָגט, אז דאָס לאנד איז אן ארץ זבת חלב ודבש, און ניט צוהערן זיך צו די רייד פון די מרגלים, וועלכע האָבן גערעדט בייז אויף דאָס לאנד. די זינד פון דעם איז

געוועזן אזוי גרויס, אז אלע פון 20 יאָר און ווייטער האָבן ניט זוכה געווען צו קומען אין ארץ ישראל און זיינען אויסגעשטאָרבן אין דער מדבר.

נאָך יענעם אומזיסטן געוויין אין דער נאכט פון תשעה-באב, איז די נאכט געוואָרן פאר אונז א בכיה לדורות. דער ערשטער בית המקדש איז פארברענט געוואָרן תשעה באב דורך נבוכדנצר, און די אידן זיינען פארטריבן געוואָרן אין בבל; דער צווייטער בית המקדש איז אויך חרוב געוואָרן דורך די רוימער אום תשעה באב. די אידן זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייער לאנד, און דער פינסטערער גלות ציט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג.

מיר ווייסן גענוי נאָך פארשידענע גזרות און חורבנות, וואָס זיינען פארגעקומען אום תשעה באב, ווי גרוש שפאַניע (ה׳ רנ״ב, ווי ר׳ יצחק אברבנאל שרייבט אין זיין הקדמה פון באור אויף תנ״ך), אויך די וועלט מלחמה, פאר אונזערע אויגן אין יאָר תרע״ד, האָט זיך אָנגעפאנגען אום תשעה באב.

בכה תבכה בלילה ודמעתה על לחיה, — טויזענטער יאָרן וויינט דאָס אידישע פאָלק אין דער נאכט פון תשעה באב זייער ביטער; די ווארימע טרערן ווערן קיינמאָל ניט פארטריקענט, ודמעתה על לחיה, ואין מנחם לה — עס איז ניטאָ פאר איר, פאר דער עלנדער אידישער אלמנה, קיין טרייסט. פריש איז דער חורבן פאר די אויגן. די וואונדן זיינען ניט פארהיילט ביז היינטיקן טאָג. און ניט איין חורבן האָבן מיר, נאָר א סך חורבנות. בכה תבכה — בכה על יהודה תבכה על ציון וירושלים; בכה על גלות עשרת השבטים, תבכה — על גלות שבט יהודא ובנימין. (מדרש איכה).

אויך איצט איז די אידישע לאגע אזא, אז עס איז דאָ אויף וואָס צו וויינען. דער גאנצער חורבן, ווי ירמיה׳ הנביא שטעלט

פאַר אין זיין מגילת איכה, שפּיגעלט זיך איצט אָפּ פאר אונזער אויגן. די זעלבע היסטאָרישע ווערטער: „כל עמה נאנחים מבקשים לחם; בתולותי ובחורי נפלו בחרב", האָבן מיר דאָס איצט אויך און דעריבער „בליל זה יבכיון בני" — דאָס גאנצע פאָלק וויינט ביטער די נאכט פון תשעה באב א בכיה לדורות!

ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, באהאלטן מיר ניט אונזער טרויער, מיר מאניפעסטירן אים אָפן, ווייל אין דעם אנדיינקען פון חורבן און פון די מעשים, וואָס האָבן געפירט צו דעם, זעען מיר פאר אונז א ווארנונגס-צייכן, אז מיר זאָלן די זעלבע פעלערן ניט איבער'חזר'ן אין אונזער צוקונפט; מיר דערמאנען דעם חורבן, כדי פון דעם צו לערנען, אז די התחלה פון גאולה מוז זיין דורכ'ן באזייטיקן די פעלערן, וועלכע האָבן געפירט צום חורבן.

די סיבות זיינען געווען בין אדם לחבירו, ווי שנאת חנם, פירוד לבבות, און בין אדם למקום. די טרויער-טעג זיינען אלזאָ א דערמאנונג צו פארשטארקן די יסודות פון אחדות ביים פאָלק, אָפּהיטן שבת און מעורר דעם למוד-התורה.

די התחלה פון גאולה איז, ווען מיר פארשענערן און פאר־שטארקן אונזער נאציאָנאלן און רעליגיעזן לעבן. דער תורה־גייסט זאָל מער דורכדרינגען ביים פאָלק און לויט זיינע געבאָטן זאָלן די אידן לעבן.

אָט דאָס איז דער טיפער זין פון אונזער טרויערן, און דאָס זיינען די מיטלען און וועגן צו אונזער גאולה.

וכל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה.

———:———

לא.

לשבת נחמו

נחמו, נחמו עמי! חטאו בכפלים, לקו בכפלים
ונחמו בכפלים. (מדרש איכה)

אלע נביאים האָבן גוט געקענט דעם אידישן גייסט. אפילו ווען זיי האָבן מיט פלאמענדיקע רייד אויסגעגאָסן זייער צאָרן און כעס אויף די שלעכטע אויפפירונגען פון פאָלק, און האָבן פאָר־אויסגעזאָגט דעם עתיד, די שרעקלאכע גזירות און ליידן וואס זיי שטייט פאר, דאָך האָבן זיי שטענדיק פארענדיקט זייערע רייד מיט תנחומים, מיט טרייסט און האָפענונג פאר'ן פאָלק. זיי האָבן דאמיט פארהיט, דאָס אידישע פאָלק זאל ניט פארלירן זיין מוט און ניט ארייןפאלן אין קיין יאוש.

נאָך די דריי וואָכן טרויער, קומט דער שבת נחמו; נאָך דריי שבתים און פורעניות קומען זיבן שבתים פון טרייסט (תלתא שבתא דפרענותא, שבעה שבתא דנחמתא).

אלע נביאים האָבן זיך באמיהט טרייסטן דאָס פאָלק ישראל מיט זיסע רייד, אָבער די אידן האָבן די תנחומים ניט אָנגענומען. „אמר הקב"ה אני ואתם וישעי' עבדי נלך וננחם — מיד קרא הקב"ה ע"י ישעי' ואמר: נחמו, נחמו עמי". (מדרש אתחנן).

ישעי' הנביא האָט געפונען א גאנץ אנדערן וועג ווי צו טרייסטן די אידן. אלע הבטחות פון די נביאים וועלן טאקע מקוים ווערן. עס וועט געוויס זיין „אהיה כטל לישראל יפרח כשושנה (הושע) ההרים יטפו עסים, (יואל) אקים את סכת דוד הנופלת (עמוס) און נאָך. אבער דאָס פאלק האָט דאס ניט גע־

טרייסט, ישעי' הנביא זאָגט אבער צום פאָלק, אז דער עיקר נחמה ווענדט זיך אָן זיי אליין. נחמו, נחמו עמי, — דברו על לב ירושלים וקראו אליה". לעבט אויף דאס לאנד און קערט אום דאָס פאלק צו איר. „יבש חציר נבל ציץ ודבר אלקינו יקום לעולם — מיט גאָטס רייד וועלן מיר אויפלעבן דאָס פאָלק. „על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון, אמרי לערי יהודה הנה אלקיכם". ווען מיר וועלן טראָגן די פאָן פון אונזער תורה אין דער הויך; ווען מיר וועלן איבערגעבן אלע כחות צו איר; ווען מיר וועלן רופן צו אלע שיכטן פון פאָלק, — דאמאָלט וועלן מיר אויפלעבן די פארטריקענטע הערצער, און מיר וועלן ערשט וויסן „כי מלאה צבאה, כי נרצה עונה", אז עס איז שוין פארפולט די מאָס פון גלות, און עס וועלן שוין מער ניט פארקומען אזוינע ביטערע צייטן.

דו, אידישע פאָלק, — זאָגט ווייטער ישעיה — האָסט זייער פיל געליטן אין די וויסטע מדבריות (אין גלות). עס האָבן דיר געביסן און געריסן פיל נחשים ועקרבים און אנדערע חיות רעות. דיין לעבן איז שטענדיק געווען אין גרויס סכנה, אָבער זאָלסט וויסן, מיין פאָלק, במדבר פנו דרך ד' ישרו בערבה מסלה לאלקינו — אין דער מדבר וועט זיין פאר דיר אן אויסגעטראָטענע וועג, אומצוקערן זיך אין דיין לאנד. ניט פאל אראָפּ אין דיין מוט און גייסט, כי נרצה עונה, — דו האָסט שוין גענוג אָפּגעקומען פאר דיין זינד; לקו בכפלים — גענוג געשלאָגן געוואָרן, עס גייט שוין יעצט א גוטע צייט, פול מיט פרייד און נחמה, „נחמו בכפלים."

מיט דעם וועג האָט ישעי' הנביא אָנגעהויבן טרייסטן דאָס פאָלק. ער האָט זיי געזאָגט, אז זייער גאולה איז ניט באשטימט אויף א לאנגע צייט ארום, נאָר עס ווענדט זיך אָן זייערע מעשים, און זיי קענען בריינגען די גאולה אפילו באלד. ער האָט זיי אין רייכע בילדער פארגעשטעלט דעם גליקלאכן לעבן, וואס עס וועט

קומען פאר זיי ווען זיי וועלן זיצן אין זייער אייגענעם לאנד, און נאָר זיי אליין האלטן אָפּ די גאולה, און ער זאָגט זיי ווייטער, אז גאָט איז נאָך גרייט צו טאָן זיי גוטס, „יוסיף ד׳ שנית לקנות את שאר עמו — לאמר לאסורים צאו... אנכי, אנכי הוא מנחמכם — וראיתם ושש לבכם ועצמותיכם כדשא תפרחנה.“ אזוינע נחמה־רייד האָבן געריררט דעם אידישן פאָלק און געבראכט פרייד אין זייערע הערצער.

דעריבער קלייבן מיר אוים אין די וואָכן פון טרייסט צו לייענען דוקא ישעיה הנביא׳ס טרייסט־רייד, ווייל אפילו היינט טרייסטן אונז זיינע רייד און מיר האָפן נאָך אז עס וועלן מקוים ווערן זיינע הבטחות אויף אונזערע קינדער „ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם“ און דאמאָלט „ונסו יגון ואנחה“, מען וועט מער ניט וויסן פון קיין צער און טרויער, במהרה בימינו, אמן.

———:———

לב.

דרוש ליום כפור קטן*)

(בגזרת תענית)*

רבותי! דער וואָרט „יום־כפור" דערמאנט אונז די באדייטונג פון היינטיקן טאָג. „יום כפור" איז דער טייטש א טאָג פון פארגעבן, ווען דער כביכול פארגיט אלע זינד, און חתמ'עט אונז א גוט יאָר. אבער וואס פארלאנגט פון אונז דער רבש"ע פאר זיין פארגעבן? ער וויל, אז מיר זאָלן דעם פארגעבן ביי אים בעטן. מיר זאָלן זיך מתודה זיין אויף די חטאים און האָבן חרטה בלב שלום און אויך קבלה אויף להבא. דער רבש"ע זאָגט נאָר „סלחתי" ווען עס איז „כדבריך", ווען מען בעט און קלאָגט און מען פארלאנגט די סליחה.

וויבאלד מיר האָבן אבער איינמאָל אין יאָר דעם יום כפור, וואָס איז דער געדאנק פון יום כפור קטן, וואס מיר האָבן ערב ר"ח, און וואָס איז דער תענית?

קען מען עס דערקלערן מיט א משל.

אמאָל איז איינער געפאָרן א וויטע וועג, ער האָט אבער גענומען א רייזע קארד (טיקעט) ביז דעם נאָענטען אָפשטעל־פונקט פון צוג. דאָרט, ווען דער צוג האָט זיך אָפגעשטעלט איז ער אראָפגעגאנגען און געקויפט א קארד ביז דעם ערשטן ווייטערדיקן פונקט. ביי יענעם פונקט האָט ער ווייטער געקויפט אויף איין סטאַנציע. פאָרענדיק האָבן זיך מיט אים באקאנט מענשן. פרעגן זיי אים, אוואו פאָרט איר? זאָגט ער זיי דעם לעצטן פונקט פון זיין נסיעה, זאָגן זיי צו אים: איר וועט אונז ענטשולדיקן,

מיר האָבן געמערקט, אז ביי יעדן פונקט גייט איר אראָפּ און קויפט א קארד, וואָלט ניט גלייכער געווען, ווען איר קויפט די־רעקט ביז דעם לעצטן פונקט, וואָלט איר ניט געהאט קיין מיה און עם וואָלט אויסגעטראָגן ביליגער? האָט דער מענש זיי גע־ענטפערט: מיינע פריינט, איך פארשטיי אויך דעם שכל און וואָלט גערן געוואָלט נעמען איין קארד פאר דער גאנצער רייזע, אָבער, ליידער, האָב איך ניט קיין געלט אויף דער הוצאה, און ביי יעדן פונקט גיי איך אראָפּ און מאך אויף געלט אויף איין פונקט, קויף א קארד און דערשלעפּ זיך ביז'ן נאָענטסטן אָפּשטעל, און אזוי ווייטער.

דאָס גלייכן איז מיט אונז היינט.

אמאָל, ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, מיר האָבן גע־האט השראת השכינה, מיר זיינען געווען רייך אין מעשים טובים, האָבן מיר געקענט אַרויסנעמען א צעטל פון חיים ועושר, ברכה והצלחה פאר דעם גאנצן יאָר, אזוי ווי מיר זאָגן אין כל־נדרי „מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא עלינו לטובה", אָבער איצט, אין אונזער ביטערן גלות, ווען מיר זיינען אָרים אין רוח און געמיין אין מעשים, הלואי זאָלן מיר קענען קריגן א צעטל כאָטש אויף איין סטאַנציע, אויף איין אָפּשטעל־פונקט, א חודש, און דאמאָלט וועלן מיר בעטן אויף דעם נייעם חודש.

אָט דעריבער מוז ביי אונז זיין דער ערב ראש חדש א טאָג ווי יום כפור, א טאָג פון צום ותפלה, א טאָג פון ודוי און בקשה און דאן אויך א טאָג פון סליחה ומחילה.

מיר וועלן פארענדיקן אונזערע רייד מיט א התעררות וואס מיר בעטן אין אבינו מלכנו. מען ווילן דאָ דערמאנען אייניקע פון זיי. א"מ נא אל תשיבנו ריקם מלפניך; א"מ חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו, אבינו מלכנו עשה למען הרוגים על שם קדשך, למען טבוחים על יחידך, למען באי באש ובמים על קדוש שמך.

מיר וועלן מעורר זיין דעם עולם מיט דברי משל.

אין איין מדינה איז געווען א גרויסער שר צבא, א העלד. יעדעס מאָל, ווען די מדינה איז געווען אין געפאר, שונאים האָבן איר געהאלטן ביים גובר זיין, פלעגט ער איבערנעמען די הנהגה איבער דעם חיל. ער פלעגט זיך שטעלן אין דער שפיץ פון די מחנות, פלעגט גיין דער ערשטער אין פייער און איז פיל מאָל טאַקע פארוואונדעט געוואָרן. ער פלעגט אָבער ניט לייגן קיין אכט אויף די וואונדן, און ווייטער קעמפן. דורך זיין מוט פלעגט ער שטארקן אלעמענס הערצער און די חיל פלעגן מנצח זיין. דער נאָמען פון דעם שר איז ארוים לתהלה איבער דער גאנצער מדינה. מען האָט אים באשאָנקן מיט די בעסטע מעדאלן און אים געמאכט פאר דעם העכסטן שר איבער אלעמען, כדי אלע זאָלן זיך פון אים אפלערנען.

אין א צייט ארום האָט אָבער אויסגעבראכן א מרידה אין דער מדינה. אויך דער שר איז אריינגעשלעפט געוואָרן אין שטראָם פון בונד און געהאָלפן די מורדים. מען האָט אים גע־כאפט, געשמידט אין קייטן און אים איבערגעגעבן צום פעלד־געריכט. דעם שר האָט ערווארטעט טויט־שטראָף, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי צו ראטעווען זיין לעבן. אז עס איז געקומען צום משפט, האָט ער זיך אויסגעפוצט מיט די מעדאלן, וועלכן האָבן דערציילט פון זיינע אמאָליקע גבורות און די שופטים האָבן זיך אלעם דערמאנט און אים באפרייט. עס זיינען אריבער נאָך יאָרן און דער שר האָט ווייטער מורד געווען און מען האָט אים ווייטער געכאפט. ער האָט פאַרשטאַנען, אז איצט וועלן די מעדאלן ניט העלפן, האָט מען אים געגעבן אן עצה, ער זאָל ברענגען זיין ווייב און די קליינע קינדער. ער האָט זיי גע־בראכט און זיי האָבן ביטער געוויינט און די שופטים האָבן רחמנות געהאט און אים באפרייט. עס האָט אבער געטראָפן א

דריטער מאָל די זעלבע מעשה, האָט מען שוין גוט פאַרשטאַנען, אז קיינע מיטלען וועלן ניט העלפן, איז דעם שר איינגעפאלן, ער וועט פרואוון דעם לעצטן מיטל. ער האָט זיך אויסגעטאָן נאקעט און אזוי געקומען אין בית המשפט. און דאָס האָט געהאָלפן. ווי די שופטים האָבן דערזען זיי צוואַואונדעטע לייב פון די שווערדן פון די אמאָליקע שונאים, מיט וועלכע ער האָט מלחמה געהאלטן כדי צו מציל זיין די מדינה, האָט מען אים באפרייט.

אזוי דאָ, מורי ורבותי, פארצייטן ביי אידן אויב מען האָט געזינדיקט, איז געקומען דער כהן גדול אין די בגדי כהונה, עס זיינען פארשטומט געוואָרן די מיילער פון אונזערע מקטריגים. שפעטער, ווען מיר זיינען פארטריבן געוואָרן פון אונזער לאנד, דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און מיר האָבן געזינדיקט, האָבן מיר שוין די ערשטע עצה — פון כהן גדול ניט געהאט, — האָבן מיר געבראכט אונזערע „עוללים ויונקים" די ריינע קינדער און געבעטן פאר זייער זכות. איצט אָבער קענען מיר דאָס אויך ניט בעטן. דער דור איז זייער מקולקל, די קינדער ווערן אויפגע־האָדעוועט ללא תורה וללא דרך ארץ, וואָס טוען מיר יעצט? מיר זאָגן „עשה למען הרוגים, למען טבוחים, למען באי באש ובמים". דאָס וואס מיר ליידן אזוי אין גלות און מיר בלייבן ביי אונזער אמונה, מיר האָבן נאָך דעם מסירת נפש און דאס זאל זיין אונזער זכות.

לאָמיר טאקע אזוי אלע בעטן, און הקב"ה וועט אונז געווים חתמ'נען א גוטן חודש און א גוט יאָר.

———:———

לג.

לשבת שמברכים חדש אלול

ראשי חדשים לעמך נתת זמן כפרה לכל תולדותם.
(מוסף ראש חדש)

מיר האָבן צוועלף חדשים אין יאָר, און יעדער נייער חדש איז א נייע תקופה. ווען מיר זאָגן דעם „יהי רצון", די טיפע רירענדע תפלה פון ברכת החדש, רעכענען מיר אוים בפרטות אלע בקשות וואס מיר פארלאנגען פאר אונז אין דעם נייעם חדש. מיר בעטן פאר אונזער גוף, מיר זאָלן האָבן פון וואנען צו לעבן און זיין געזונט, ווי חיים של פרנסה, חיים של עושר וכבוד, חיים של חלוץ עצמות, און מיר בעטן פאר אונזער נשמה, פאר אונזער גייסטיקן לעבן „חיים שיש בהם אהבת תורה ויראת שמים." ניט גלייך איז אבער דער בעטן פאר דיביידע זאכן. ווען מיר בעטן פאר פרנסה, זאָגט יעדער איד מיט א טיפע כונה און פילט דעם ערענסט פון דער בקשה, אָבער די בקשה פון אהבת תורה ויראת שמים, פילט מען ניט אזוי שטארק...

און דער חדש הויבט אָן צו לויפן און לויפט שנעל פארביי, און וואס האָט דער מענש אין אים געטאָן? ער האָט פיל גע־ארבייט, געלאָפן, געזוכט פרנסה, זיך פארבונדן אין פארשידענע עסקים, וועלכע האָבן אים נאָך פיל דאגות און זאָרג, געבראכט ברויט פאר אים און זיין בני ביתו. אבער וואָס איז וועגן חיים של אהבת תורה ויראת שמים? האָט מען וועגן דעם אויך אזוי פיל געארבייט? שווער צו זאָגן! פיל מענשן האָבן אָן דעם אינ־גאנצן פארגעסן, ווער באוגס, דורך די גרויסע טרדות הפרנסה,

וואס האָבן ביי אים אוועקגערויבט די גאנצע צייט, און ווער ברצון — וואָס איז אינגאנצן ווייט פון דעם סאָרט חיים...

אזוי לויפן דורך די עלף חדשים פון יאָר. דער גלגל החיים דרייט זיך טעגלאך מיט זיין שטענדיקער קראפט און ציט אריין דעם מענשן אין זיין ראָד און צעדריקט אים, צערייבט אים, אבער באלד קומט חדש אלול, ווען מען בענשט ראש חדש אלול — א נייע אטמאָספערע! שפירט מען זיך אנדערש און אן ערנסט נעמט דורך דעם מענשן. דער אָרענטלאכער איד דערמאנט זיך אָן דעם חשבון הנפש, און גיט א טראכט וועגן זיין גייסטיקן לעבן.

מיר ווייסן, ווען איינער, למשל, באדארף פאָרן א ווייטע רייזע מיט׳ן באַן, קויפט ער א רייזע-קארט פון דעם ערשטן אָרט, אוואו ער זעצט זיך, ביז דעם לעצטן פונקט וואָס ער דארף אראָפּ-גיין. דאָס טוט אן אָרענטלאכער מאן, און אזא מענש האָט ניט קיין מורא פאר קיין אויפזעער, ער פאָרט זיכער און רואיק ביז וואנען ער דארף.

ווי איז אבער אז איינער נעמט ניט קיין קארט אויף דעם גאנצן וועג, און פארלאָזט זיך אז מען וועט אים ניט פרעגן מער ווי ביים אָנפאנג, טרעפט טאקע, אז מען פרעגט אים שפעטער און ער האָט ניט וואס צו ווייזן, זעצט מען אים אראָפּ אינמיטן וועג.

דאָס גלייכן, די אָרענטלאכע אידן נעמען א רייזע-קארט פון תורה ויראת שמים פון דעם ערשטן פונקט, פון ר״ח חשון, פון אָנפאנג יאָר אויף א גאנץ יאָר. זיי לערנען אלע טאָג צוביסלאך, דאוונען, טוען גוטע מעשים און האָבן יראת שמים, אזוי אז עס קומט ראש-השנה, און עס ווערן קאָנטראָלירט די מעשים פון מענשן, ווערן זיי נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים.

אָבער, די וואס האָבן זיך ניט באזאָרגט מיט א רייזע־קארט, וואָס וועלן זיי ענטפערן, ווען מען וועט ביי זיי פרעגן זייער קאַרט, זייער רעכט צו לעבן אויף דער וועלט, וואו האָבן זיי עפּעס באצאָלט פאר דער נשמה? זיי קען מען דאָך ח"ו אינמיטן וועג אראָפּזעצן!

אַלזאָ, ווען מען בענשט איצט חדש אלול, דעם לעצטן פונקט פון יאָר, דארפן מיר ניט פארגעסן, וואו מיר האלטן אין חשבון הנפש. אויב מיר האָבן ניט צוגעגרייט מעשים טובים א גאנץ יאָר, דארפן מיר כאָטש ארייננכאפּן דעם חדש אלול. פאר א חדש צייט קען מען נאָך פיל אויפטאָן. „ויפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים מכל חיי העולם הזה" (אבות), און בזכות התורה, וואָס מיר וועלן טאָן דעם חדש ביז ר"ה, בלב שלם ונפש חפצה, וועלן מיר זוכה זיין, אז אלע „חיים'ס", וואָס מיר רעכענען אויס אין דער תפלה פון ברכת החדש, וועלן געווים מקוים ווערן אויף אונז מיט דער הוספה „שימלאו משאלות לבנו לטובה, אמן סלה".

———:———

לד.

בצאת-השנה

(לפ׳ נצבים לפני ר״ה)

אתם נצבים היום כולכם לפני ד׳ וגו׳ לעברך בברית ד׳. (פרשת היום)

משה רבינו זעגנט זיך מיט דעם אידישן פאָלק פאַר זיין פטירה. פערציק יאָר איז ער אָפּגעווען אין מדבר. ער האָט זיך פאַר דער צייט פיל אָנגעליטן פון פאָלק צער, כעס ומכאובים. ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר׳ן פאָלק. ער האָט אויך געזען דייטלאך, וואס וועט טרעפן די אידן אין די גלות-לענדער, און האָט עס ארויסגעזאָגט אין פיל פסוקים אין פארשידענע ערטער. נאָך מער אבער ווי אומעטום געפינען מיר זיינע רייד אין היינטיקער פרשה, אין די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געזעגנט מיט׳ן פאָלק.

צום ערשטן האָט ער מיט זיי באַנייט דעם ברית-התורה, זיי זאָלן אויף זיך נעמען מקיים זיין, ווי עס איז געווען בשעת מתן תורה. דורכדעם וועלן זיי שטענדיק עקזיסטירן, ווי עס שטייט געשריבן: לעברך בברית ד׳ וגו׳ למען הקים ד׳ אותך לו לעם.

אויך האָט ער זיי שטריינג אָנגעזאָגט, אז אויב זיי וועלן ניט היטן די דברי התורה והמצוה, וועלכע זיי נעמען זיך אָן צו היטן, וועלן זיי ליידן און עס וועט אויף זיי קומען אלע קללות פון דער תוכחה; פארקערט, אויב זיי וועלן היטן די דברי התורה

והמצוה, וועלן זיי זיין גילקלאך, און עס וועט קומען אויף זיי אלע ברכות ונחמות, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרן אין דער תורה.

ווען מיר באטראכטן אלע רייד, וואָס משה רבינו האָט אָפּן געזאָגט, זעען מיר, אז אין דעם לויף פון די טויזנטער יאָרן פון גלות, איז אלעס אויף אונז מקוים געוואָרן ריכטיק. אלע צרות האָבן זיך געגומען, וואס אידן האָבן פארגעסן אָן זייער תכלית, און צופיל פארקראכן אין די עניני העולם הזה. וואָלטן מיר אבער מיט אן אמת געהאט אָפּגעהיט אונזערע מעשים, וואָלטן מיר גע־ווים געווען גליקלאך.

די טרדות־הזמן פארטרייבן יעדן מענשן זייער ווייט פון דרך התורה וקיום המצות. יעדער פארגעסט וועגן זיין אייגענעם חשבון הנפש. האָבן אונז דאריבער אונזערע חכמים אָנגעוויזן אויף דעם חודש אלול, דעם לעצטן אין יאָר, מען זאָל אין אים ארייננכאפן און אויסבעסערן די מעשים פון א גאנץ יאָר, מען זאָל קענען קומען צום יום הדין, ריין פון אלע שמוץ. אויף דעם דער־מאנען אונז אויך די תקיעות שופר פון גאנץ חדש אלול, ווי אויך די סליחות פאר ר"ה. זיי עפענען אונז די טיר צו תשובה, און ווייזן אונז דעם דרך התשובה, וואס דאס איז די בעסטע רפואה פאר די וואס ליידן בחולי־הנפש.

און אזוי ווי פאר א משפט בדיני אדם, שיקט מען דעם אָנ־געקלאָגטן א צעטל, ער זאל קומען צום באשטימטן טאָג צום משפט, און ערקלערן וועגן זיין שולד און פארברעכן, — אזוי זיי־נען אויך די תקיעות מיט די סליחות מעלדונגען פאר דעם אידן, ער זאָל וויסן אז דער יום הדין איז נאָנט.

דאָס זאָגט משה רבינו: אתם נצבים היום כולכם לפני ד' וגו' ראשיכם, שבטיכם וגו', טפכם, נשיכם וגו'. אז דעם טאָג ראש־

השנה ווערט מען גע'משפט אין אלע ענינים, וואס דער מענש איז זיך עוסק א גאנץ יאָר.

התורה, וואָס מיר האָבן היינט געלייענט: והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה וגו' בכל הגוים אשר הדיחך ד' יבואו עליך כל הדברים האלה וגו' בכל הגוים אשר הדיחך ד' וגו' ושבת עד ד' וגו' אתה ובניך וגו' בכל לבבך ובכל נפשך וגו' והותירך ד' בכל מעשיך. דאָס איז דער גדר התשיבה. חרטה אויפ'ן עבר, און קבלה אויף להבא, זיך אָננעמען ניט צו טאָן מער קיין שלעכטס, סיי בין אדם למקום, סיי בין אדם לחבירו.

על פי תקנת חז"ל לייענט מען די סדרה נצבים פאר ר"ה, ווי אביי ערקלערט: תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה, (מגילה ל"א ותוס' שם ד"ה משה וכו') און מחמת דעם ענין התשובה, וואס יעדער וועט טאָן לפני יום-הדין, וועט דאס מיט־ברייגגען, אז אלע קללות און גזירות רעות, וועלכע מיר האָבן געהאט א גאנץ יאָר, וועלן אינגאנצן פארשוואונדן ווערן פון אונז, און עס וועט זיין תחל שנה וברכותיה, אז דער נייער יאָר, וואָס דארף צו אונז קומען, וועט גאָט באנייען לשנת חיים ושלום, לשנת ברכה ופרנסה, לשנת גאולה וישועה והרמת קרן התורה ועמנו, במהרה בימינו, אמן.

לח.

לשמחת בית השואבה

מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו. (משנה סוכה דף נא)

ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען על מכונו, און דאס אידישע פאָלק איז געזעסן אין זיין איגן לאנד, — זיינען צו אלע חגים ומועדים, וועלכע זיינען געפייערט געוואָרען זייער פריי־לאך, צוגעגעבן געוואָרן נאָך א שמחה בית השואבה, און די שמחה איז געווען די גרעסטע, ווי די חז"ל דריקן זיך אוים: „מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו."

פארוואס האָט מען טאקע עפעס די שמחה אזוי פייערלאך אויסגעפירט? און אין וואָס איז באשטאנען די שמחה?

דערציילן אונז די חז"ל: די שמחה פלעגט זיך אָנפאנגען במוצאי יו"ט הראשון של החג. עס פלעגן זיך צוזאמענקלייבן אין עזרת נשים אויף די ט"ו מעלות, הכהנים והלוים והעם. די שטאָט איז געווען אינגאנצן באלויכטן, לא היה חצר בירושלים שאינה מאירה מאור בית השואבה. און די שמחה איז געווען זייער גרוים: חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין באבוקות שבידיהם ואומרים שירים ותשבחות, והלוים בכנורות ונבלים ובכלי שיר לאין מספר. אזוי פלעגט מען טאָן אלע נעכט פון חול המועד און מען איז ניט געגאנגען שלאָפן.

דער גאנצער פאראד פון דער שמחה, איז געווען וועגן דער מצוה פון נסוך המים אויף דעם מזבח, זיבן טעג סוכות פון קוואל מי השילוח (נאָנט פון ירושלים) שנאמר ושאבתם מים בששון,

און דארום רופט זיך בית השואבה, מען שעפט וואסער. אין ירושלמי ווערט געזאָגט אן אנדער טעם: בית השואבה — משום שהיו שואבין רוח הקודש בביהמ"ק. די שמחה איז באשטאַנען אין דעם רוח הקודש, דעם הייליקן גייסט, וואס דאָס פאָלק האָט געשעפט פון בית המקדש און פון דער תורה. די ווירקונג פון דעם שעפן איז געווען זייער גרוים, און דאס פאָלק האָט פיל געצויגן די יניקה פון דעם רוח הקודש, און די חסידים ואנשי מעשה פלעגן זאָגן „אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנתנו." אפילו אין די יונגע יאָרן, ווען דער מענש איז ביי דעם שטארקסטן רצון און תאוה — זיינען די אידן אויך געווען דערהויבן אויף דער העכסטער מדרגה, און דער יוגענט האָט ניט פארשעמט דעם עלטער.

עבדינן זכר למקדש. אין די פריערדיקע דורות פלעגט מען שמחת בית השואבה פייערן אין אלע קהלות ישראל אלע נעכט פון חוה"מ סוכות מיט גרויס שמחה, בשיר ורננה. אפילו איצטיקע צייט איז נאָך אויך דער מנהג אינגאנצן ניט בטל. מיר דארפן זיך פאָרשטעלן, ווען מיר פייערן די שמחה, ווי מיר געפינען זיך בזמן בית המקדש, וואס דאמאָלסט איז מען געווען „שואבים רוח הקדש". מיר דארפן זיך אָנזאפן מיט הייליקע געפילן, ווירקן אויף אונזערע פרויען און קינדער, וועלכע קומען זען די שמחה של מצוה, זיי זאָלן דורכגעדרונגען ווערן מיט די זעלבע הויכע געפילן, מיר זאָלן אויך קענען זאָגן „אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנתנו."

דאמאָלט וועלן מיר זוכה זיין צו דער ברכה „ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה" בזכות שמחת בית השואבה, וואס איז פארגעקומען ביי דער מצוה פון נסוך מים על המזבח, וועלן מיר האָבן די שמחה צו זען ישועות ונחמות אויף דעם כלל ישראל, און מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו פייערן שמחת בית השואבה אין ירושלים, לשנה הבאה, אמן.

לו.

לחמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט ראש־השנה לאילנות.
(משנה ר"ה דף ב)

עס איז א מנהג קבוע ביי אונז אידן זיך משמח זיין יעדן יאָר אין דעם טאָג חמשה עשר בשבט און צו מאכן א ברכה אויף פאַרשידענע פרוכט וואס וואקסן אין ארץ ישראל, ווי פייגן, טייטלען, באָקסער, א. א. וו.

דער מנהג אליין געפינט זיך ניט אין תלמוד דייטלאך, נאָר מען קען אָנהייגנען דעם מנהג אויף דעם מאמר „ט"ו בשבט ר"ה לאילנות", און רש"י הקדוש ערקלערט: ביז חמשה עשר בשבט האָט זיך גערעכנט ווינטער, פון חמשה עשר ווייזט זיך אויף די בוימער א פייכטקייט און עס הויבן אָן צו וואקסן אויף זיי פרוכט.

דערביי קענען מיר צוגעבן א קורצע באמערקונג. די בוימער אליין, אָן די פרוכט וואס זיי גיבן ארויס, האָבן ניט קיין חשיבות, און יעדער בוים איז אויף אזוי פיל וויכטיק, וויפיל אין וועלכע פירות ער גיט ארויס, ווי די חז"ל זאָגן, מען פרעגט ביי די פרוכט־ביימער „פארוואס הערט מען ניט אייער שטימע?" ענטפערן זיי: אונזערע פרוכט זאָגן עדות אויף אונז". (מר' בראשית, פט"ז).

דעם גאנצן ווינטער זיינען די ביימער פארשאָטן מיט שניי, די וואָרצלען מיט די צווייגן זיינען אויסגעטריקנט, אויסגעפראָרן. די בלעטער זיינען אלע אראָפגעפאלן אינגאנצן. די ביימער שטייען פארגליווערט, טויט.

אָבער אז עס קומט דער טאָג חמשה עשר בשבט, די זון הויבט אָן צו שיינען און ווארימען, אלע מעשי בראשית ווערן לעבעדיקער, פרישער; א גרינקייט הויבט זיך אָן צו באווייזן אויף די ביימער און א זאפט נעמט דורך די צווייגן און די פרוכט הויבן אָן ביסלאכווייז צו וואקסן און געבן א טעם וריח.

אָט דעם זעלבן בילד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אידישע פאָלק.

שוין טויזנטער יאָרן ווי א שרעקלאכער שטורמדיקער ווינ־טער ליגט אויף אונז. מיר זיינען פארפראָרן, פארגליווערט פון די שרעקלאכע גזרות און פורעניות, וועלכע מיר האָבן געליטן און ליידן נאָך איצט פון די אכזרים, וואס פארפאָלגן אונז. אונזערע גלידער זיינען פארטריקנט און די בלוט אין די אָדערן — פאר־פראָרן פון די שרעק און ענויים, וואס מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין דעם לאנגן וועג פון אונזער געשיכטע.

אָבער עת האביב הגיע. עס הויבט אָן ווערן פרילינג. די צרות וועלן באלד אָפּלאָזן, און פאר די אידן וועלן אָנ־הויבן קומען טעג פון זון און ליכט.

די פירות פון חמשה עשר, די תאינה, תמר און חרוב זיינען סימבאָלן פאר׳ן אידישן פאָלק און צו דעם סוד פון זיין עקזיסטענץ. יעדער מין פרוכט האָט פאר אונז א באזונדער באדייטונג: התאינה שרשיה רכים ובוקעים בצור ובאבן (בראשית רבה פ״ג) זיינען מיר, אידן, געגליכן צו דער פייגנבוים. אונזערע ווייכע ווארצלען, ווען זיי זיינען נאָר אָנגעזאפּט מיט תורה ואמונה, שפאלטן זיי און דרינגען דורך אין שטיינער און פעלזן, און זיי, די ווייכע, בויגזאמע ווארצלען, ווערן ניט צעבראָכן זייט טויזנ־טער יאָרן, נאָר התאינה חנטה פגיה — זי גיט נאָך ארויס אירע פרוכט מיט א גוטן געשמאק.

איצט דער תמר, זאָגן חז"ל: תמר זה אין לו אלא לב אחד, כך ישראל אין להם לב אלא לאביהם שבשמים (סוכה מה). אין אונזער תכונה זיינען מיר אויך געגליכן צום תמר, מיר זיינען מיט אונזער הארץ פול מיט האָפענונג, אז מיר וועלן צוריק אויפ־געבויט און באזעצט ווערן אין אונזער לאנד, און עס וועט ווייטער זיין „ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל". איר וועט ארויסגעבן די פרוכט נאָר פאר מיין פאלק ישראל, ניט פאר פרעמדע.

דער חרוב (באקסער). אילן חרוב שרשיו מתפשטים חמשים אמה (ב"ב, כ"ה). דאָס ווייזט אויף אונזער פאָלק. די וואָרצלען פון דת ואמונה זיינען ביי אונז ווייט פארשפרייט און האלטן זיך פעסט. קיין שטורם־ווינט, קיין געגן שטראָם וועלן ניט ארויס־רייסן די טיפע וואָרצלען, די איינגעוואקסענע שרשים.

דער טאָג חמשה עשר בשבט איז זייער וויכטיק פאר אונז מיט זיין סימבאָל און מיר דארפן זיך משמח זיין מיט די פרוכטן וואָס מיר עסן און מאכן א ברכה. לאָמיר האָפן, אז עס וועלן ווייטער נאָך מער וואקסן שיינע פרוכט אין כרם ישראל, וועלכע וועלן זיין פרי קדש הלולים. יונגע בוימער — אשר בנינו כנטיעים מגדולים בנעוריהם, און מיר וועלען קענען זאָגן „שככה לו בעולמו", און אלע וועלן זען, אז „זרע ברך ד' לשם ולתפארת".

מיר וועלן זוכה זיין לאכול מפריה ולשבוע מטובה בעיר הקודש ירושלים, אמן.

———:———

לז.

דרוש לכל עת*)

אמרו מה"ש לפני הקב"ה: כתבת בתורתך אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד והלא אתה נושא פנים לישראל, דכתיב ישא ד' פניו אליך? אמר להם, והאיך לא אשא פנים לישראל שכתבתי בתורתי ואכלת ושבעת וברכת את ד' אלהיך, והם מדקדקים על עצמם עד כזית ועד כביצה.
(ברכות כ')

גרוים איז דער וואונדער איבער אונזער וואונדער-פאָלק. שוין פילע, פילע יאָרן וואס ער ווערט געיאָגט אָן אן אויפהער, מען דריקט און שלאָגט אים און אָט דוכט זיך שוין, אז דער ישראל סבא פאלט אונטער דעם יאָך, וואָס האָבן אויף אים ארויפגעלייגט זיינע שונאים און פארטיליגער, — אָבער פלוצלונג ווערט געשען א וואונדער, דער סבא ווערט מיט אמאָל יונג, פול מיט פרישע קרעפטן, שטייט ווייטער אויסגעגלייכט דעם רוקן און גרייט צום קאמף.

די חז"ל זאָגן, „איזה מטבע של אברהם אבינו, זקן וזקנה מצד אחד ובחור ובתולה מצד אחר" (ב"ק צ"ז). אָט דאָס איז די טבע פון אידישן פאָלק, דוכט זיך „זקן וזקנה מצד אחד", דאָס אידישע פאָלק זעט אוים פארמאטערט, אלט און צעבראָכן פון צרות, אָבער „בחור ובתולה מצד אחר", באלד הינטער די אלט-קייט זיינען אָנגעגרייט נייע טעג פון בחרות, טעג פול מיט ענערגיע און קראפט.

אזוי טרעט און גייט דער ישראל סבא איבער זיין וועג, וואס איז פול מיט דערנער און וועט אזוי עקזיסטירן ווי די טעג פון הימל און ערד.

אָבער ווער האָט אזוי פארשטארקט דאָס אידישע הארץ, עס זאָל קענען ביישטיין אלע נסיונות? ווער האָט ארייגעבלאָזן אזא רוח חיים אין די עצמות היבשות? און וואס באשטייט דער אייזערנער כח? — דער אידישער כח איז די תורה. די תורה, וועלכע לערנט אים, ווי צו לעבן און איינגעהאלטענעם לעבן, ווי זיך צו באהערשן, ווי צו אונטערדריקן די אייגענע תאוות. „כך היא דרכה של תורה", דאָס איז דער וועג וואָס די תורה לערנט „פת במלח", ווען דו האָסט נאָר ברויט מיט זאלץ — „תאכל" זאָלסט זיך מסתפק זיין. באנוגן זיך און זיי צופרידן. „מים במשורה", האָסט נאָר וואסער אין א מאָס — „תשתה" זאָל עס אויך גערעכנט ווערן פאר א געטראנק, „ועל הארץ" קומט דיר אוים צו שלאָפן אויף דער ערד. „תישן", שלאָף, און זאָל עס זיין ביי דיר פארערעכנט ווי דו וואָלסט געשלאָפן אין א בעט „וחיי צער" אויך אין א צער לעבן — „תחיה" זאָלסטו מאכן דיין לעבן צופרידן און זאָל קענען אָנגערופן ווערן געלעבט.

דאָס איז דער וועג פון דער תורה, אז דער עיקר איז דער חיי הרוח, עונג הנפש און דאס קען אויך זיין, ווען אפילו דער גוף ווערט געפייניקט און ליידט יסורים, דער עולם הזה מיט אלע תענוגים איז גאר ניט און דער עיקר איז דער חיי העולם הבא, דער גייסטיקער לעבן. אָט דאס איז דער כח, וועלכער האלט אויף דאס אידישע פאָלק.

„כשהוא כורע כורע בברוך וכשהוא זוקף זוקף בשם" (ברכות י"ב). „כשהוא כורע" — ווען דער איד בויגט זיך אונטער דעם סבל פון די צרות, די כחות פארלאָזן אים, ווערט ער ניט נתרגש פון דער ביטערער לאגע, ווערט ניט אויפגערעגט אויף גאָט, נאָר

„כורע בברוך“, ער בענשט גאָט און זאָגט גם זו לטובה; וכשהוא זוקף, ווען דער איד גלייכט זיך אביסל אויס, ווען די הצלחה שיינט אים אמאָל ארויס, עס ווערן אויף א ווייילע צוגענומען די פעק צרות און ער איז זוקף, ער גלייכט זיך אויס, שטעלט זיך אויף, „זוקף בשם“ דאמאָלט פארגעסט ער אויך ניט אָן דעם שם און ווערט ניט נתפעל פון די רחבות, ווייל ווי דער צער אזוי אויך די רחבות איז גאָר ניט ווערט.

חז״ל ברייגנען „מעשה בהילל הזקן שהיה בא בדרך ושמע קול צוחה בעיר אמר מובטח אני שאין זה בביתי“ (ברכות דף ס).

ווען א מענש בויט א הויז, צירט ער אים אויס בתכלית ההידור, ער זעט אז אלע חדרים זאָלן זיין באפוצט און באמאָלן, אָבער אויף דעם פרוזדור, דעם קאָרידאָר, לייגט ער אזויפיל ניט קיין אכט, און טאָמער ווערט עפּעס צעבראָכן, פאררירכט מען ניט אזוי שנעל ווי אין הויז. „העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא“. די הויז אינווייניק — איז די עולם הבא, דאָ, בעולם הזה, איז נאָר די פאָדער־שטוב. ווען הלל הזקן האָט דערהערט א קול צוחה בעיר, גרויסע געשרייען אין שטאָט, עפּעס האָט אן אומגליק גע־טראָפן, האָט ער געזאָגט, „מובטח אני שאין זה בביתי“. דאָס מיינט, איך בין זיכער, אז די געשרייען זיינען ניט וועגן זאכן, וואָס זיינען נוגע די חיי הנשמות, צו דעם היים הנצחיים אינעוויי־ניק אין „בית“, נאָר וועגן גשמיות, וואָס סיי אן אומגליק סיי פרייד קענען ניט איבערראשן.

אָט די מדה פון הסתפקות בחיי העולם הזה, אָט די השקפה אז דער גשמיות׳דיקער לעבן איז ניט דער עיקר, דאס האָט גע־געבן דעם כח אונזער פאָלק צו עקזיסטירן.

דאָס איז אויך דער רעיון אין דעם מאמר חז״ל, וואס מיר האָבן געבראכט אין אָנפאנג פון אונזערע רייד.

זיי האָבן געפרעגט דעם רבש"ע, פארוואס איז ער נושא פּנים צום אידישן פאָלק? מיט וואס האָט דאס דער איד פאַר־דינט גאָט זאל אים אזוי נושא פּנים זיין, מוחל זיין אויף זיינע זינד און זיך ניט אים ניט רעכענען מיט'ן מדת הדין? זאָגט הקב"ה, ווי אזוי זאל איך זיי ניט נושא פּנים זיין „שכתבתי בתורתי ואכלת ושבעת וברכת" — זאָלסט ערשט דאן בענשן ווען דו עסט און דו ביזט זאט, דו האָסט פון אלעם „והם מדקדקים על עצמם עד כזית ועד כביצה" — זיי בענשן שוין אויף א „כזית" און „כביצה". זיי זיינען צופרידן אויך מיט ווינציק, זיי באנו־גענען זיך, ווייל ביי זיי איז דאס ניט דער עיקר, נאָר די חיים הרוחניים, מיין תורה, און דאָס איז דאָך מיין רצון. דעריבער מוז איך זיי נושא פּנים זיין.

לאָמיר דאָס אלץ געדיינקען, און זיין גליקלאך וואס מיר האָבן חיים נצחיים, כאָטש אין גשמיות מוזן מיר אמאָל ליידן.

לח.

צו אַ ברית מילה*)

והיו ישראל מכסין הדם והערלה בעפר המדבר
וכשבא בלעם וראה המדבר מלא ערלות ישראל
אמר, מי יוכל לעמוד בזכות דם המילה המכוסה
בעפר, שנאמר מי מנת עפר יעקב.
(פרקי דר"א, בלק)

דער געבראכטער מאמר איז אויבערפלעכלאך שווער צו פארשטיין. בלעם, דער חכם שבאומות, וואָס בלק מלך מואב האָט געזוכט זיין פריינטשאפט, האָט דען ניט געוואוסט פריער, איידער ער איז געקומען אין מדבר, אז די אידן זיינען מל די קינדער? און ווען ער האָט שוין יא דערזען, וואס האָט ער זיך אזוי דערשראָקן פאר דעם? איבערהויפט איז שווער צו פאר־שטיין דעם גאנצן ענין, וואס האָט בלק מלך מואב זיך אזוי דער־שראָקן פאר אידן, אז ער האָט גאר ניט געפרואווט פריער מיט זיי מלחמה האלטן, אפשר וועט ער זיי באזיגן, נאָר ער האָט גלייך געדונגן בלעם, ער זאל פאר אים אויפטאָן מיט כשוף און מיט קללות?

ווי מיר ווייסן, האָבן זיך די חכמים פון אלע צייטן געמאַ־טערט צו פארשטיין דעם סוד פון דעם קיום פון דעם אידישן פאָלק. דוכט זיך אידן ווערן אומעטום געיאָגט און געפלאָגט און דאָך שטייט דאס פאלק פעלזן־פעסט, און קיין שטורם קען אים ניט רירן פון אָרט. די חז"ל האָבן אונז דערקלערט, אז דער מקור פון אונזער עקזיסטענץ פליסט ארויס פון אונזער הייליקער תורה און די געטלאכע מצות. דורך דער תורה ומצות שיידן מיר זיך

אַפּ פון אלע אנדערע פעלקער אין די וועגן פון אונזער לעבן. פאר־שידן זיינען ניט נאָר אונזערע מנהגים נאָר אויך אונזערע באַ־גריפן. אונזער מושגים פון טוב ורע, כבוד און חרפה, ווייכהאר־ציקייט און גבורה זיינען גאנץ אנדערש ווי ביי די אומות העולם. און וואס זיינען די רעזולטאַטן? כאָטש אויף א ווײלע שיינט, אז אנדערע פעלקער לעבט זיך בעסער, אָבער דאָך איז זייער לעבן פוסט און זיי פאלן תיכף אריין אין א שעמום און יאוש, אבער מיר, אידן, א דאנק אונזערע לערער, מנהיגים און רביים זיינען דערצויגן אויף הויכע רוחניות. גוט הייסט ביי אונז נאָר תורה ויראת שמים און די האָפענונג פאר דעם טוב הנצחי בעולם שכולו טוב ואורה; מיר גיבן ניט אָפּ קיין כבוד אַ אידן, נאָר צוליב דעם וואָס ער פארמאָגט געלט כאָטש ער איז א פוחז וריק, נאָר אויב ער פארדינט עס מיט זיין פערזענלאכקייט אָדער מעשים; גבורה מיינט ניט ביי אונז שטארקע מוסקולן און ברוטאַלע פיזישע כחות, נאָר שטארקייט אין גייסט „איזה גבור הכובש את יצרו". און פול איז אונזער געשיכטע מיט אזוינע אומצייליקע אידישע גבורים, וועלכע האָבן זיך געלאָזט ברענען אויפ'ן פייער, ווארפן אין ים צוליב אונזער דת און אמונה.

אָט אין דער אידישער גבורה, אין די מדות פון דער תורה ליגט דער סוד פון אונזער קיום, און דאס טאקע איז א ביין אין די אויגן פון אונזערע שונאים. זיי זעען אונזער לעבן, אונזער עקזיסטענץ און די סגולות מיט וועלכע מיר דרייען זיך ארוים פון א שווערע לאגע און בלייבן דאָך עקזיסטירן, און זייער שנאה און קנאה וואקסט. זיי ווילן אונז פארניכטן און זיינען אָנמעכטיק, און דאָס וואס זיי קענען ניט אויספירן, וועקט און שטארקט דעם האָס צו די אומזיגבארע.

אָט דער זעלבער פּראָצעס פון דעם אידישן לעבן און די ארו־מיקע שנאה פון די שכנים, האָט זיך געצויגן אויך דאמאָלט, ווען

די אידן זיינען ארויס פון מצרים. אין דער הארץ פון בלק מלך מואב איז געוואקסן א שרעק, הערנדיק די גבורות ונפלאות, וועלכע באגלייטן דעם קליינעם פאָלק אין זיין וועג צו פרייהייט, ער האָט געהערט ווי. זיי זיינען ארויס פון מצרים בכח גדול וזרוע נטויה, ווי זיי זיינען אזוי כובש נאָך לענדער, ער האָט אריינגעטראכט אין די סיבות פון די כחות און אויסגעפונען, אז דאָס איז די תורה, וועלכע גיט זיי דעם כח, און אז ער וועט זיי אין מלחמה געווים ניט אומברייננגען, האָט ער באשלאָסן רופן בלעם׳ן, ער זאל אויסגעפינען די שוואכע זייטן, די פעלערן, און דורכדעם שטרויכלען די אידן. און דאָס ליגט אין די ווערטער „לכה ארה לי" — מאך מיר ליכטיק זייערע פעלערן.

אָבער אז בלעם איז געקומען און א קוק געטאָן ארום דעם מדבר, און זיין אויג האָט דערזען דעם אידישן לעבן, דעם פשוט׳ן און גלייכן אידישן דרך, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאלטן און אנשטאט שילטן, האָט ער זיי גאָר אָנגעהויבן בענשן און לויבן. דאָך האָט אין זיין הארצן נאָך געלעבט א האָפענונג, אפשר וועט דאָס פאָלק לאנג ניט עקזיסטירן צווישן אזוינע וועלף, וועל־כע ווילן אים פארלענדן. אָבער אז ער האָט א קוק געטאָן מצות מילה, וואָס די אידן זיינען מקיים מיט שמחה, ניט געקוקט אויף די רדיפות, האָט ער געזאָגט „מי יוכל לעמוד בזכות דם המילה המכוסה בעפר, שנאמר מי מנה עפר יעקב", אזא אומה וואס ליגט באגראָבן אין עפר, וואָס אלע טרעטן איר און דאָך האלט זי פעסט אן איר ברית קדש, און איר חותם קדש, אזא פאָלק וועט קיינער ניט מנצח זיין.

אזוי זעען מיר, אז מצות מילה איז איינע פון די יסודות, אויף וואס עס האלט זיך דאָס אידישע פאָלק. ווען א פאָטער ברייננגט זיין זון צו דער עקידה, איז אים מל, העלפט ער מיט

דעם קיום פון כלל ישראל, און ברייגנט זיין חלק, זיין קינד, אין די רייען פון דעם אייביקן פאָלק. די שמחה דארף דעריבער זיין גרוים ביי די אבות הרך, וואס זיי האבן צו דעם זוכה געווען. אויך מיר, געסט, דארפן זיך פרייען מיט זייער שמחה און זיי בענטשן מיט דער ברכה כשם שזכיתם להכניסו בברית וכו' כן תזכו להכניסו לחופה ומעשים טובים. אמן.

———:———

לט.

צו אַ ברית-מילה*)

די מצוה פון מילה איז די גרעסטע מצוה ביי אידן. דורך דער מצוה פון מילה האָט דער אויבערשטער געגעבן זיין חותם קודש דעם אידישן פאָלק, אפצושיידן אים פון אלע אנדערע פעלקער. מיט דער מצוה האָט גאָט ברוך הוא געמאכט א ברית קודש מיט דעם אידישן פאָלק, און ביז היינט ווערט די מצוה אָפגעהיט פון אלע אידן מיט דער גרעסטער שטריינקייט. כאָטש דאָס קינד דארף דורכמאכן אן אפעריישאָן צו אכט טעג פון זיין געבאָרן, פונדעסטוועגן ווערט עס געטאָן מיט גרויס שמחה דורך די על-טערן פון רך הנמול, ווי די חז״ל זאָגן: „תניא ר' שמעון בן גמליאל אומר, כל מצוה שקבלו עליהם בשמחה כגון מילה דכתיב שש אנכי על אמרותיך כמוצא שלל רב עדין עושין בשמחה״. (שבת ק״ל). די עלטערן ברייגגען די טראָפּנס בלוט, וועלכע גייען ארויס פון קינד, א קרבן צו גאָט, און ביי הקב״ה ווערט עס פאררעכנט אזוי גרויס ווי יעדער פאטער וואלט ברייגגען זיין זון צו דער עקידה, ווי אברהם אבינו האָט געטאָן.

די חז״ל הייסן די עלטערן זיך פרייען מיט דעם וואס זיי האָבן זוכה געווען צו מל זיין זייער קינד און צו מאכן א משתה, ווי זיי זאָגן: „חייב אדם לעשות משתה ושמחה ביום שזוכה למול בנו כאברהם אבינו, שנאמר ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק״ (מ״ר פ' נ״ג). מיט דער מצוה פון מילה מיינען מיר ניט נאָר מילת הבשר, נאָר אויך מילת הלב. די ערלת הלב זאָל ווערן אָפּגעשניטן און ווען דער מענש וועט אוים-

וואקסן זאָל ער ניט גיין בשרירות הלב. דער אויבערשטער האָט מיט דעם געוואָלט ווייזן, אז דער מענש איז ניט באַ־שאַפן געוואָרן בשלמות, אפילו דעם גוף דארף מען מתקן זיין, אזוי דארף מען אויך דעם נפש אויסבעסרן. דער מענש וועט זיך אפשר טראכטן, אויב גאָט ברוך הוא וואָלט ניט וועלן איך זאָל האָבן תאוות צו געלט און פרויען, כעס און אכזריות און נאָך פארדאָרבענע מדות, וואָלט ער אין מיין הארצן ניט אריינ־געגעבן קיין תשוקה צו די אלע זאכן, אָבער אז ער האָט מיך יע באשאפן מיט די זיטן און מדות, וועל איך אזוי זיין מיין לעבן, לערנט אונז די מילה, אז אויך דעם גוף דארף מען שניידן און די ערלת הלב מיט די תאוות מוזן געווים געשניטן ווערן און דער מענש מוז זיך בעסערן און איבערשטארקן דעם יצר־הרע.

מיר זאָגן דעריבער ביום המילה צו דעם תינוק הנימל כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים, ווייל דער ברית איז דער סימבאָל פאר חופה און מעשים טובים.

דער אויסדרוק כשם שנכנס לברית לערנט אונז אויך נאָך אן ענין.

ווי מיר האָבן דערמאנט זאָגן די חז"ל אויף דעם פסוק שש אנכי על אמרותיך כמוצא שלל רב, זו מילה. פארוואָס עפעס מיינט עס מילה? און וואס איז דער אויסדרוק כמוצא שלל רב? קען מען ערקלערן דעם געדאנק אויף דעם אופן. דעם שלל, וואס א מענש ברענגט פון דער וועלט אויפ'ן עולם האמת, זיינען דאס די מצוות ומעשים טובים. די חז"ל זאָגן אונז (עירובין נ"ד) א"ל שמואל לר"י שיננא, חטוף ואכל חטוף ואשת, דעלמא דאזלינן מנח כהילולא דמי. דער מענש איז אבער לעמל יולד, לעמל מצוות. און אזוי ווי עס איז שווער צו מאכן שלל, אזוי זיינען שווער די קנין המצות. ווייל דער מענש דארף זיך מתגבר זיין אויף דעם יצר און איינגעמען שלל אין דער מלחמה. איין מצוה איז אבער

פאראן וואס דער מענש מאטערט זיך אויף דעם ניט — און דאָס איז מצות מילה. ווען דער מענש וואקסט אויף, ווערט אים באוואוסט, אז דער פאטער האָט איר מקיים געווען בגופו. די מצוה איז דעריבער א געפונענער שלל, ניט געהאָרעוועט אויף דעם און דאס איז כמוצא שלל רב, ווי געפונען דעם שלל.

מיר זאָגן דעריבער כשם שנכנס לברית. פונקט ווי צו דעם ברית איז דאָס קינד נכנס, אריינגעבראכט געוואָרן דורך אנ־דערע, דורך די עלטערן וואס האָבן אים געמאכט פאר א אידן, כן יכנס לתורה לחופה ומעשים טובים, ער זאָל קריגן גוטע רביים, וועלכע זאָלן אים לערנען און אים ערציען, ווי די חז"ל זאָגן „מי שרוצה ללמוד תורה צריך שיהיה לו רב המדריכו (תענית ז) כן יכנס לחופה, די עלטערן זאָלן דערלעבן אים ארייג־ברייננען לחופה, כן יכנס למעשים טובים, ער זאל דורך די על־טערן מחונך ווערן למעשים טובים, דאמאָלט וועט זיין אשרי לו ואשרי יולדתו, און דורך דעם וועט מושלם ווערן דער תכלית פון מילה און עס וועט מושלם ווערן דער גוף, נפש און מדות.

מיר ווינשן אויך די עלטערן פון דעם איצטיקן תינוק הנימול, זיי זאָלן אויך זוכה זיין להכניסו לתורה, לחופה ולמעשים טובים. זיי זאָלען אליין, און האָבן די מעגלאכקייט צו קריגן פאר דעם תינוק גוטע מדריכים, און דאָס קינד זאָל אויסוואקסן א איד א שלם בגופו ונפשו.

די שמחה פון מילה זאָל ביי זיי בלייבן אויפ'ן גאנצן לעבן אלס א טאָג פון פרייד און גליק מיט זייער קינד און דאס אידישע פאָלק זאל בארייכערט ווערן מיט נאָך א אידן, וועלכער זאָל ברייננען שטאָלץ און רום פאר אים.

———:———

מ.

לברית-מילה

א.

שלשה שמות נקראו לאדם. אחד שקראו לו אביו ואמו, אחד שקראו לו אחרים, ואחד שקראו לו בספר תולדות ברייתו.

(מ"ר, קהלת פ"ז-ג)

ווערטע פריינט!

מיר געפינען זיך איצט אין דער געזעלשאפט, וועלכע איז צוזאמענגעקומען אויף דעם ברית מילה, ווען מיר דערביי דערקלערן די ווערטער פון מדרש מעניני דיומא.

אין תנ"ך געפינען מיר פאר דעם מענשן פארשידענע נעמען: אדם, איש, אנוש, גבר, און יעדער נאָמען ווייזט אויף א באזונדער אייגנשאפט. ביים אָנפאנג פון דער יצירה איז דער מענש גע־רופן געוואָרן אדם, ווי „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו"; „ויברא את האדם בצלמו", „זה ספר תולדות אדם ביום ברא אלקים אדם וגו'".

דער טיטל אדם באצייכנט אין אלגעמיין וועגן דעם גאנצן תכלית, וואס דער מענש איז באשאפן געוואָרן אויף דער וועלט און ער ווערט גערעכנט אלס דער מבחר כל בעלי-החיים.

אויסער וואָס דער מענש דארף באארבייטן די וועלט און זען פארזאָרגן זיך אין גשמיות, ווי די חז"ל זאָגן „לא לתוהו בראה אלא לשבת יצרה" (גיטין מב), דארף ער אָבער אויך ניט פארגעסן צו בילדן זיין נשמה דורך תורה, מצות און מַעשים

טובים, סיי וואס געהערן בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו. ערשט דורכדעם וועט ער זיך צופאסן צו דער תבנית הבריאה „בצלמנו כדמותנו."

דאס באמערקט אונז שלמה המלך אין קהלת. נאָכדעם ווי ער באטראכט די וועלט מיט אלע אייגנשאפטן און דעם גאנצן לעבן פון מענשן, מיט אלע זיינע ארבייטן און באמיהונגען, און זעט אז עס איז „הבל הבלים — הכל הבל", קומט ער ערשט צום באשלום: סוף דבר הכל נשמע את אלקים ירא ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם", אָט דאָס איז דער תכלית פון דעם אדם. ניט קיין אנדער נאָמען נאָר אדם, ווען מען רעדט וועגן תכלית.

אָט מיט דעם טיטל אדם שטייט דאס אידישע פאָלק העכער פון אלע אומות ווי די חז"ל דריקן זיך אוים אויף דעם פסוק, אדם אתם (יחזקאל ל"ז) אתם קרויים אדם ולא אומות העולם. (ב"ק לח).

מיט דעם קענען מיר דערקלערן דעם מדרש „שלשה שמות נקראו לאדם. אחד — שקראו לו בספר תולדות ברית. בשעת ער איז באשאפן געוואָרן — האָט מען אים גערופן אדם, ער זאל זיך בילדן דורך תורה ומצות און דאס איז זיין תכלית אויף דער וועלט אין גייסטלאכן זין.

ואחד שקראו לו אביו ואמו. דער נאָמען וואס די עלטערן גיבן דעם קינד, מיינט מען ניט דעם שם הפרטי, ווי אים צו רופן, נאָר דעם נאָמען, דעם גוטן און חם ושלום דעם שלעכטן, ווי דער מענש פארדינט. די עלטערן מוזן זיך באמיען א נאָמען געבן זייערע קינדער, עס זאל זיין צו גאָט און צו לייט, עס זאל זיין „רוח המקום ורוח הבריות נוחה ממנו." דאָס קען נאָר קומען, ווען זיי וועלן פון קינדהייט אָן איינפלאנצן אין די קינדער גוטע מדות און די עיקרי הדת והאמונה.

ואחד שקראו לו הבריות. דורך דעם שיינעם נאָמען וואס די

עלטערן ווילן געבן זייערע קינדער, איז אויב די קינדער זיינען גוט, רופן אויך אנדערע זיי מיט די זעלבע נעמען. מען בענשט זיך מיט זיי און זיי זיינען לשם ולתהלה בפי כל.

אט דער געדאנק איז זייער פאסנד צו דעם, וואס די חז"ל האבן געשטעלט פאר אונז צו זאגן אויף יעדער ברית מילה צו די עלטערן פון רך הנימל כשם שהכנסתהו לברית כך תכנסהו לתורה, לחופה ומעשים טובים (מדרש רבה קהלת פ"ג). דאס איז א צייכן אויף די דריי נעמען וואס דער מענש איז בארופן. דאס דריקט מען אויס אין דער צייט פון מילה, מיט דעם צייכן (ברית), וואס עס ווערט אפגעשטעמפלט צו זיין א פאלקאמענער איד צו היטן דעם דרך התורה והמצות, ווי אברהם אבינו וואס איז געווען דער ערשטער, וואס האט באלויכטן די וועלט מיט דער ליכטיקייט פון אמונה, און דער ערשטער מקיים געווען מצות מילה.

פון דאמאלט אן ווערט די מצות מילה זייער שטרענג אפגעהיט ביי דעם אידישן פאלק מיט גרוים מסירת נפש. אין אלע שווערע צייטן, ווען די אידן זיינען פארפאלגט געווארן פון זייערע שונאים, האבן זיי די מצות מילה אפגעהיט מיט גרוים שמחה, ווי די חז"ל זאגן: „כל מצוה שקבלו עליהם ועדיין עושים אותה בשמחה — זו מילה" (שבת קל). מען פרייט זיך וואס דאס קינד ווערט א איד, מען מאכט א סעודה און מען איז משמח מיט אלע פריינט און געסט.

מיר ווינשן די עלטערן פון רך הנימול, זיי זאלן זוכה זיין זען זייער קינד פאר א שיינעם צווייג, גפן-אדרת, אין כרם ישראל. ער זאל זיין בארופן מיט די דריי נעמען וועלכע דער מדרש רעכנט אויס, און זאל זיין לתהלה ולתפארת ביי אונזער פאלק, וואס איז אן עם סגולה וגוי קדוש.

———:———

ב.

לברית מילה (פאר דעם סנדק)

די מצוה פון סנדק אויף א ברית-מילה איז זייער וויכטיק. דער כבוד פון דער מצוה איז אָנגענומען ביים פאָלק זייער הויך, און דער מכובד פילט זיך מיט דעם זייער געשעצט. סנדק ווערט אָנגערופן דער וואס זיצט און האלט דאס קינד אויף די קני אויף דעם כסא של אליהו הנביא בעת הכנסת הברית.

דער כסא של אליהו הנביא ווערט צוגעגרייט מיט פיל הייליקייט און גרוים דרך ארץ. דער סנדק זעצט זיך אויף דעם שטול, דאָס קינד ווערט ארייגעטראגן און אלע מסובים שרייען אוים דערביי: „זה הכסא של אליהו מלאך הברית זכור לטוב", און מען דערלאנגט דאס קינד צו דעם סנדק.

דער טעם, פארוואס מען ברייננגט דעם כסא של אליהו הנביא, ערקלערן אונז די חז"ל: אין דער צייט פון אליהו הנביא האָט א טייל פון דעם אידישן פאָלק ניט געהיט די מצוה פון מילה, האָט אליהו מיט גרוים ביטערנים אויסגעשריען צו גאָט: „קנא קנאתי לד' וגו' כי עזבו בריתך בני ישראל וגו'" האָט אים גאָט געזאָגט: ווייל דו האָסט דאָס געטאָן אין מיין נאָמען מיט מסירת נפש, שווער איך דיר, אז אויף יעדער ברית-מילה, וואס מיינע קינדער אידן, וועלן מקיים זיין מיט זייערע קינדער, מוזטו אליין בייזיין און זען, ווי די אידן זיינען מקיים די מצות מילה מיט הייליקייט און שמחת הנפש מען וועט פאר דיר אָנגרייטן א שטול און אויסשרייען „זה הכסא של אליהו מלאך הברית. (זוהר לך דף צ"ג. פרקי דר"א פ' כ"ט).

דעריבער איז ביי אונז די מצוה פון סנדק זייער געאכטעט, און מען איז מכבד א נכבד מיט דער מצוה, ווייל דער סנדק זיצט אויף דעם כסא של אליהו הנביא, מלאך הברית. אויך ווערט גערעכנט, ווי דער סנדק איז מקטיר קטרת (מהרי"ל והובא ברמ"א יו"ד ס' רס"ה). דער פאטער פון קינד איז גלייך צו דעם וואס ברייננגט דעם קרבן אויף דעם מזבח, און דער סנדק ווערט גע־רעכנט, ווי ער איז מקטיר קטרת.

מיר דארפן זיך אלע משמח זיין און ווינשן, אז דער קרבן זאָל זיין נרצה און דאס קינד, רך־הנימול, זאָל אויסוואקסן לתורה וחופה ומעשים טובים.

ג.

לברית-מילה (פאר׳ן קוואטער)

ארבע פייסות היו שם כו׳ — פיים השני מי שוחט מי זורק מי מעלה אברים לכבש מי מקטיר קטרת וכו׳ למה מפיסין וחוזרין ומפיסין, אמר ר״י כדי להרגיש את העזרה, שנאמר בבית אלקים נהלך ברגש. (יומא כב, כד)

ווען דער בית המקדש איז געווען על מכונו, איז אויף יעדען קרבן, וואס מען האָט מקריב געווען אויפ׳ן מזבח, געווען באַשטימט א באזונדער כהן פאר יעדער עבודה. דורך א גורל האָט מען באשטימט, מיט וואס יעדער כהן זאָל זיך פארנעמען: מי שוחט, מי זורק, מי מעלה אברים לכבש. די כונה פון גורל איז געווען, צו פארמיידן פון טומעל, אומאָרדענונג און קאטאסטראָ־פעס. ווייל די כהנים פלעגן לויפן און וועלן ארייכאפן טאָן די עבודה איינער פאר דעם אנדערן כדי זוכה צו זיין במצוה, האָט מען דעריבער איינגעאָרדענט די פייסין (גורלות) פיר מאָל אין טאָג און די עבודה אין בית המקדש איז פארגעקומען מיט א סדר און יעדער האָט געוואוסט וואס ער טוט, אז „מלאכת הקדש בידו" „להרגיש את העזרה, שנאמר בבית אלקים נהלך ברגש".

יעדע ברית מילה באשטייט ביי אונז, זאָגן חז״ל, ווי א מזבח. דער פאטער פון קינד ווערט גערעכנט, ווי ער איז מקריב א קרבן אויף דעם מזבח (זוהר לך). ער ברייננגט מיט שמחה זיין אכט־טאָגיגען קינד, און לאָזט אים שניידן, נעמען בלוט. יעדער פאָ־טער טוט די מצוה מיט שמחה, כאָטש דאָס קינד האָט ווייטאָגן און צער, ווייל ער ווייס, אז ער טוט דעם קינד מיט דעם א טובה

און א גליק, ער ברייננגט אים אריין בבריתו של אברהם אבינו.

צו דער עבודה פון דעם וויכטיקן קרבן זיינען צוגעטיילט, ווי די כהנים פארצייטן, נאָך אייניקע מענשן: דער סנדק, וועל־כער האלט דאָס קינד בשעת המילה און זעצט זיך אויף דעם כסא־אליהו. דער סנדק איז געגליכן צו דעם כהן, וואס איז מקטיר קטרת אויף דעם מזבח (מהרי"ל ה׳ מילה). און נאָך אים איז דער קוואטער, וועלכער טראָגט צו דאָס קינד צום מזבח. דער קוואטער איז געגליכן צום כהן, וואס נעמט די מחתה (פאַן) אין וועלכע עס געפינט זיך די קטרת, און טראָגט עס צו דעם כהן, וואס איז מקטיר די קטרת.

דער קוואטער דאַרף נעמען אין אכט און גערדיינקען, אז זיין כבוד פארנעמט זייער א וויכטיקן ענין, ווי אויך אלע איבריקע כבודים, וועלכע ווערן צוגעטיילט ביי דער פּראָצעדור פון דעם ברית. אלע טיילנעמער זיינען געגליכן צו כהנים, וועלכע טוען די עבודה בעת הקרבה פון קרבן אויף דעם מזבח.

די הייליקע פּראָצעדור פון ברית־מילה פירן מיר שוין דורך זייט טויזנטער יאָרן, מיט גרוים מסירת־נפש און קדושה. אפילו די מענשן, וואס זיינען ניט אינגאנצן טריי צו די טראַדיציעס פון אונזער פאָלק, היטן דאָך אָפּ מצות מילה ביי זייערע קינדער. אויך די גרעסטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן באטייליקן זיך אָפט אין דורכפירן די אָפּעראציע און זיי באציען זיך מיט גרוים אַכטונג צו דער מצוה.

פון מצות מילה זעען מיר די גרויסע קראפט פון אונזער אמונה, ווי זי איז איינגעוואָרצלט טיף אין אונזערע הערצער פון אברהם אבינו אָן. שוין עטלאכע טויזנט יאָר ווי מיר היטן די מצות מילה. אין לויף פון דער לאנגער צייט האָבן מיר געהאט פיל שווערע תקופות מיט גזרות, שמד און ד. ג. מיר האָבן זיך אָבער מוסר געווען אויף קדושת השם און מקיים געווען די מצות

מילה. אזוי ווי דער מדרש זאָגט: על מה אתה יוצא ליסקל? על מה שמלתי את בני? (מ"ר אמור). אין די גזרות השמד, ווען מען האָט געפירט די אידן געשמיט אין קייטן מיט שומרים ביי די זייטן, און מען האָט זיי געפרעגט: פאר וואָסערע זינד פירט מען דאָס אייך פארברענען לעבעדיקערהייט? אפשר האָט איר געמאכט א מרידה במלכות? האָבן זיי געענטפערט: „ניין, קיין שום פארברעכן! נאָר על שמלתי את בני. מיר האָבן געמאכט א ברית מילה פאר אונזערע קינדער, דערפאר משפט מען אונז צום טויט.

מיר דארפן דעריבער איצט שטאָלצירן, וואס מיר זיינען מקיים א מצוה וועלכע פלעכט און באהעפט אונז צו אונזער פאָלק, וועלכע איז דער סוד פון אונזער קיום, מיר זעען דורך דער מצות מילה די ריכטיקע ווערטער, וואס גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, ווען ער האָט אים דעם ערשטן געהייסן מקיים זיין די מצוה: ואתה את בריתי תשמור, אתה וזרעך אחריך לדורותם. און פול דאמאָלט זיינען מיר מקיים די מצוה מיט גרויס פרייד און וועלן איר מקיים זיין אינגיכן אין ירושלים עיר קדשנו, אמן.

———:———

מא.

דרוש לפדיון הבן*)

בני בכורי ישראל
(שמות)

מיר האָבן זיך דאָ צוזאמענגעקליבן פייערן די מצוה פון פדיון הבן. דער אבי הילד גיט חמש סלעים דעם כהן און ער לייזט מיט דעם אויס דאָס קינד פון אים.

וואָס איז דער רעיון אין דער מצוה פון פדיון הבן?

מיר הערן אויך דעם נוסח פון דעם קיום המצוה. דער כהן פרעגט דעם פאָטער מאי בעית טפי, וואָס ווילסטו בעסער, מיר אָפּגעבן דיין זון, אָדער אים אויסלייזן מיט פינף טאָלער? דארף מען אויך פארשטיין די סימבאָלישע כוונה פון דער שאלה, וואס איז אן און פאר זיך גאָר קיין פראגע ניט, ווייל וועלכער פאטער וועט עס לאָזן דעם קינד פאר דעם כהן?

אום צו פארשטיין דאס אלעס, וועלן מיר אפריער מקדים זיין א מאמר, וועלכער איז אויך שווער צו פארשטיין. מיר זאָגן אין אבות פ"ג: חביב אדם שנברא בצלם וכו׳. חביבין ישראל שנקראו בנים למקום. חבה יתרה נודעת להם שנקראו בנים למקום, שנאמר בנים אתם לד׳ אלקיכם" (דברים י"ד). פון דעם מאמר און פון דעם פסוק ווייזט אוים, אז נאָר די אידן ווערן אָנגערופן בנים למקום און אין שמות געפינען מיר, בני בכורי ישראל, ווייזט אוים, אז די אידן זיינען גאָר בנים בכורים, אבער סתם בנים זיינען אלע פעלקער אויך?

דער תירוץ איז אבער, אז אין דעם אויסדרוק בני בכורי ישראל ליגט פארבאהאלטן א ִכונה. א פאָטער איז מחויב צו דער־ציען יעדעם קינד, וואס ער האָט, אבער דער חוב צו דערציען דעם בכור איז גאָר א דאָפּעלטער. אַ בכור דארף מען ערשטנס דער־ציען פאר ִאים אליין, ער זאָל אויסוואקסן א ִמענש מיט גוטע מדות און דערצו מוז ער ווערן דערצויגן מיט גרוים פארזיכט ער זאָל זיין א גוטער ביישפּיל פאר די איבריקע קינדער, וועלכע וועלן ווערן געבאָרן. די נאַטור איז, אז קינדער לערנען זיך איי־נע פון די אנדערע, וואָס דער עלטערער וויל, ווילן אויך די אינ־גערע, דעריבער איז דער בכור שטענדיק די שפּיגל פאר די איבע־ריקע קינדער. ווען דער בכור איז גוט דערצויגן, לערנען די קינ־דער פון אים גוטע מדות, ווען ח״ו פארקערט, לערנען זיי דאס שלעכטע. פון וועמען לערנט זיך אָבער דער בכור? — פון פאָ־טער. דארף זיך דער פאָטער באמיען טאָן גוטע מעשים, דער בכור זאָל זיך דאָס אויך אָפּלערנען.

אָט דאָס זאָגט גאָט: ואמרת אל פרעה, כה אמר ד׳ בני בכורי ישראל וכו׳ שלח את בני ויעבדני וכו״. די אומה הישראלית איז אויסגעקליבן געוואָרן פון דער השגחה זי זאל טראָגן דעם דגל פון מציאת הבורא, זי זאל מפרסם זיין די אמונה פאר אלע אומות העולם. דאס איז אויך דער רעיון פון גלות, צעשפּרייטן די אידן אין אלע פיר ווינקלען פון דער וועלט, די אומות העולם זאָלן זיך פון זיי לערנען.

דעריבער רופט זי גאָט בני בכורי, אזוי ווי פון א בכור לער־נען זיך אלע קינדער, אזוי דארפן די אומות העולם זיך לערנען פון די אידן. דעריבער, שלח את בני ויעבדני — שיקט אים ארויס, ער זאָל לערנען געטלאכקייט פון מיר, מען זאָל האָבן וואס פון אים צו לערנען.

לויט דעם רעיון מיינט עס דער אויסדרוק בני בכורי, פאר דעם עתיד, ווען אלע פעלקער וועלן גיין אין גאָטס דרכים, ווען עס וועט זיין ויראוך כל המעשים וישתחו לך כל הברואים, וועלן אלע זיך לערנען פון די אידן און עס וועט זיין ובכן תן כבוד לעמך. אבער לעת עתה איז עס ווי דער תנא זאָגט, אז נאָר די אידן זיינען בנים, חביבים ישראל שנקראו בנים, און דער פסוק זאָגט אויך בנים אתם. איצט זייט איר נאָר בנים לד' אלקיכם.

און אָט דער זעלבער רעיון ליגט אין פדיון הבן. דאס אויס־לייזן פון דעם בכור איז אונז מרמז אויף דעם אויסלייזן פון דעם גאנצן כלל ישראל, וואס איז א בכור ביי גאָט ברוך הוא. מיר לייזן אוים דעם בכור און דערוועקן דערמיט רחמי שמים, ער זאָל שוין אויסלייזן זיין בכור.

צוליב דעם געדאנק קומט אויך דער נוסח. דער כהן פרעגט דעם פאָטער, וואס ווילסטו בעסער דיין בכור אָדער געלט? דאָס מיינט, וואס איז ביי דיר טייערער, דער געיעג נאָך געלט, וואס זאָל דיר אוועקרויבן דיין צייט און דיין קינד זאָל דערצויגן ווערן דורך פרעמדע הענט, אָדער דיין קינד, דו זאָלסט דיין בכור אליין דערציען, אים איינפלאנצן גוטע מדות, ער זאָל זיין א גוטער ביישפיל פאר די איבריקע קינדער? און דער פאָטער ענטפערט, געוויס מיין קינד וויל איך בעסער. אלץ וואס איך האָב, וועל איך אָפגעבן, נאָר אויסצולייזן מיין קינד, און דאס דערוועקט רחמי שמים, גאָט זאל אונז אויך אויסלייזן, מיר זאָלן זיין בכורים פאר אלע אומות העולם.

אָט דער הויכער רעיון ליגט פארבאהאלטן אין דער מצוה פון פדיון הבן. די עלטערן פון קינד דארפן זיך פילן גליקלאך, וואָס זיי האָבן זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה. די פרייד איז נאָך גרעסער דערמיט, וואס פדיון הבן קומט נאָך דרייסיק טעג פון געבוירן, וואס ווייזט אז דאס קינד איז געוויס א בן־קיימא,

און גאָט וועט זיי העלפן, אז ער וועט אויסוואקסן געזונט און זיי, די עלטערן, וועלן זוכה זיין אים דערציען לתורה, חופה ומעשים טובים.

אויך מיר אלע מסובים דארפן זיך משמח זיין, וואס מיר נעמען א טייל אין אזא מצוה, וואס איר כונה איז לעורר רחמי שמים אויף אונזער פאָלק. לאָמיר האָפן, אז מיר וועלן טאקע זוכה זיין און וועלן זעען די גאולה פון אונזער פאָלק, ווען מיר וועלן זיין בכורים פאר אלע פעלקער, וועלכע וועלן אויך גיין אין גאָטס דרכים און וועלן זיין בנים לד׳, און עס וועט זיין ומלאה כל הארץ בינה כמים לים מכסים. אמן.

מב.

לפדיון-הבן

קדש לי כל בכור פטר כל רחם בבני ישראל לי הוא. (שמות י"ב)

מיר געפינען אין דער תורה פיל מאל וועגן דער הייליקייט פון די בכורים און זייער פדיון דורכ'ן כהן.*)

פארוואס שטייען די בכורים העכער פאר די איבריקע קינדער? זאגט אונז די תורה: „והי' כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת? ואמרת אליו, בחוזק יד הוציאנו ד' ממצרים מבית עבדים, ויהי כי הקשה פרעה לשלחנו ויהרוג ד' כל בכור מצרים וגו' וכל בניך אפדה (פרשה זו). דורך דעם, וואס די אידישע בכורים זיינען געראטעוועט געווארן אין מצרים, זיינען זיי פארהייליקט געווארן צו גאט, און מען מוז זיי אויסלייזן מיט פינף שקלים.

די עצם בכורה ענטהאלט אין זיך צוויי אייגנשאפטן (קנינים) א) א קנין זמני (צייטווייליקע); ב) א קנין נצחי (אייביקע). די צייטווייליקע באשטייט אין נעמען א דאפלטן טייל ירושה פון עלטערן, און ווערן מכובד פון די ברידער, ווי עס זאגן די חז"ל: „כבד את אביך ואת אמך ו' יתירה לרבות אחיו הגדול. (כתובות ק"ג). די אייביקע: ווייל דער מענש בכלל, מוז זיך בילדן שטענדיק דורך תורה, מצות און מעשים טובים, און נאך מער דארף

---

*) שמות יב א, קדש לי כל בכור וגו' והיה כי יביאך וגו' וכל בכור בניך תפדה.

דאָס טאָן דער בכור (ראשית אונו) ווייל וואס עס איז דאס ערשטע, איז אין דער תורה פארהייליקט. ווי: בכור־אדם, בכור־בהמה, בכורי־אדמה, ראשית־תבואתו, ראשית־עריסותיכם, ראשית הגז. דאס אידישע פאָלק ווערט אויך גערופן: בני בכורי ישראל (שמות ד׳ כ״ב). און די בכורים פון די אידן זיינען אויסגעווילט געוואָרן צו די עבודות המשכן, איידער דער שבט לוי איז צו דעם בארופן געוואָרן.

און ווייל די בכורה איז פארהייליקט, האָט יעקב אבינו אָנגעווענדעט אלע מיטלען און האָט זי אָפּגעקויפט פון עשו׳ן. ווייל ער, יעקב, איז שטענדיק געווען פארנומען מיט רוחניות, ויעקב איש תם יושב אהלים, האָט ער געדארפט די בכורה, אבער עשו, וואָס איז געווען איבערגעגעבן צו תאוות, ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, איז פאר אים די בכורה געווען גאָר איבעריק. ווי ער האָט זיך אליין אויסגעדריקט: הנה אנכי הולך למות (אן אָפּגעשטארבענער פון ענינים רוחניים) ולמה זה לי בכורה?

נאָך א טעם קענען מיר זאָגן, פארוואס דער בכור איז פארהייליקט און מען באדארף אים אויסלייזן.

גאָט ברוך הוא האָט אונז מזכה געווען מיט דער מצוה פון פדיון בכור, צו ווייזן אונז, אז אלץ אין דער וועלט געהערט צו אים, און דאס וואס ער גיט דעם מענשן, איז עס מער ניט ממדת החסד והרחמים. מיט דעם פדיון בכור באווייזט מען דעם מענשן, אז אפילו זיינע טייערסטע זאכן, ווי דער ערשטער זון, וואס איז ביי יעדן זייער טייער, דאָך מוז מען אים אָפּגעבן אין רשות פון דעם רבש״ע. קדש לי כל בכור — ובכור בניך תתן לי. (ראה בס׳ החנוך פ׳ בא).

נאָך די דערקלערונגען, איצט אז מיר האָבן זיך אויפגעקליבן ביים פדיון הבן, דארפן מיר נעמען אין געדאנק די וויכטיקייט פון דער מצוה. מיר דארפן זייער הויך שאצן דעם קינד,

דעם בכור, וואס איז א קדוש מרחם. דאָס קינד טראָגט אויף זיך דעם חותם פון קדושה, און די עלטערן דארפן אים מער בילדן אין תורה און מצות. מיר דריקן דעריבער אויס די ברכה צו דעם אבי־הילד בשעת פדיון הבן: כשם שזכית לפדותו, כן תזכהו לתורה ולחופה ומעשים טובים. (החנוך פ' קרח).

לאָמיר האָפן, אז די עלטערן וועלן וויסן די גרויסע פאר־אנטוואָרטלאכקייט וואס ליגט אויף זיי, מחנך זיין דאס קינד לתורה ומצות, און דאס קינד וועט אויסוואקסן פאר א טייערן אידן און מענש, וואס וועט זיין לברכה ולתפארת פאר אונזער פאָלק. אָמן.

———:———

מג.

לקשורי-תנאים

מן התורה, מן הנביאים ומן הכתובים מצינו אשה לאיש, מה״ת דכתיב: אם מד׳ יצא הדבר (בראשית כ״ד). מן הנביאים, דכתיב: ואביו ואמו לא ידעו כי מד׳ היא (שופטים י״ד). מן הכתובים, דכתיב, מד׳ אשה משכלת (משלי י״ט). (מס׳ מו״ק דף י״ח, מ״ר ויצא פס״ח). ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת-קול יוצאת ואומרת: בת פלוני לפלוני. (מו״ק י״ח, סוטה ב׳)

די חז״ל זאָגן אונז, ווען עס ווערט געשלאָסן א פארטיי און אַ יונגע פּאָר ווערן מיט מזל חתן כלה. אלץ איינס וואסער גע־לעגנהייט עס האָט זיי צוזאמענגעבראכט, צי דורך א פארמיט־לונג פון זייטיקע מענשן אָדער דורך אן אייגענע באקאנטשאפט, דארף מען ניט דיינקען, אז דאָס איז א זאך וואס דער צופאל האָט נאָר וואס געבראכט, נאָר עס איז שוין פון לאנגע יאָרן פריער אזוי באשטימט געוואָרן: ארבעים יום קודם יצירת הולד בת-קול יוצאת ואומרת: בת פלוני לפלוני.

דאָס לערנט אונז אין אלגעמיין וועגן אונזער לעבן אויף דער וועלט. מיר דארפן ניט מיינען, אז די וועלט פירט זיך אליין און לית דין ולית דין, און דער מענש דארף ניט דיינקען, אַז זיינע אייגענע קרעפטן טוען פאר אים, נאָר א באהאלטענע געטלאכע קראפט און השגחה באהערשט אלעם און פירט מיט אלץ אָן, און פון זיך אליין וואָלט קיין זאך ניט געקענט אַרויס־קומען.

נאָך מער זעט מען די געטלאכע קראַפט אין דעם ענין פון שדוכים, וועלכע ווערן געשלאָסן פון חתן כלה, ווען מיר גע־פינען זיך אין א געזעלשאפט פון קשורי תנאים.

עס ווערן צוזאמענגעבונדען צוויי יונגע מענשן, מיט פאר־שידענע אייגנשאפטן, כאראקטערן און זיטן. ביז איצט זיינען זיי דעם גאנצן לעבן געווען אומבאקאנט, ווייט און פרעמד, און מיט אמאָל דארפן זיי אָנהויבן לעבן א צוזאמענגעשלאָסענעם לעבן. זיי דארפן צוזאמען טראָגן אויף זייערע פלייצעס דעם שווערן לאַסט פון פאמיליען־לעבן, און זיך אויפפירן געזעלשאפטלאך און מאָראַליש אין א הויכע און ווירדיגע מדרגה, — אַזאַ זאך, קע־נען אלע פילן, איז העכער פון די מענשלאכע כחות, מען מוז דערצו האָבן א געטלאכע קראפט, וועלכע זאָל העלפן אז דער צוזאמענלעבן זאל זיין גליקלאך, אלעס זאל גיין כשורה און שלום ושלוה זאָל הערשן דעם גאנצן לעבן. די יונגע פאָר אליין, זייערע ליבע־געפילן איינע צו די אנדערע, זיינען ניט גענוג זיי צוזא־מענבינדן אויף שטענדיק. מיט דער צייט וואָלטן די געפילן גע־וואָרן אָפגעשוואכט און אָפגעקילט, און נאָר גאָטס הילף האלט דעם הייליקן בונד, פון חיי־משפחה, שטארק און פעסט.

אָט דאָס איז די דערקלערונג פון די חז"ל אויף דעם פסוק „אעשה לו עזר כנגדו, זכה — עזר, לא זכה — מנגדתו" (יבמות ס"ב). אויב דער מאן איז זוכה צו א גוטן מזל איז די פרוי פאר אים א הילף דעם גאנצן לעבן, סיי אין ליידן, סיי אין פריידן; אויב אבער לא זכה — מנגדתו, איז זי פאר אים א געגנערן אין אלע זיינע וועגן. אומעטום שטייט זי אים ווי א שטיין אין וועג, ווי ער גיט א טראָט, שטרויכלט ער זיך אָן איר, ביז ער פאלט אנידער.

אלץ איז נאָר דורך דער געטלאכער קראפט און זיין השגחה. עס העלפן ניט קיין התחכמות, קיין עצות, קיין געלט, קיין אהבה,

נאָר דער ווילן פון גאָט ברוך הוא. דער גאנצער נסיון-החיים ווייזט אויף דעם אָפן, און די וואס גלויבן ניט ווילן ניט זען דעם אמת. און דאָס זאגן חז״ל: מד׳ אשה לאיש, ארבעים יום וכו׳ בת פלוני לפלוני.

מיר דערמאנען איצט אויף דעם חתן און כלה, זיי זאָלן נעמען אין אכט, אז אלעס איז פון גאָט ברוך הוא, דעריבער דאַרף מען זען טאָן רצונו יתברך שמו, מען דאַרף זען, אז די הויז וואס מען גייט בויען זאָל זיין א ריינע און כשרה אידישע היים, וואו מאָן און פרוי געפינען צופרידנהייט איינע מיט די אנדערע, דאמאָלט העלפט גאָט און דאָס לעבן גייט אוועק אין גליק און נחת, שלום ושלוה.

מיר ווינשן, אלזאָ, די חתן-כלה, אז זייער לעבן זאָל זיין פול מיט גליק, אהבה ואחוה, שלום ורעות. עס זאל זיין ווי דער נביא זאָגט וארשתיך לי לעולם וארשתיך לי בצדק ומשפט בחסד ורחמים וגו׳ וידעת את ד׳. עס זאל זיין א אידישער לעבן עפ״י דרך הדת והאמונה, מיט גייסטיקע און מאטריעלע צופרידנהייט.

———:———

מד.

צו אַ חתונה*)

שני לוחת העדות (פרשה תשא) מהו שני לוחת?
כנגד שמים וארץ; כנגד חתן וכלה.
(שמות רבה פ' מא)

כדי צו פארשטיין דעם רעיון פון דעם געבראכטן מאמר, וואו ער גלייכט צו די לוחות צו חתן־כלה, קען מען זאָגן אזא געדאנק.

ווי באקאנט זיינען פון די עשרת הדברות, וועלכע געפינען זיך אויף די לוחות, פינף פון זיי חיובים בין אדם למקום און פינף חובות בין אדם לחבירו. די ערשטע פינף קענען דעריבער אָנגערופן ווערן שמים, דאָס זיינען וועגן ענינים רוחניים, הימל־דיקע, געטלאכע. די אנדערע פינף קענען גערופן ווערן ארץ, דאָס זיינען וועגן ענינים, וואָס זיינען נוגע צו דעם עולם הגשמי.

אָט דאָס זאָגט דער מדרש. מהו שני לוחת? כנגד שמים וארץ. דאס איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אז דער מענש האָט אויף זיך צוויי חיובים. ערשטנס, גייסטלאכע, רוחניות'דיקע, עפעס טאָן פאר זיין נפש, און חיובים חומריים, צו זען פאר די צרכי הגוף. ווייל דער מענש אליין איז אויך געבויט פון שמים וארץ, פון רוחניות און גשמיות, און ער דארף באזארגן די הצטרכות פוןביידע זאכן, פון נפש וחומר.

אויך חתן וכלה, ווען זיי גייען אונטער דער חופה, נעמען אויף זיך פארשידנארטיקע חיובים. דער חתן — צו שפייזן און זאָרגן פאר זיין ווייב און זיין פאמיליע, וועלכע ער גייט בויען, זיי זאָל קיין זאך ניט פעלן, און זיין באשיצט דורך אים. די

כלה ווידער פארפליכטעט זיך אכטונג צו געבן און אָנפירן מיט דער הויז, וואס זי גייט אויפשטעלן, זעען אַז דער מאן זאָל געפינען גייסטלאכע רו און פארגעניגן אין זיין היים, און אויך אז זיין מאָראל זאָל שטיין הויך. דער געגיעג פון לעבן זאָל אים אמאָל ניט אָנריידן צו טאָן שלעכטע מעשים, וועלכע קענען פירן צו ביטערע תוצאות. די פרוי דארף האָבן אירע אויגן אָפן דארויף, און אים אָפּהאלטן פון שלעכטס. אויך דארף די פרוי זען, אז איר הויז זאל זיין אָפן פאר צדקה וחסד, ווייל אלעס, וואס איז נוגע דער היים, ווענדט זיך אָן דער פרוי.

דעריבער זאָגן חז״ל „שני לוחות כנגד שמים וארץ וכנגד חתן וכלה״ — ווייל אויך ביי חתן-כלה זיינען דאָ דיביידע חיובים, גייסטלאכע און מאטעריעלע, הימלדיקע און ערדישע. דער מאן האָט די מאטעריעלע התחיבות, די פרוי — די גייס-טיקע.

ווען דער מאן און פרוי באמיען זיך צו היטן זייערע התחייבות, איינע פאר דעם אנדערן, דאן הערשט שלום ושלוה און א נייע הויז ווערט אויפגעבויט ביי אידן לנוי ותפארת.

ווי זים זיינען די רייד פון מדרש אין דער זעלבער פרשה תשא. „מהו ככלותו? אמר ר׳ שמעון בן לקיש, כל מי שהוא מוציא דברי תורה ואינן ערבים על שומעיהם ככלה שהוא עריבה לבעלה נוח לו שלא אמרן״. דער באור פון דעם איז אזוי: אויב דער תלמיד-חכם, ווען ער זאָגט די דברי תורה, האָט ער ניט קיין פגיעה און קיין נגיעה עצמית, דאמאָלט ווערן די רייד צוגעהערט און אָנגענומען פון די שומעים.

ווי איז אבער, ווען דער תלמיד-חכם זאָגנדיק די דברי מוסר, האָט אין זינען זיין אייגענעם נוצן און זיין אייגענע הנאה, דא-מאָלט ווערן זיינע רייד ניט אָנגענומען און ער ווערט גאר אויס-געלאכט פון די צוהערער.

אזוי איז אויך מיט דער פרוי. אויב אין אירע אלע געפילן איז זי געטריי און איבערגעגעבן דעם מאן און היים, און זי זוכט נאָר פאַר דעם מאנם טובה און הנאה, דאמאָלט איז זי עריבה, זים צום מאן, ווייל ער זעט אין איר אן אם רחמניה און א ליבן פריינט, וועלכער זאָרגט וועגן זיין וואוילזיין. ווען אָבער א פרוי פאַר־לאנגט נאָר פון מאן געלט, זי זאל האָבן אויף וואָס איר פאַר־ווילט זיך. זי קויפט זיך די שענסטע קליידער און צירונג נאָך דער לעצטער מאָדע און וויל ניט וויסן פון די שלעכטע און שווערע עקאָנאָמישע באדינגונגען אין וועלכע איר מאן און זיין קוועלע פון פרנסה געפינען זיך, אזא פרוי, ווען זי רעדט שוין יא כלומר'שט אמאָל מיט'ן מאן וועגן זיין לאגע און וויל אים מיט־פילן, באציט ער זיך אויך צו איר מיט חשד, אז זי האָט אן איי־גענע נגיעה און זייטיקע פניה דערביי.

איר, ליבע פריינט חתן וכלה, אין אייער איצטיקן הייליקן מאָמענט, ווען איר גייט שווערן טריישאפט איינער צום צווייטן, ווען איר פארבינדט זיך מיט א הייליקן בונד אויף אייער גאנצן לעבן, דארפט איר געדיינקן אָן אייערע פליכטן איינער צום אנ־דערן. איר דארפט זען אז אייער ליבע איינער צום אנדערן זאָל זיין א הייליקע און אן אמת'ע. יעדער איינער פול מיט'ן גאַנצן לעבן פאר דעם אנדערן, דאן וועט אייער הויז זיין א ווינקל פון גליק און פרידן. עס וועט זיין „אשתך כגפן פוריה ברכתי ביתך, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך". אלעס וועט זיך קאָנצענט־רירן ארום דער היים. די היים וועט זיין דער אָרט, וואָס וועט פארגלעטן א צער, בארואיקן די געמיטער אין אן עת צרה, און, פארקערט, אין מינוטן פון פרייד און גליק, וועט עס אלץ ארויסשטראלן פון דער היים.

אייער הויז וועט דאן זיין לברכה, לנוי ותפארת פאר איי̇ערע עלטערן, פריינד ווי אויך פאר דעם גאנצן כלל ישראל.

מה.

צו א חתונה*)

אונזערע חז"ל, וועלכע האָבן מיט זייער גרויס חכמה פאַר־אויסגעזען אלע באדערפעניש פון פאָלק, און האָבן דעריבער דעם פאָלק געלערנט ווי זיך צו פירן ביי אלע געלעגנהייטן פון לעבן, האָבן אבער גוט פארשטאַנען, אז דער גאנצער גליק אָדער חס־ושלום אומגליק פון פאָלק, ווענדט זיך דער עיקר אָן דער אידי־שער הויז. דאָס איז דער קוואל פון דער פאָלקס־נשמה און כאַראַקטער, און פון אים ווערט ענטשיידן דער גורל פון פאָלק, פאר גוט אָדער שלעכט.

די חז"ל האָבן דעריבער זייער פיל געלערנט און גערעדט וועגן דעם וואויל און גליק פון דער היים ביי אידן. האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו והמדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה והמשיאן סמוך לפרקן עליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא (סנהדרין ע"ו). אין די קורצע רייד ליגט א גאנצע תורה ווי צו איינריכטן דאס אידישע הויז פאר א גאנצן געצעלט אין א רואיקע היים. ליב האָבן דער פרוי, היטן איר כבוד, זען זי זאל זיך פילן גליקלאך און צופרידן, — דאָס זיינען די פונדאמענט־שטיינער פון דער אידישער הויז „אשתך כגפן פוריה בירכתי וכו' הנה כן יבורך גבר ירא ד'", אזא הויז איז א ברכה פון גאָט, אזא הויז אז עס קומט צו ביי אידן, אויסער וואס די בני בית אליין לעבן גליקלאך, בויען זיי נאָך דערמיט אויך דעם פאָלק, און ח"ו ווערט גערירט א שטיין פון הויז, עס כאפט זיך אריין אמאָל אן איבערררייד צווישן מאן

און ווייב, אָדער ווען דער מאן פארנאַכלעסיגט די הויז און פאר־שעמט דער פרוי, דאן אויסער וואס זיי זיינען אליין אומגליקלאך, ווערט געָרעכנט ווי זיי ברייננען אריין קריג און טומל ביי אידן, ווי די חז"ל זאָגן „כל המשים שלום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאלו משים שלום בישראל וכו'. וכל המטיל קנאה ותחרות בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאלו מטיל קנאה ותחרות בישראל" (אבות דר' נתן פ' כ"ח). דער גרונט געדאנק פון דעם איז פשוט, ווען אין דער היים הערשט פרידן, דאן פארשפרייט זי איר השפעה אויף פילע הייזער אין דער סביבה, יענע הייזער פאר־שפרייטן פון זיך ווייטער דעם געפיל פון שלום, און עס ווערט געמערט שלום בישראל, פארקערט ווידער, די קנאה און קריג פון א אידישע הויז פארשפרייט איר גיפט אויך אויף ווייטער, און סמ'ט אָפּ, טויט אָפּ דעם אידישן גייסט.

די באדינגונגען פון שלום איז ערשטנס ווי מיר האָבן גע־זאָגט, אז דער מאן דארף ליבן און ערן זיין פרוי, אבער אויך די פרוי פון איר זייט, דארף זען, אז דער מאן זאל געפינען אין הויז רו און פארגעניגן, פון דעם שווערן יאָך, עול הפרנסה, וואָס פאריאָגט אים גאנצענע טעג. זי דארף פון אים קיין סך ניט מאָנען און אים מוחל זיין פאר זיין פארנאכלעסיגן איר צייטנ־ווייז. זי דארף ווייסן אז דער יאָך פון פרנסה רויבט ביי אים אוועק זיין געדולד און רו.

דאמאָלט ווען עס הערשט איין גייסט בייביידן, איין גוטער ווילן צו העלפן איינער דעם אנדערן, דאמאָלט איז דער שלום בית געזיכערט.

מיר געפינען ביי יעקב אבינו, ווען ער האָט דערהערט גאָטס קול: „שוב אל ארצך ולמולדתך ואהיה עמך" — האָט ער גע־שיקט רופן צו זיך אין פעלד רחל ולאה, זיי פרעגן צי זיי ווילן גיין מיט אים. יעקב אבינו האָט גוט געוואוסט, אז זיינע פרויען

וועלן מיט אים מיטגיין, זיי וועלן ניט וועלן בלייבן קיין עגונות און פארלאָזענע אין זייער פאטערס הויז. ער האָט אבער אויך געוואוסט, אז אויב רחל ולאה וועלן גיין מיט אים אין זיין לאנד, נים ווי זיינע ווייבער, נאָר ווי ל ב נ ׳ ס ט ע כ ט ע ר, זיי וועלן מיטנעמען צו זיך אין די הייזער די זיטן און געוואוינהייטן פון זייער פאָטער, זיין שפראך און קולטור, דאמאָלט וועט יעקב׳ס הויז אין זיין לאנד, זיין דאָס זעלבע וואס לבנ׳ס הויז אין חרן, זיינע קינדער וועלן ניט זיין די אייניקלאך פון יצחק ואברהם, נאָר פון לבן ובתואל.

ער האָט דעריבער געשיקט אין פעלד רופן רחל ולאה, מיט זיי ריידן און געוואויר ווערן, וואס איז זייער דעה, ווי ווייט זיי זיינען נאָך צוגעבונדן צו זייער פאָטער לבן. נאָר ווען ער האָט געהערט פון זייער מויל, אז „אין לנו חלק ונחלה בבית אבינו ונכריות נחשבנו לו״ און אויך „ועתה כל אשר אמר אלקים אליך עשה״ דאמאָלט האָט יעקב אבינו גענומען „את בניו — זיינע קינדער — ואת נשיו — זיינע ווייבער — דאמאָלט איז ער געווען רואיק, אז ער פירט זיי ניט ווי שבויות חרב, אזוי ווי לבנ׳ס טעכטער, אָפּגעריסן מיט גוואלד פון פאטער׳ס הויז און די אָפּגעטער, נאָר זיי גייען מיט זייער אייגענעם ווילן, ווי זיינע ווייבער, וועלכע ווילן בויען א אידישע הויז.

דאָסזעלבע איז אויך ביי דער חתונה פון א יונגע פּאָר. דער חתן און די כלה דארפן אוועקוואַרפן די שלעכטע זיטן, וועלכע געפינען זיך ביי יעדען איינעם, און דארפן באַמיען לערנען איינער פון דעם אנדערן די שיינע און נאָבעלע מדות. אין אַזאַ גייסט פון שלום ואחדות וועלן זיי אויפבויען זייער נעסט אין גליק, אין צו־פרידנהייט.

מיר ווינשן די יונגע פּאָר, וועלכע שטייען פאר אונז, אז אין זייער היים, וואס זיי גייען ערשט בויען, זאָל הערשן אזא געפיל פון שלום ואחדות אויף זייער גאנצן לעבן. זייער היים זאל זיין דער סימבאָל פון גליק און נחת און אזוי משפיע זיין אויף נאָך פיל הייזער, מען זאל זיך פירן אין זעלבן גייסט און מען וועט קענען אויף זיי זאָגן, אז זיי זיינען משים שלום בישראל.

טו.

לחתונה

כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בחמשה קולות, שנאמר קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, קול אומרים הודו לד׳ צבאות וכו׳ ואם משמחו מה שכרו? וכו׳ — כאלו בונה חורבה אחת מחורבות ירושלים.

(ברכות ח)

די חז״ל מאכן א גרויסן פאראד דערפון, ווען מען איז משמח דעם חתן בעת הסעודה. אויף דארף מען דער כלה משמח זיין, און די חז״ל ערקלערן, ווי מען דארף טאַנצן אום איר משמח זיין: כיצד מרקדין לפני הכלה? (כתובות יז). און אויב מען איז זיי ניט משמח זאָגן חז״ל, איז עס א גרויסע זינד.

אין וואס באשטייט דער ענין פון משמח זיין חתן כלה? און וואָס איז דער געדאנק פון די חמשה קולות?

דער ענין פון דעם איז אָט וואס: ווען מען געפינט זיך אויף א סעודת חתן־כלה, פארברייגגט מען געוויינלאך פריילאך. מען עסט גוטע מאכלים און די מוזיק שפילט שיינע נגונים. אלע זיי־נען לעבעדיק מיט דער שמחה אויסער אבער חתן־כלה אליין. ביי חתן־כלה איז די חתונה דער וויכטיקסטער מאָמענט אין זייער לעבן. זיי מאכן איצט אזא שריט, וועלכער פארבינדט זיי אויף אייביק צוזאמען, און אומעטיקע מחשבות וועגן דער אומ־באקאנטער צוקונפט וואס זיי ערווארט אין זייער נייעם לעבן, פארקלייבן זיך טיף אין הארצן, און שאפן ביי זיי אן אומעטיקע שטימונג, גאָר ניט צוגעפאסט צו דער פריילאכער אטמאָספערע,

וועלכע הערשט ארום זיי. חתן־כלה דערמאנען זיך, אז באלד הויבט זיך פאר זיי אָן א נייע וועלט, זיי גייען בויען א הויז, וועל־כע דארף אָוועקגעשטעלט ווערן אויף דעם גרונד פון אהבה, אחוה, שלום ורעות, זיי דארפן זיין איבערגעגעבן איינער דעם אנ־דערן מיט טרייהייט און ליבע — צי וועט עס אבער טאַקע אזוי פארווירקלאכט ווערן? צי וועט זיי זיין גענוג זייערע קרעפטן צו בויען דעם שווערן בנין, וואס זיי גייען אויפשטעלן? דער חתן דאגה'ט, צי וועט ער זיין בכח פאדינען פרנסה פאר זיין נייע היים, און די כלה זאָרגט, צי וועט זי קענען אויפהאלטן דאָס הויז, אז דער מאן זאל געפינען דאָרט רו און פארגעניגן?

אזעלכע געדאנקן פילן אָן ביי דעם מאָמענט די מחות פון חתן־כלה. די געסט, געוויינטלאך, זיינען ארייננגעטאָן אין זייער פרייד און מערקן געוויינטלאך ניט, וואס עס קומט פאָר דאָרט ביי חתן־כלה אין הארצן, און זיי זיינען זיי ניט משמח.

דעריבער הייסן חז"ל מען זאָל חתן־כלה משמח זיין און דריקן זיך אוים: „קול אומרים ד' צבאות" — די געסט דארפן משמח זיין חתן־כלה מיט דעם געדאנק, אז דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער האָט זייער פיל ברואים (צבאי־צבאות) און ער איז זן ומפרנס מביצי כנים עד קרני ראמים, וועט געוויס מפרנס זיין די יונגע־פאָר, וועלכע גייען אריין אין דער נייער וועלט, און זוכן זייער פרנסה, און מען מוז זיין שטארק אין אמונה ובטחון, אז גאָט וועט געוויס געבן אלע הצטרכות, וואס דער מענש דארף האָבן.

אָט דער אויסדרוק ד' צבאות, ווערט ערקלערט מיט די זעלבע ווערטער, וואס חנה האָט געזאָגט: ד' צבאות — מכל צבאי צבאות שבראת בעולמך קשה בעיניך וכו' משל למלך ב"ו שעשה סעודה לעבדיו בא עני אחד ועמד על הפתח אמר להם תנו לו

פרוסה אחת כו׳ דחק ונכנס לפני המלך ואמר לו, מכל סעודה שעשית קשה בעיניך לתת לי פרוסה אחת? (ברכות לא).

אָט די ערקלערונג דארף געגעבן ווערן חתן־כלה: הודו לד׳ צבאות — וועלכער האָט צבאי צבאות פארשידענע ברואים, וועט אייך געבן פון זיין פולער האנט א פרוסה אחת פון זיין סעודה, וואס ער האָט אָנגעגרייט פאר דער גאנצער וועלט.

נאָך מער, איר וועט ניט זיין אין דער מדרגה פון בא עני אחד ועמד על הפתח נאָר נכנס אצל המלך. אויב איר וועט לעבן בשלום ואהבה, דאמאָלסט איז שכינה שרויה ביניכם, וועט דער מלך העולם אליין ביי אייך זיין שטענדיק. ער וועט אייך געבן פון זיין סעודה פרוסה אחת, און איר וועט ניט דארפן שטיין ווי דער אָרימאַן ביים טיר און בעטן ביי דעם צווייטן א פרוסה.

אָט מיט אזעלכע ווערטער קען מען געווים משמח זיין חתן־כלה און דאמאָלט איז מען מקיים די חמשה קולות, מען ברייגנט אריין מוט און פרייד אין זייערע הערצער, וועט שוין גלייך ווערן קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, און הודו לד׳ צבאות, זיי, חתן־כלה, קריגן צוריק מוט און האָפענונג און ווערן פריי־לאך און עס ווערט גערעכנט ווי מען איז בונה אחת מחורבות ירושלים.

———:———

מז.

לחתונת-כסף (זילבערנע חתונה)

(25 יאר נאך דער חתונה)

ווען מען זעט בעולם המסחר, אין א געשעפט וואס עק־זיסטירט צענדליקער יארן צווישן צוויי שותפים, אז די שותפים האבן צום אנדיינקן פון דעם ערשטן טאג, וואס זיי האבן גע־גרינדעט דעם געשעפט צוזאמען, געמאכט א שמחה און איינגע־לאדן צו דער סעודה זייערע פריינט, — איז עס א סימן, אז די שותפים זיינען צופרידן איינע מיט די אנדערע און דער געשעפט פירט זיך אין א גוטער ארדענונג.

ווארום, אויב עס וואלט ביי זיי פארקומען רייבונגען, סכסוכים, קנאה, שנאה און מחלוקת, וואלטן זיי געווים ניט גע־מאכט קיין סעודה און זיך ניט משמח געווען צו דעם אנדיינקען פון דעם טאג, ווען זיי זיינען צוזאמענגעקומען אין געשעפט.

דאסזעלבע קאנען מיר זאגן איצט. די בעלי־השמחה (מאן און ווייב) האבן אפגעלעבט בשותפות 25 יאר פון זייער חתונה, און איצט האבן זיי איינגעלאדן פריינט און געסט משמח זיין צו דעם טאג, וואס זיי האבן זיך צוזאמענגעבונדן, דארפן מיר פארשטיין, אז די גאנצע 25 יאר האבן זיי געלעבט באהבה ושלום, זיי זיינען געווען צופרידן איינער מיט דעם אנדערן, ווען ניט וואלטן מיר דא ניט האבן די שמחה.

די שמחה איז פאר אלעמען דער בעסטער באוויז אויף זייער פרידלאכן לעבן, וואס קען דינען פאר אלעמען פאר א מוסטער

ווי צו פירן א פאמיליען־לעבן. זיי דארפן זיך טאקע משמח זיין ביום חתונתם וביום שמחת לבם.

די חז״ל זאָגן אונז אויך אז ביי א גוטן צוזאמענלעבן איז די פרוי ווי א שותף, א הילף דעם מאן דעם גאנצן לעבן. אעשה לו עזר כנגדו. זכה — עזר, ווען מען איז זוכר איז די פרוי א הילף, זי זאָרגט פאר דעם מאן, באמיט זיך צו ערפילן אלע זיינע פאר־לאנגען, זי פארהיט אים פון כעס ומכאובים, בארואיקט אים און זעט, אז די הויז זאל זיין פאר אים א גן־עדן התחתון, ווי בן־סירה זאָגט: „אשה טובה מתנה טובה לבעלה מספר ימיו כפלים״.

איצט, אין דער געזעלשאפט פון די בעלי־השמחה זעען מיר, אז די 25 יאָר פון זייער האָכצייט האָבן באוויזן, אז זכה לעזר און מצא אשה מצא טוב. מיר ווינשן, אז אויך ווייטער זאָל אזוי זיין. די פאָר־פאָלק זאָלן דערלעבן משמח זיין בשותפות אין דעם טאָג פון זייער חתונה הזהב, נאָך 50 יאָר פון זייער ערשטער חתונה און דאמאָלט אויך פארברייננגען צווישן זייער משפחה און פריינט ביום חתונתם וביום שמחת לבם.

מח.

צו אַ זילבערנע חתונה*)

כה תברכו את בני ישראל אמור להם יברכך ד'
וישמרך וכו'.

טייערע חתן-כלה פון דער זילבערנער חתונה!

פינף און צוואנציק יאָר זיינען פאַריבער פון דעם טאָג, וואס איר זייט געשטאַנען אונטער דער חופה אלס חתן-כלה. פרעמד און אומבאקאנט זייט איר דאן געווען איינע צו די אנדערע. פארהילט אין א שלייער איז געווען פאר אייך די צוקונפט. עס האָט אייך געשראָקן דער נייער שריט וואס איר זייט געגאנגען מאכן, צו בויען צוזאמען א הויז. ווער וויס, האָבן אייערע הערצער געקלאפט, צי וועט איר שטימען, צי וועט הערשן שלום ושלוה אין אייער היים, צי וועט גאָט אייך שיקן זיין ברכה, געזונט און פרנסה, גליק און צופרידנהייט?

פינף און צוואנציק יאָר זיינען פון דאן אריבער און אָט פייערט איר אייער יובילעאום. מיט הערצער פול פון פרייד און דאנק צו גאָט ברוך הוא קוקט איר אויף אייער עבר, עס איז ב"ה ביי אייך מקוים געוואָרן אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך. עס רינגלען אייך ארום אייערע קינדער און אייניקלאך, וועלכע לעבן אויך אין צופרידנהייט, און אייערע הערצער קוועלן פון נחת.

מיט זיכערקייט קען מען צו אייך זאָגן כה תברכו. כ"ה, מיט די פינף און צוואנציק יאָר, וועלכע איר האָט אָפּגעלעבט אין צופרידנהייט ווי איין מענש מיט'ן גוף און נשמה, קען מען צו אייך

זאָגן אויף ווייטער „יברכך ד׳ וישמרך, אין לשון יחיד, איר זאָלט ווייטער אויך זיין ווי איין גוף און נשמה און גאָט זאל צו אייך לייכטן זיין פנים און געבן שלום.

עס איז פאראן א באקאנטע קשיה, פארוואס פייערן מיר שמחת תורה נאָך סוכות, אין פלוג האָט מען דאָך געדארפט מאכן דעם יום טוב תיכף נאָך שבועות, נאָך קבלת התורה? דער גע־דאנק פון דעם איז אבער קלאָר. תיכף נאָך קבלת התורה האָט מען זיך נאָך ניט געקענט פרייען, ווייל מען איז ניט געווען זי־כער, אז מען וועט קענען היטן די תורה, אבער ווען עס איז אריבער א שטיקל צייט און זיי האָבן געזען, אז ניט נאָר זיי ווילן איר היטן, נאָר אז זיי קענען זיך פון איר גאָר ניט אָפּ־שיידן, אזוי ווי א גוף אָן א נשמה, דאן האָט מען געפייערט שמחת תורה.

אזוי איז עס, ליבע חתן כלה, מיט אייך. פאר פינף און צוואנציק יאָר צוריק, האָט איר אליין און אייערע עלטערן זיך אזוי ניט געקענט פרייען ווי היינט. יענע פרייד איז געווען אויסגעמישט מיט זאָרג און שרעק פאר דעם פארשטעלטן עתיד, איר האָט ניט געקענט נאָך וויסן צי ביי אייך וועט זיין מצא אשה מצא טוב אָדער ח״ו פארקערט מוצא אני את האשה מר ממות, איר האָט אויך ניט געקענט טרעפן, צי איר וועט זיין זכה, ווי די חז״ל זאָגן „זכה נעשה לו עזר״, אָדער „ח״ו לא זכה נעשה לו כנגדו״.

איצט אָבער זיינען אלע ספקות פארשוואונדען. דער עבר האָט געוויזן, אז איר זייט געווען מצא. די בעלת היובל איז אייך שטענדיק געווען א הילף. זי האָט אייך געבוירן און אויפגעהאָ־דעוועט קינדער, מיט וועלכע איר מעגט שטאָלצירן, אויך אין מסחר האָט זי אייך געהאָלפן מיט איר צער און זאָרג. איר האָט זוכה געווען און זי, די בעלת־היובל, איז פאר אייך געווען אָן

עוזר. אויך איר פון אייער זייט האָט געוואוסט צו מכבד זיין אייער פרוי און איר האָט מקיים געווען המוקירה כגופו והמכבדה יותר מגופו. איר האָט געזאָרגט פאר אייער פאמיליע און זייט געווען א גוטער פאטער פאר אייערע קינדער. אָט איצט נאָך דעם אלעמען איז די אמת'ע צייט זיך משמח זיין און זיך פרייען א שמחה גמורה.

ווען מיר גיבן א בליק אויף דעם עבר און מאכן א חשבון מיינט עס אבער ניט אז מיר ציען אונטער די שורה, חס־ושלום. איר זייט נאָך יונגע מענשן אינמיטן גלאנץ פון אייערע יאָרן. דער שענסטער צוקונפט שטייט נאָך פאר אייך גרייט. פארקערט, ביז איצט האָט איר נאָך געדארפט אייער וועג ערשט דורכ־ברעכן. איר האָט געהאט דעם שווערן יאָך פון חנוך הבנים, זיי אויפהאָדעווען און זאָרגן פאר זייער קערפערלאכע און גייס־טיקע ענטוויקלונג, אויך האָט איר געדארפט אויסזוכן און שאפן קוואלן פון פרנסה.

איצט אָבער ב"ה איז אלעם דורכגעמאכט. און עס הויבט זיך אָן די צייט פון הזורעים בדמעה ברנה יקצורו. די קינדער זיינען מיט לייטן גלייך, טריי צו זייערע עלטערן און פאָלק, די פרנסה ב"ה אויך איינגעאָרדענט, און די צוקונפט זאָגט צו צו האָבן נחת פון אלעם.

מיר ווינשן אייך, אז דער פארדינטער נחת זאָל לאנג לאנג אין אייער געצעלט רוען. ווי איר האָט זוכה געווען צו א זיל־בערנע חתונה, אזוי זאָלט איר אויך זוכה זיין צו א גאָלדענע חתונה. דער קרייז פון אייער משפחה זאל צו יענער צייט פאר־דאָפלט און פארדרייפאכט ווערן, און איר, די בעלי־היובל, זאָלט איר אזוי ווי איצט אויך דאמאָלט באשיינען זייער אויבן־אָן און זיין זייערע קעפ, און צוזאמען וועלן מיר אלע זוכה זיין צו קומען אין אונזער לאנד. אמן.

מט.

לחתונת-זהב (גאָלדענע חתונה)

(אַ יובל, 50 יאָר נאָך דער חתונה)

יובל היא שנת החמשים — וקדשתם את שנת החמשים — יובל היא קדש תהיה לכם.
(ויקרא כ"ה)

די תורה האָט אונז געגעבן פיל דינים וועגן דער צייט פון יובל (50 יאָר). יובל — דאָס איז אַ פעריאָד, אין וועלכער עס פאַרענדיקט זיך דער חשבון פון אַ זאַך און עס הויבט זיך אָן פון איצט אַ נייע תקופה. יובל איז אויך אַן אָפּגעשלאָסענער פעריאָד פאַר דער מענשהייט בכלל.

ווען מיר זעען, אַז מאַן און ווייב לעבן אָפּ צוזאַמען אַ יובל יאָרן נאָך זייער חתונה, איז די שמחה זייער גרויס. אַ שיינער, ערהאבענער פעריאָד האָט זיך דאָ אָפּגעשלאָסן, אַ רייכער, אַ לאַנגער עבר איז הינטער זיי פון דעם טאָג אָן וואס זיי האָבן זיך צוזאַמענגעבונדן. זיי האָבן געטראָגן צוזאַמען די שווערע לאַסטן פון פרנסה און פון דער פאַמיליע. אויפגעהאָדעוועט און ערצויגן קינדער אויף אַ פיינעם אופן. זיי געלערנט, געבילדעט און געמאַכט פאַר מענשן צו גאָט און לייט. אויך פיין זיך אויפ־געפירט אין געזעלשאַפטלאכן לעבן, אריינגענומען אורחים אין הויז, געשטיצט אָרימע לייט און תורה. אַ גרויסן זכות האָבן אונ־זערע בעלי־השמחה, ווען גאָט ברוך הוא האָט געהאָלפן און דער־לעבט צו דער שמחה, עס ווערט אויף זיי מקוים: „וראה חיים

עם האשה אשר אהבת" און זיי האָבן דעם זכות צו זען „בנים ובני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנם".

מיר דארפן פאַרשטיין, אז אויב זיי האָבן דעם זכות, האָבן זיי עס פאַרדינט דורך זייערע מעשים טובים, און זיי האָבן דער־לעבט דעם עלטער בשם טוב צו גאָט און צו לייט, ווייל זיי האָבן אָפּגעהיט די אידישע טראַדיציעס מיט תמימות און אָרענטלאכ־קייט, און געטאָן צדקה, וואס מיר קענען אויף דעם זאָגן: „עטרת תפארת שיבה — בדרך צדקה תמצא."

מיר דארפן זיך זייער פרייען צוזאמען מיט דער אלטער פּאָר, וועלכע זיינען צוזאמען דורכגעגאנגען א לאנגן וועג, וועלכער האָט געדויערט גאנצע 50 יאָר, אין גרויסן שטורמישן ים פון לעבן און רואיק געקומען צום ברעג. מיר טרעפן זיי איצט ביי דער געלעגנהייט, ביום חתונתם וביום שמחת לבם, אין דעם זעלבן טאָג, וואס מיט פופציק יאָר צוריק האָבן זיי זיך געזעצט אויפ'ן שיף צו רייזן אויף דעם ים־החיים.

מיר ווינשן איצט די בעלי־החגיגה, זיי זאָלן נאָך וויטער לעבן צוזאמען אין דעם נייעם פעריאָד בשלום ושלוה, אהבה ורעות, אזוי ווי פריער, און זאל דער קרייז פון בנים ובני־בנים, וואָס וועט ווערן פארגרעסערט, ברייננען צו זיי מער שמחה און גליק, עס זאל מקוים ווערן אויף זיי: „עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו", זיי זאָלן דערלעבן צו מאכן א בריליאנטענע חתונת פּז מיט אלע מסובים צוזאמען. אמן.

———:———

ג.

דרוש לבר מצוה (בבית הכנסת)*

(זאָגן צום בר-מצוה)

טוב ילד מסכן וחכם ממלך זקן וכסיל (קהלת ד) טוב ילד מסכן וחכם — זה יצר טוב, ולמה נקרא שמו ילד? כי אין מזדוג לאדם אלא מבן י"ג שנים ולמעלה. ולמה נקרא שמו מסכן? — שהוא מלמד את הבריות לדרך ישרה; „ממלך זקן וכסיל" זה יצר הרע. ולמה קורין אותו מלך? שהכל שומעין לו, ולמה קורין אותו זקן? שהוא מזדוג לו מילדותו עד זקנתו, ולמה קורין אותו כסיל? שהוא מלמד לדרך רעה וכו' והוא אינו נזהר מהם. (קהלת רבה, פ"ק)

פון דעם געבראכטן מדרש זעען מיר, אז דער יצר הרע קומט מיט'ן מענשן פון דעם געבאָרן, אָבער דער יצר טוב הויבט אָן באגלייטן דעם מענשן פון דרייצן יאָר אָן. אלזאָ, האָבן מיר דאָ איצט אין בית הכנסת צוויי אורחים, דעם בר-מצוה, דעם קלוגן, פארשטענדלאכן קינד, און דעם אנדערן ליבן אורח, דעם ילד מסכן וחכם, דעם יצר טוב. מיר ווענדן זיך טאקע צוביידע און זאָגן: דו יצר טוב, וואס דו באגלייטסט צום ערשטן מאָל דעם בר-מצוה אין שול, ווערסטו געווים זען אז פון היינט און ווייטער זאָלן זיין די ווענגן פון דעם נער לויט דיין עצה. און דו, בר מצוה חביב, זאָלסט זיך צוהערן צו די גוטע עצות, וואס דיין געוויסן, דער יצר הטוב, וועט דיר לערנען. זאָלסט ניט נאָכגעבן דיין הארץ ניט באטראכט, נאָר ווען דיר ווילט זיך עפעס טאָן, זע אויב דיין שכל און די פארזאָגן פון עלטערן און לערער זיינען ניט דאגעגן.

פילסטו אז דו דארפסט עס ניט טאָן, האָסטו שוין א יצר טוב, וועמען צו פאָלגן. באהערש זיך און טו ניט.

אָט דאָס זאָגן אויך חז"ל (אבות דר"נ פט"ז). מיר זאָגן אין אבות פ"ב „עין הרע ויצר הרע ושנאת הבריות מוציאין את האדם מן העולם" אמרו שלש עשרה שנה גדול יצר הרע מיצר טוב ממעי אמו של אדם, היה גדל ובא עמו והתחיל מחלל שבתות אין ממחה בידו, לאחר י"ג שנה נולד יצר טוב, כיון שמחלל שבתות אומר לו, ריקה, הרי הוא אומר „מחלליה מות יומת".

אָט דער יצר טוב אין מענשן, וועלכער שרייט און וואָרנט אויף די שלעכטע מעשים, ווערט ערשט געבאָרן אין דעם בר-מצוה בחור, און דער טייערער באגלייטער טרעט ניט אָפּ פון אים און לערנט אים ווי צו גיין אין גוטע דרכים.

אָט דאָס זאָגט אויך דער פאָטער „ברוך שפטרנו מענשו של זה". „של זה" מיינט עס דעם יצר הרע. ביז איצט, איז נאָר דער יצר הרע געווען דעם קינדס חבר, ער האָט אים באגלייט אויף זיינע קינדערשע וועגן, און האָט אים אָנגערעדט צו אלע שלעכטע מעשים, און דער איינציקער שומר איז געווען דער פאָטער. ער האָט שטענדיק געדארפט זיין וואך און טראָגן דעם יאָך, אָפּצוהיטן דעם קינד פון זיין אינווייניקסטן שונא, אים לער-נען וואס יא און וואס ניט צו טאָן.

איצט אָבער, אז עס איז צוגעקומען דער טייערער אורח, דער יצר טוב, וועלכער לערנט דעם מענשן דעה, אויסצוקלייבן גוטס און פאר'מאוס'ן שלעכטס, זיך דערווייטערן פון שטראָף און יסורים און זיך אויסצוהיטן פון זיי, איצט קען שוין דער פאָ-טער רואיק זאָגן „ברוך שפטרני מעונשו של זה".

און דאָס איז אויך דער רעיון פון לייגן די תפלין. די חז"ל זאָגן „העין והלב תרי סרסורי דעבירה, העין רואה והלב חומד", ווען דער יצר טוב קומט מלחמה האלטן מיט דעם מלך זקן וכסיל,

דעם יצר הרע, דארף ער די ערשטע זאך, צונעמען זיינע געווער. וויבאלד אז די אויגן און הארץ זיינען די סרסרי דעבירה לייגט מען דעריבער די תפלין אויפ'ן האנט „נגד הלב, לשעבד בזה תאות ומחשבות לבנו לעבודתו, יתברך שמו" און מיר לייגן „על הראש, נגד המח, שהנשמה שבמחי כלם יהיו משועבדים לעבודתו". די נשמה, דאס איז די אויג פון מענשן, און די תפלין זיינען איר משעבד צו זיין דינסט.

אזוי נעמט צו דער יצר טובביידע געווער פון יצר הרע און נית נאָר די יצר הרע האָט זיי נית, נאָר, פארקערט נאָך, ער, דער יצר טוב, באדינט זיך מיט די זעלבע כלי זיין, די אויג און הארץ, צו זיינע צוועקן. זיי העלפן דעם מענשן צו גיין אין דער גוטער וועג, און ווערן אנשטאט „סרסורי דעבירה", גאָר „סרסורי דמצוה", ריידן אָן צו טאָן גוטס. אָבער כאָטש דער פאטער זאָגט „ברוך שפטרנו" מיינט עס נאָך נית, אז ער ווערט אינגאנצן פטור און באפרייט פון דעם חוב צו זיין זון. אים ווערט נאָר גרינגער, ער באקומט א הילף, אבער ער מוז זיך נאָך אָנשטריינגען אויך ווייטער לערנען זיין קינד. ווייל אויב דער זון קריגט איצט א נטיה און א ווילן צו טאָן גוטס, מוז ער אבער וויסן, וואס גוט איז. „לא עם הארץ חסיד". ער מוז זיין באקאנט מיט דער תורה, וויסן וואָס זי לערנט אונז, וואָס אונזערע דינים זיינען און אלץ וואָס א איד דארף קענען. דאמאָלט, ווען ער וועט אלעם לערנען און וויסן, וועט ער דאָס אויך ליב האָבן און וועט זען אלעם אָפּהיטן.

דאמאָלסט וועט ער געווים פארבלייבן א גוטער מיטגליד און חבר פון כלל ישראל, אין וועלכן ער טרעט יעצט אריין, און וועט בלייבן א טרייער קינד צו זיינע עלטערן און א שיינקייט צו זיין פאָלק. אמן.

נא.

היכל חכמה

(ביים קריגן א דיפלאָם און דעם טיטל דאָקטאר)

הרואה חכמי ישראל, אומר: ברוך שחלק מחכמתו ליראיו. (ברכות נח)

מיר זעען גאנץ אָפט, ווען מען פארפערטיקט א שיינעם בנין גרייט צום וואוינען, רופט מען פריינט און באקאנטע און מען מאכט א סעודה. מען איז זיך משמח, וואס נאָך פיל יאָרן פון מי האָט מען ערוואָרבן אן אייגנטום.

וויפיל דארף זיך שוין א מענש פרייען, ווען ער ענדיקט א סטודיום פון הויכע בילדונג און ער קריגט דעם טיטל „דאָקטאר" אָדער פראָפעסאר? וויפיל מי און ענערגיע, בלוט און שוויים האָט דער מענש פארלאָרן, ביז ער האָט דורכגעמאכט זיין בילדונג? וויפיל צייט האָט ער פארבראכט ביז ער האָט פארטיק געמאכט אזא בנין, היכל החכמה?

אָבער דאָך דארף דער געבילדעטער מאן ניט פארגעסן און נעמען אין אכט, אז די הויכע בילדונג דארף אים ניט אראָפפירן פון וועג, פון דעם דרך התורה והאמונה. די בילדונג דארף אים ניט מאכן פארגעסן זיין הייליקן שטאם און זיין צוגעבונדנקייט צום אידישן פאָלק.

דער געבילדעטער מענש וויים געוויס, אז אונזער פאָלק האָט שטענדיק געהאט די גרעסטע געבילדעטע מענשן, וועלכע האָבן געבראכט פיל ליכטיקייט פאר אונז און פאר דער גאנצער וועלט. ניט נאָר אין די תקופות התנאים והאמוראים, נאָר אפילו אין די

שפּעטערדיקע דורות, אין וועלכע עס האָבן געלעבט דער רמב״ם, רמב״ן, הרלב״ג, הראב״ע, ר׳ יהודה הלוי, מהר״י אלבו, ר׳ יצחק למפּרונטי. זיי זיינען אלע געווען דיפּלאָמירטע דאָקטוירים, פילאָזאָפן, אסטראָנאָמיקער, נאַטור־פאָרשער, א. ד. ג. אבער נאָכמער זיינען זיי געווען צוגעבונדן פעסט צו דער תורה ואמונה, צו די עיקרי הדת והיהדות. זיי האָבן זייער בילדונג ניט אוועקגעשטעלט העכער פאַר למודי־קודש און דארום איז זייער נאָמען ביי אונז טריי און ליב, און זיי זיינען ביי אונז פאַרבליבן לשם ולתהלה ביז היינטיקן טאָג.

אָבער וואָס זעען מיר אין אונזערע צייטן? מיר זעען, ווי נאָר א יונגער מענש טרעט נאָר אריין אין די ספערן פון בילדונג, אפילו דעם סטודיום ניט געענדיקט, הויבט ער שוין אָן ארויסטרעטן פון אידישן לאגער (מחנה ישראל). ער ווארפט אראָפּ פון זיך דעם לאַסט פון תורה ואמונה און פאַרפרעמדט זיך פון דער אידישער סביבה און זיין אייגענער פאמיליע.

פרעגט זיך: וואָס פאַר א נוצן ברייגנען אונז אזעלכע דיפּלאָמירטע חכמים? אנשטאָט וואָס זיי האָבן באדאַרפט ברייגנען פאַר אונז פאָלק ליכטיקייט — זעען מיר גאַנץ אָפּט, אז זיי ברייגנען פינסטערניש.

אלזאָ, ווערטע פריינט! ווען מיר האָבן זיך צוזאמענגעקליבן אנטייל צו נעמען אין דער פרייד פון אונזער ווירדיגן פריינט וועלכער האָט געקראָגן זיין טיטל דאָקטאָר, ווינשן מיר אים, ער זאָל זיין פון אונזערע חכמי ישראל, וועלכע האָבן אונז ליכטיק געמאכט מיט זייער גרויסע חכמה און זיינען גלייכצייטיק געווען פון די עמודי האמונה־הצרופה.

אויף אזעלכע געבילדעטע דריקן זיך אוים חז״ל: „הרואה חכמי ישראל אומר ברוך שחלק מחכמתו ליריאיו — דער עיקר צופרידנהייט מיט די חכמי ישראל איז, ווען זיי זיינען יראים,

זייער בילדונג איז פארבונדן מיט יראת־שמים, וואס דאס שטייט אין מדרגה פריער פון חכמה, ווי די חז״ל זאָגן: כל מי שיראת חטאו קודמת לחכמתו, חכמתו מתקיימת (אבות) נאָר די ווערן אָנגערופן אמת׳ע חכמי ישראל.

אויף זיי זאָגט אויך דער נביא: „אל יתהלל חכם בחכמתו", דער געבילדעטער מענש זאל זיך ניט באַרימען מיט זיין חכמה זעלבסט, נאָר: „כי אם בזאת יתהלל המתהלל, השכל וידע אותי" — ער זאל מיט זיין חכמה אנערקענען די גאָטהייט. אזעלכע ווערן אָנגערופן חכמי־ישראל, אויף וועלכע מיר מאכן די ברכה: „שחלק מחכמתו ליראיו", און איינער פון אזעלכע וועט זיין אונ־זער בעל־שמחה.

———:———

נב.

לחנוכת הבית

בנה בית חדש וקנה כלים חדשים מברך וגו׳.
(ברכות נט)

ווען גאָט ברוך הוא העלפט א מענשן און ער בויט זיך אוים אַ הויז, ער ברייננט אריין אינעווייניק נייע מעבל און כלים און קלייבט זיך אריין מיט דער פאמיליע אין דעם הויז וואוינען, איז דער מנהג העולם, אז דער ווירט מאכט דאמאָלט א סעודה און רופט צוזאמען פריינט און באקאנטע זיך משמח צו זיין.

אין אַזאַ פאל האָבן די חז״ל געזאָגט, דאַרף מען ניט פאר־געסן מאכן א ברכה שהחיינו אָדער הטוב והמטיב, אָפצודאנקען דעם באשעפער פון דער וועלט, וואָס ער האָט געגעבן לעבן און פארמעגן אויסצופירן דעם בנין און אריינצוברייננען די ווירט־שאַפט.

דער מענש דאַרף ניט פארגעסן, אז ניט זיינע קרעפטן האָבן דאָס אלעס פאר אים געשאפן. ניט זיין חכמה איז אים בייגע־שטאַנען צו קריגן די געלט, נאָר די געטלאכע קראפט, און אָן דעם אויבערשטנס הילף, וואָלט ער אליין גאָר ניט אויסגעפירט.

אויף דעם זאָגט אונז די תורה: „ובתים תבנה וישבת וגו׳ וכסף וזהב ירבה לך וגו׳ ואמרת בלבבך כחי ועוצם ידי עשה לי החיל הזה וזכרת את ד׳ אלקיך, כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל״ — ווען דו וועסט בויען פאר זיך א הויז און דו וועסט האָבן זילבער און גאָלד, וועסטו קלערן, אז מיינע אייגענע

קרעפטן האָבן דאָס אלעם געשאפן, — ניין, זאָלסט געדיינקען, כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל — דער וועלט-באשעפער האָט דאָס דיר געגעבן קרעפטן פארשאפן אלעם וואס דו האָסט.

דעריבער האָבן אונז די חז"ל געהייסן, מברך. דער מענש דארף אָפּגעבן א שבח והודיה, וואס גאָט האָט אים געהאָלפן צו דעם.

דער ווירט דארף אויך האָבן אין זינען, אז די הויז מיט די שיינע ווירטשאפט זאָלן זיין א בית ועד לחכמים, תלמידי חכמים זאָלן שטענדיק קענען אריינקומען אין הויז, עס זאָל זיך קענען הערן דברי תורה; ויהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך — דיינע טירן פון הויז זאָלן זיין ברייט פארנאנדערגע-עפנט פאר געדריקטע מענשן, זיי זאָלן ביי דיר שטילן דעם הונ-גער און קריגן שטיצע.

מען דארף זיך אפלערנען פון אונזער פאָטער אברהם, וועמענס הויז עס איז שטענדיק געווען אָפן פאר אורחים, און ער האָט אלעמען געגעבן עסן, טרינקען און אויף אלע הצטרכות, ווי די חז"ל זאָגן, ויטע אשל בבאר שבע. (אשל אכילה, שתיה, לויה).

דער וואס בויט א הויז, דארף פלאנצן דעם זעלביקן אשל, דאַ-מאָלסט וועט ער זיין זיכער, אז דאס הויז וועט האָבן א קיום.

מיר ווינשן דעם בעל-הבית, אז ער זאָל זוכה זיין צו לעבן אין הויז אין פארגעניגן מתוך הרחבת הלב, און זאָל דאָרט מגדל זיין זיינע קינדער פאר טייערע אידן, און דאס הויז זאָל זיין א בית בישראל, אמן.

———:———

נג.

לבנין בית-הכנסת

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.
(שמות כו)

דאָס איז באוואוסט פון אלע מפרשים ומבארי-התורה, אז דער תכלית פון דעם בנין המשכן (אין מדבר) ובית המקדש (אין ירושלים) איז געווען צו שאפן א מיטלפונקט פאר געטלאכ־קייט און הייליקייט. אלע יאָרן, וואס די בתי המקדש זיינען גע־שטאַנען, זיינען זיי געווען פאר דעם אידישן פאָלק א צענטער פון רוחניות און אלע הויכע געפילן. ווער פארמאָגט עס איבער־צוגעבן מיט די ריכטיקע פארבן די ערהאבענע און גראנדיעזע ערשיינונגען ווי „כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במעמדם". די השראת השכינה האָט געשוועבט אין אלע ווינ־קעלאך און האָט אָנגעפילט די הערצער פון אלע אידן. די בתי המקדש זיינען געווען די קוועלע, וואו אידן האָבן געפונען טרייסט און היילונג אין אלע שווערע צייטן, ווי שלמה המלך זאָגט: „כל נגע וכל מחלה, כל תפלה, כל תחנה אשר תהיה לכל אדם וגו' איש נגע לבבו ופרש כפיו אל הבית הזה ואתה תשמע השמים וגו' ונתת לאיש ככל דרכיו וגו'" (מלכים ב. ח.)

נאָכהער, ווען די בתי המקדש זיינען חרוב געוואָרן, דאס לאנד — וויסט, און דאָס אידישע פאָלק — פאטריבן דורכ'ן שונא אין פרעמדע לענדער, צוזייט און צעשפרייט איבער דער וועלט, האָבן די גדולי-האומה, די פירער פון פאָלק, געזאָרגט, אז אוואו עס איז נאָר א אידישע געמיינדע, זאל געגריגדעט ווערן די בתי־

מקדש מעט, דאס זיינען די בתי כנסיות ומדרשות אין אלע גלות-לענדער. (מגילה כט).

דער בית הכנסת איז געוואָרן מיוחד פאר א מקום תפלה, וואו מען דאוונט דריי מאָל טעגלאך, דער בית-המדרש — פאר א מקום תורה, וואו מען לערנט טאָג און נאכט געשטעלטע שעורים: ש"ס, משניות, מדרש, עין יעקב, שולחן-ערוך און דינים. יעדער קהלה איז געוואָרן באקרוינט מיט צוויי בנינים משוכללים „בית שמגדלים בו תפלה, בית שמגדלים בו תורה (מגילה כ"ט).

אין די טויזנטער יאָרן פון גלות, אין אלע שרעקלאכע און ביטערע צייטן ביים אידישן פאָלק, האָבן די בתי-כנסיות ומדרשות ביי אידן געשפילט די גרעסטע ראָליע. דאָס זיינען געווען די עמודים, אויף וואס דאס געמאטערטע פאָלק האָט זיך אָנגע-שפארט, די בתי כנסיות ומדרשות זיינען געווען די גייסטיקע צענטערס, פון וואנען די אידן האָבן געצויגן זייער יניקה צו זיך אין די הייזער. דער הייליקער גייסט פון תפלה און תורה האָט זיך אָפגעשפיגלט און געווען דורכגעדרונגען אין יעדן ווינקל, און דאָס האָט געגעבן כח אונזער פאָלק צו עקזיסטירן ביז היינטיקן טאָג. אלע אידן זיינען דורך די שולן און בתי מדרשות געוואָרן צוזאמענגעבונדן און געקניפט אין איין גרויסן בונד, וועלכע האָט אלעמען געהאלטן אייניק, און קיינער האָט זיי ניט געקענט פאר-נאַנדערוואַרפן און צעטראָגן מיט'ן ווינט.

מיר דארפן זיך איצט, אלזאָ, זייער פרייען, אז מיר גייען בויען א בית הכנסת לתפלה ותורה, וואס זאל אונז צוזאמענ-בינדן אין איין מיטלפונקט פון רוחניות. יעדערער דארף נעמען א ווארימען אנטייל אין דעם בנין. מיר דארפן גדענקען, אז דער ערשטער משכן, וואס איז אויפגעבויט געוואָרן אין מדבר, איז עס געווען נאָר דורך נדיבי-לב, וואס האָבן געגעבן מיט

שמחה, ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „בשעה שאמר הקב"ה למשה על עסקי המשכן, אמר לפניו רבש"ע יכולים הם ישראל לעשותו? א"ל הקב"ה אפילו אחד מישראל יכול לעשותו, שנאמר מאת כל איש אשר ידבנו לבו" (מ"ר, תרומה). עס דאַרף נאָר זיין דער רצון הטוב אפילו פון איין אידן, קען שוין זיין דער משכן אויפגעבויט.

מיר דאַרפן צוגיין מיט אונזער ברייטער נדבה, יעדער נאָך זיין מצב, און מיר וועלן דעם בית־הכנסת געוויס אוועקשטעלן בפאר והדר. מיר לייגן איצט דעם גרונט־שטיין, דאס איז די התחלה, און מיר וועלן איה"ש זוכה זיין אויך צו פייערן דעם חנוכת הבית, עס וועט מיט אונז זיין, ווי מיר געפינען ביים גרונטשטיין פון בית־שני, וואס דער נביא זכריה האָט געזאָגט: „ידי זרובבל יסדו הבית הזה — וידיו תבעצנה", זאָל ער נאָר אָנהויבן דעם יסוד, וועט ער שוין ענדיקן אויך.

זאָל דער אבן־היסוד זיין די התחלה פון אונזער גרויסער שמחה, וואס מיר וועלן פייערן גאָר בקרוב — די שמחה פון חנוכת הבית לתורה ותפלה.

———:———

נד.

לחנוכת בית־הכנסת

מי אתה הר הגדול לפני זרובבל למישור? והוציא את האבן הראשה תשואות חן חן לה.
(זכריה ד־ז)

מיט די דערמאנטע ווערטער פון נביא, וועלן מיר צוטרעטן צו דעם ווערטן פובליקום, וועלכער האָט זיך צוזאמענגעקומען צו דעם חנוכת־הכנסת, וואס איז נאָר וואס פארענדיקט געוואָרן.

נאָך דעם חורבן בית ראשון, ווען די מלכי־פרס האָבן איי־בערגענומען בבל, וואו די אידן זיינען געווען אין גלות, האָבן די מלכי פרס, ערלויבט די אידן בויען דעם בית המקדש. פילע אידן האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק קערן אין אונזער לאנד. די צייט איז געווען א שווערע פאר די אידן אין אלע הינזיכטן. ירושלים איז גע־ווען וויסט און חרב אין פארלויף פון זיבעציק יאָר. דער מא־טעריעלער לעבן איז געווען טרויעריק און ביטער, די שונאי ישראל, וועלכע האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל און פארנומען די אידישע ערטער, האָבן געוואָלט ניט דערלאָזן, אז די אידן זאָלן האָבן אזא פריווילעגיע, ווי בויען דעם בית המקדש אין דעם לאנד. זיי האָבן דורך פארשידענע העצעס און מסירות צום מלך פרס געוואָלט שטערן די ארבייט. עס זיינען געווען פיל סיבות וואָס זאָלן אראָפּזעצן דעם מוט די בויער און זיי מאכן אראָפּ־לאָזן די הענט.

אָבער די פירער האָבן די ארבייט ניט אויפגעגעבן. דורכ־געדרונגען מיט הייליקן גייסט און פעסטן מוט, האָבן די פירער

מיט זרובבל בן שלתיאל אין דער שפיץ צוגעטראָטן לייגן דעם גרונטשטיין און די ארבייט ווייטער פאָרטגעזעצט ביז זיי האָבן גובר געווען אלע מכשולים און דער בית המקדש איז אוועקגעשטעלט געוואָרן בכל פאר והדר און די שונאי ישראל האָבן גאָר ניט אויסגעפירט וכלמה כסתה את פניתם.

אויף יענעם מצב דריקט זיך אויס דער נביא „לא בחיל ולא בכח“, ניט מיט אייערע אייגענע קרעפטן קענט איר בויען דעם בית המקדש, כי אם ברוחי, נאָר מיט געטלאכע קרעפטן און גייסט „מי אתה הר הגדול לפני זרובבל למישור“ — פון דעם הויכן בארג, וואָס איז געשטאַנען פאר זרובבל, דאָס מיינט מען די שטערער, די שונאים, וועלכע האָבן ניט געלאָזן זרובבל׳ן גיין בויען דעם בית-המקדש, איז געוואָרן פון בארג למישור — א גלייכער פלאץ, און אויף אים וועט זרובבל אוועקלייגן דעם גרונטשטיין, והוציא את אבן הראשה תשואות חן, חן לה — ביז ענדע בנין לפאר וכבוד.

אויך ביי אונז קען מען זאָגן, ווען מיר האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דעם בית הכנסת מיט א צייט פריער, האָבן מיר אויך געהאט פיל שוועריקייטן ביז וואנען מיר זעען יעצט דעם בית אויפגעבויט בפאר והדר. דער גרויסער בנין האָט געפאָדערט א קאָלאָסאלע סומע געלט און מיר האָבן ניט געוואוסט פון וואנען מיר וועלן דאָס נעמען. אָבער דאָך האָבן מיר זיך ניט אָפגעשטעלט פאר אלע שוועריקייטן און מיר האָבן פארענדיקט דעם היכל הקודש מיט אלע הדורים ווי א בית-המקדש מעט. מיר דארפן זיי מיט דעם זייער צופרידן און קענען זאָגן „והוציא את האבן הראשה תשואות חן, חן לה, אָבער מיר דארפן ניט פארגעסן דעם עיקר. אזוי ווי דער מראה החיצון פון בית הכנסת איז זייער שיין און מיר האָבן מקיים געווען לפאר את בית ד׳ (עזרא ז). אזוי דארפן מיר זען, אז דער מראה הפנימי זאָל

אויך זיין שיין. מען דארף באשיינען די שול מיט תורה ותפלה, עס זאל זיין „קולו של יעקב מצפצף ברנה של תורה", עס זאלן זיין שעורים בש"ס, משניות, אגדות, מדרש, פוסקים, א. א.

דער בית הכנסת דארף ביי אונז ארויסרופן גרויס רעספעקט צו זיין הייליקייט, וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן אין דער תורה: „את מקדשי תיראו — לא ינהג בהם קלות ראש", עס זאלן ניט זיין קיין מחלוקת, פרוד-לבבות, שנאת חנם. מיר דארפן זיך פיל רעכענען מיט די הייליקייט פון בית הכנסת, ווייל „כל בי עשרה שכינתא שריא". דער געטלאכער גייסט שוועבט שטענדיק ארום אין בית-הכנסת.

לאמיר האפן, אז מיר וועלן זיך געווים רעכענען מיט דעם עיקר תכלית פון בנין און אונזער שמחה וועט זיין זייער גרויס, וואס מיר האבן אויפגעבויט אזא בנין. לאמיר האפן, עס וועלן מקוים ווערן די רייד פון נביא: „גדול יהי' כבוד הבית הזה", מיט דעם וואס עס וועט זיך הערן דער קול תורה ותפלה און דאס איז דער גרעסטער כבוד פאר א בית הכנסת און פאר א בית ד', און דער זכות התורה והתפלה וועט באשיצן אויף אונז פון אלע מקטרגים ושונאים, און עס וועט זיין באמת „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם."

—:—

נח.

לסיום כתיבת ספר-תורה

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם. (פ׳ האזינו)

פון די דערמאנטע ווערטער דרינגען ארוים די חז״ל, אז עס איז א חוב אויף יעדן אידן צו שרייבן פאר זיך א ספר תורה, ווייל עס שטייט כתבו לכם (סנהדרין כא). און נאָך מער, אפילו ווען עס בלייבט א ספר תורה בירושה פון עלטערן, איז מען מיט דעם ניט יוצא די מצוה, און מען מוז שרייבן פאר אייגענע געלט: „אפילו כשהניחו אבותיו לאדם ס״ת מצוה לכתב משלו״ (שם) און דאָס איז געדרונגען פון די ווערטער כתבו לכם, דוקא.

מיר דארפן אָבער אויך וויסן, אז כאָטש עס איז א מצוה צו שרייבן א ס״ת, ווי אויך איר באפוצן מיט שיינע עץ-חיים׳ס, זיי־דענע מענטעלאך, זילבערנע הענטלאך, גאָלדענע קרוינען מיט גלעקלאך, וואס דאס איז א מצוה פון הדור „זה אלי ואנוהו — התנאה לפניו במצות (שבת קלג), איז עס אָבער נאָך ניט דער עיקר, דערהויפט איז — ולמדה את בני ישראל. דער שרייבן איז א הכנה, פארברייטונג צום לערנען די חקי התורה און מקיים זיין די מצות. דער לערנען דארף ניט זיין ווי מען לייענט א בוך, נאָר — ושימה בפיהם — מען זאָל גוט ערקלערן אלע ענינים שבתורה, דייטלאך און קלאָר, יעדערער זאל גוט פארשטיין ווי צו מקיים זיין די מצות*). מיט דעם אויסדרוק באנוצט זיך די

---

*) אויף דעם ווייזט דער מקור פון וואָרט „שום״ אין גאנץ תנ״ך.

תורה פיל מאָל: „ושמתם את דברי אלה וגו, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, וזאת התורה אשר שם משה", זאָגן חז"ל ושׂ תם — נמשלה תורה לסם-חיים (קדושין ל). שם משה — זכה נעשה לו סם-חיים (יומא עב). אזוי ווי פאַר א קראַנקן צייכנט אָן דער דאָקטאָר א רעצעפּט מיט פאַרשיידענע רפואות און זאָגט אָן דעם חולה, אז ער מוז נעמען יעדע רפואה לויט א געווייסן סדר און מאָס, און נאָר דאַן, ווען ער פאָלגט אויס דעם פאַרזאָג קען ער געהיילט ווערן, אבער ווען ניט — שטייט ער אין געפאַר.

דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז. דאָס שרייבן די תורה אליין און ניט לערנען מיט דעם גאַנצן מח און האַרץ, ניט אריינגעמען די כונה פון קיום המצות ווי דער סדר, וועט עס אונז ניט אויס-היילן פון חולי-הנפש, ווייל דער למוד התורה וקיום המצות זיי-נען פאַר אונז א סם-החיים (רעצעפּט) פאַר דעם גאַנצן קערפּער, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס: „חש בראשו יעסוק בתורה, חש בגרונו, חש בכל גופו יעסוק בתורה, שנאמר, רפאות תהי לשריך ושיקוי לעצמותיך (עירובין נד), און נאָר פון דעם לערנען קומט מען לקיום המצות. גדול תלמוד שמביא לידי מעשה (קדושין מ).

דער, וואס פאַרשטייט די וויכטיקייט און די זיסקייט פון למוד התורה וקיום המצות, איז עס ביי אים א סם-חיים, ער קוויקט זיך מיט דער תורה, ווי דוד המלך זאָגט „ומתוקים מדבש ונופת צופים", און מיר בעטן אויך אלע טאָג והערב נא ד' אלקינו את דברי תורתך בפינו, די תורה זאָל זיין זיס ביי אונז און ביי אונזערע קינדער.

ווען מיר שרייבן א ספר-תורה און מיר הערן ליינענדיק די מצות, דאַרפן מיר גוט צולייגן אונזערע אויערן און נעמען אין אכט צו היטן ערנסט די מצות, דאַמאָלט טוען מיר די מצוה פון כתיבת ספר תורה אין שלמות, און דאס איז טאַקע דער

כבוד התורה. ווי די בעלי־המדרש זאָגן: „וכי ימכור איש את בתו לאמה בת אחת היתה לי — התורה — ומכרתיה לכם שאין אתם מוציאין אותה אלא חבושה בארון לא תצא כצאת העבדים אלא נהגו בה כבוד (מ"ר משפטים). איך האָב אייך פארקויפט מיין טאָכטער, די תורה, אבער זי זאל ניט ארויסגיין פון אייערע הענט ווי עבדים גייען ארוים בשן ועין, צומזיק'ט און צובייזלט, ווען מען היט ניט די מצות־שבתורה, מאכט מען די תורה ווי א קאליקע, ווי מען איז זי מזיק, אלא נהגו בה כבוד, מען דארף היטן דעם כבוד התורה, וואס איר קענט עס מקיים זיין דורך אָפּהיטן די מצות שבתורה.

לאָמיר האָפן, אז דער זכות פון כתיבת התורה, וואס ברייננגט צו למוד וקיום התורה, וועט ביישטיין פאר אונז אין אלע שלעכטע צייטן, וועט אונז באשיצן פון אלע גזירות רעות אין די גלות־לענדער: „בהתהלכך תנחה אותך, בשכבך תשמור עליך" און דאָס וועט אונז ברייננגען די גאולה שלמה, ווי די חז"ל דריקן זיך אוים „גם כי יתנו בגוים", אז מען וועט די תורה לערנען אין גלות — עתה אקבצם — וועל איך דאָס אידישע פאָלק צוזאמענקלייבן פון די גלות־לענדער, במהרה בימינו.

———:———

נו.

דרוש לכתר תורה*)

שלשה כתרים הם, כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות וכתר שם טוב עולה על גביהן.
(אבות פרק ד).

די מפרשים פרעגן אויף דעם דערמאנטן מאמר, אפריער זאָגט ער שלשה כתרים הם, נאָר דריי, און דערנאָך רעכענט ער אוים פיר?

דער רעיון פון דעם מאמר איז אבער אזוי. די תורה ווערט אָנגערופן טוב, מיר געפינען אין מדרש „ובא טוב ויקבל טוב, מהטוב לטובים. יבא טוב זה משה, דכתיב ותרא אותו כי טוב הוא, ויקבל טוב זה התורה דכתיב כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו וכו׳".

אָט דאָס מיינט דער מאמר. שלשה כתרים הם וכו׳ און ער רעכנט אוים די דריי. כתר תורה, כהונה ומלכות. ווילט איר אָבער וויסן, וועלכער איז דער בעסטער כתר, זאָגט ער כתר שם טוב, אזא כתר וואס זיין נאָמען איז טוב, דאס הייסט די תורה, איז עולה על גביהן. ווער עס טראָגט אויף זיך דעם כתר התורה איז בעסער ווי די כתרים פון כהונה און מלכות.

מיר פייערן איצט די שמחה וואס אונזער חבר העדה האָט מנדב געווען א כתר לתורה. ער ווייזט מיט דעם סימבאָליש, אז דער כתר התורה איז ביי אים טייערער פון אלץ און אז דער כתר שם טוב האָט א צווייענדיקע באדייטונג. א כתר צו דער תורה, וואָס איז טוב און א כתר וואס זיין נאָמען איז אויף אים אויסגע-

קריצט און דאס איז א כתר מיט א שם טוב, מיט א גוטן נאָמען, וואָס וועט בלייבן למזכרת נצח און וואָס איז עולה על גביהן, טייערער ווי מען וואָלט טראָגן כתרי כהונה, דאס הייסט זיין ערגעץ א פרעזידענט, א גבאי, אָדער כתר מלכות אפילו, ווייל די אלע כבודים ווערן פארגעסן, אבער די תורה איז אייביק און דער וואָס פארבינדט זיין נאָמען מיט דער תורה קויפט זיך איין אייביקייט.

און אפילו ווען אונזער חבר איז טרוד בצרכי הפרנסה און האָט קיין צייט ניט אליין צו לערנען די תורה, אבער מיט זיין שטיצן תורה, ווערט עס אים פאררעכנט ווי ער וואָלט אליין געלערנט.

כתר באטרעפט זעקס הונדערט און צוואנציק. מיר אידן האָבן תרי"ג מצות מן התורה און שבע מצות דרבנן, צוזאמען זעקס הונדערט און צוואנציק און דאס איז כתר תורה, די השלמה פון מצות.

חז"ל זאָגן אונז, „עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות", איז אין פלוג שווער דער דאָפעלער אויסדרוק צדיק וצדיק, און אויך די צאָל פון ש"י עולמות. (דריי הונדערט און צען).

דער רעיון פון דעם מאמר איז אָט וואס. צדיק וצדיק מיינט די צוויי שותפים, דער וואס לערנט אליין תורה און דער וואס איז אים מחזיק. אויף די שותפים זאָגט עס דער פסוק „שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך".

אָט דעריבער זאָגן חז"ל: „עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק, צו ביידע מינים צדיקים, יששכר וזבולון, ש"י עולמות, אנטקעגן די מצות, וועלכע זיינען זעקס הונדערט און צוואנציק, וואָס פאר יעדער מצוה וועט געגעבן ווערן אן עולם שלם, וועט מען די תר"כ וועלטן שפאלטן און געבן יעדן צדיק א העלפט ש"י עולמות.

אזוי זעען מיר, אז מיט'ן טראָגן דעם רוח התורה, שטיצן די תורה, טראָגט מען אויך דעם כתר התורה און מען איז זוכה צו ש"י עולמות גלייך מיט די צדיקים לומדי התורה.

דאָס געבן א כתר לתורה איז אויך סימבאָליש א שיינע זאַך. אין היינטיקע דורות, ווען דער כבוד התורה איז צוגע־נומען געוואָרן, עס איז ממש הוסר המצנפת הורם העטרה, מען רעכענט זיך ניט מיט די מצות התורה און מען פירט זיך ניט לויט אירע חוקים, אין אַזאַ צייט, ווען מיר גיבן צו א כתר לתורה, הויבן מיר מיט דעם אויף די תורה, מיר באקרוינען איר מיט א כתר און ווייזן אז די תורה איז ביי אונז טייער און זי באצירט אונזער לעבן. דאָס איז די שענסטע דעמאָנסטראציע פאר דער תורה, וואס דערפרייט די הערצער פון די אמת'ע חובבי תורה.

איר דארפט וויסן, רבותי, אז ווען איר באזיצט צירונג, טייערע דימאנטען און בריליאנטן, איז עס אָבער ניט אייערע. נאָך הונדערט און צוואנציק יאָר, נעמט מען פון מענשן אלץ אראָפּ. מען נעמט דעם מענשן צו לעולם האמת און די צירונג בלייבן דאָ ליגן כאבן שאין לה הופכין.

אָבער דעם תכשיט, דעם כתר התורה, טייערע פריינט, נעמט מען אויך מיט זיך אויפ'ן עולם האמת. ונתן בארון את העדות, זה התורה, צוזאמען מיט'ן כתר, און דאס וועט שטענדיק זיין פאר א מליץ טוב פאר דעם נותן.

די עטרה איז ניט טייער מיט איר מאַטעריאל, די זילבער, נאָר מיט דעם כבוד התורה, וועלכער ווערט מיט דעם ארויסגעוויזן. ווייל, דאס ווייזט, ווי מיר האָבן ערקלערט, אז די תורה איז טייער און מיר באקרוינען איר מיט כתרים און דער זכות פון כבוד התורה איז זייער גרויס, און גאָט ברוך הוא וועט דערפאר געבן אייך, חבר נכבד, פרנסה בכבוד און גליק פאר אייער גאנצע משפחה.

נו.

לחנוך הבנים

את מי יורה דעה ואת מי יבין שמועה גמולי
מחלב עתיקי משדים.
(ישעי׳ כ״ח).

נאך אין די פארצייטיקע דורות, ווען דער נביא האט דער־זען דעם קלקול הדור ווי דער חנוך איז פארדארבן, האט ער גע־פרעגט: „את מי יורה דעה ואת מי יבין שמועה?" אבער דאך האט דער נביא נאך געלייגט די האפענונג אויף די קליינע קינ־דער, ווען מען קען נאך אנהויבן לערנען, אויב ניט די גאנצע תורה, איז לפחות: צו לצו, קו לקו, זעיר שם זעיר שם. צובים־לאך זיי איבערגעבן ברוח התורה והאמונה. פון די ביסלאך, וואס מען וועט די קליינע קינדער לערנען, וועט ביי זיי איינגע־קריצט ווערן אין זייערע הערצער א תמונה שלמה פון זייער פאלק און יודענטום אויף אזא מדרגה, אז הפליא עצה הגדיל תושיה.

ווען מיר גיבן א שארפן אויגענבליק אויף דעם מצב החנוך אין פריערדיקע דורות און היינט, זעען מיר דעם אונטערשיד כיתרון האור מן החשך. יעדעס אידישע הויז איז געווען שטארק באלויכטן מיט אור־התורה ונר מצוה. די שכינה האט געשוועבט אין יעדן ווינקל, ולכל בני ישראל היה אור במושבתם. אלע וואכעדיקע טעג און ווער רעדט שבת יו״ט, וואס פאר א באגייסטערונג עס איז דאס געווען אין יעדער הויז. די עלטערן זיינען געזעסן מיט די קינדער צוזאמען ביי א טיש מלא מטעמים

און מען האָט גערעדט בחדושי תורה. די קלענערע קינדער, וועלכע האָבן געלערנט א גאנצע וואָך אין ריינע אידישע חדרים תנ"ך וגמרא, האָבן איבערגעזאָגט פאר די עלטערן זייערע שעורים פון א גאנץ וואָך. עס איז געווען: בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך, אזוי ווי די איילבערטן גיסן פון זיך די ריינע בוימיל, אזוי האָבן די קינדער ארויסגעגאָסן פון זיך דעם אור־התורה, און די עלטערן זיינען געזעסן ווי אין גן־עדן. ווער קען עס שילדערן דעם תענוג רוחני, וואס האָט געהערשט אין יעדעם הויז? מיר האָבן געקענט מיט שטאָלץ זאָגן: מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל.

אזא חנוך האָט זייער געווירקט אויף די קינדער, אז זיי זיינען געווען פול מיט יראת שמים. זיי האָבן געלערנט בטהרה, געהיט שטענדיק עבודה שבלב — זו תפלה, דריי מאָל א טאָג אין בית הכנסת בצבור. די קינדער האָבן געאכטעט די מצות און מקיים געווען פיל פון זיי. דער כבוד אב ואם איז ביי זיי געשטאַנען זייער הויך, זיי זיינען געווען געהאָרכזאם, ניט משנה געווען די עלטערנס רייד, אפילו ווען זיי האָבן געפילט, אז די על־טערן זיינען אומגערעכט. די עלטערן האָבן געהאט פיל נחת פון זייערע קינדער, אין וועלכע זיי האָבן געזען א האָפענונג און טרייסט.

אָבער לדאבון לבנו וואס זעען מיר איצט? בתינו היו לזרים, עס איז גאר ניט קענטיק אין אונזערע הייזער, מען זאָל זיי קענען רופן בתי ישראל, דער נר מצוה ותורה אור איז אינגאנצן אויס־געלאָשן. די עלטערן זיינען אָפגעקילט און ווייט פון תורה ויראת־שמים, און די קינדער ווייסן גאָר ניט פון אידישקייט. די פרצת הדת והאמונה, די הפקרות און חלול־הקודש איז זייער גרויס. אן אייזערנע וואנט איז מפסיק צווישן די עלטערן און קינדער, מען פארשטייט כמעט ניט איינע די אנדערע.

די סיבות פון אזא מצב זיינען קלאָר. די באדינגונגען פון לעבן האָבן דערצו געבראכט, דער גייעג נאָך פארדינסט איז געלט. אבער דאָך מוזן מיר זיך דאך א ווייל אָפּשטעלן און פרעגן, וואס וועט זיין דער סוף? צי וואס קען אזאַ מצב ברייג־גען? אונזערע קינדער ווערן פרעמד פון אונז און פון זייער פאָלק. צי זיינען מיר ניט אמאָל די לעצטע צווייגן אויף דעם אלטן אידישן בוים?

טראָץ אלע שווערע אומשטענדן מוזן מיר דאָך זיך אָנ־שטריינגען און לערנען אונזערע קינדער אידישקייט. מיר דארפן זיי דערציילן פון אונזער רייכן עבר, די יסורים, ענוים און פורעניות, וואס אונזער פאָלק איז אויסגעשטאַנען צוליב'ן אָפּ־היטן די תורה ואמונה. זיי דארפן זיין באקאנט מיט אונזערע העלדן און די געשיכטעם פון זייער העלדנמוט און מסירת נפש פון דער תורה אין אלע שווערע צייטן, אין די טויזנטער יאָרן פון אונזערע וואנדערונגען אין די גלות לענדער.

ווען זיי וועלן דאס אלעס ווימן, וועט זיך אין זייערע הער־צער דערוועקן הייליקע געפילן צו אלע הייליקייטן און מסורת אבות; זיי וועלן דורכגעדרונגען ווערן מיט ליבע, אכטונג און שטאָלץ צו זייער פאָלק און זייערע עלטערן. דאמאָלט וועלן די קינדער זיין אונזערע און דער צוקונפט פון אונזער פאָלק וועט זיין געזיכערט, און עס וועט זיין „ונודע זרעם וגו' כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ד'. (ישעי' סא).

———:———

נח.

דרוש לחנוך הבנים*)

אחת שאלתי מאת ד' אותה אבקש, שבתי בבית ד' כל ימי חיי, לחזות בנועם ד' ולבקר בהיכלו. (תהלים).

דער געבראכטער פסוק איז זייער שווער צו פארשטיין. פריער זאָגט דוד המלך ע"ה „אחת שאלתי" לשון עבר, איך האָב געפרעגט, דערנאָך גאר „אותה אבקש", דאָס וויל איך בעטן, לשון עתיד? אויך ווייטער, פון אָנפאנג זאָגט ער „שבתי בבית ד'", זיצן אין גאָטס הויז, זיצן מיינט זיין בקביעות, דערנאָך שטייט „ולבקר בהיכלו" באזוכן, וואס מיינט נאָר זעלטן, פון צייט צו צייט?

נאָר דוד המלך האָט דאס געבעטן פאר'ן כלל ישראל. ער האָט געהאט אין זינען די קומענדיקע דורות, ווען די יוגנט וועט ניט באקומען קיין רעכטע אידישע ערציאונג.

די אידישע געשיכטע ווייס פון צוויי סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען, אז פאר געוויסע פעריאָדן האָבן די קינדער ניט באקומען קיין אידישע ערציאונג און זיינען ניט מחונך געוואָרן עפ"י דרכי הדת.

די סיבות זיינען די באדינגונגען פון אידישן לעבן אין גלות צווישן די פעלקער.

ווען די אידן זיינען שטארק געדריקט געוואָרן פון די פעלקער, מען האָט ביי זיי צוגענומען די קוואלן פון פרנסה, און פאר זיי אלץ באגרענעצט און פארווערט, דאמאָלסט זיינען די עלטערן

געווען טרוד בדאגת הפרנסה, אין קאמף פאר'ן עקזיסטענץ און זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט די קינדער, געבן די ריכטיקע השגחה זיי זאָלן אויסוואקסן טרייע אידן, און אָפט האָבן זיי די קינדער, נאָך גאָר יונגע, געמוזט העלפן ציען דעם יאָך, צוהעלפן די עלטערן פארדינען, וואס האָט זיי מיט גוואלד אָפּגעריסן פון גייסטיקן לעבן.

אויך, פארקערט, ווען די אידן איז געווען ג אָ ר ג ו ט צווישן די פעלקער, דאמאָלט איז „וישמן ישורון ויבעט", מען האָט זיך געוואָלט אויסמישן מיט די פעלקער, און די קינדער, אנשטאט זיי צו לערנען אונזער תורה, האָט מען זיי גאָר גע־לערנט פרעמדע תורות.

אָט די קורצע גוטע צייטן זיינען געווען מער סכנה פאר'ן קיום פון אידישן פאָלק אין גלות, ווי די שלעכטע.

קעגן שלעכטע צייטן זיינען מיר בייגעשטאַנען מיט דעם כח פון מסירת נפש, וואס איז אין אונז איינגעוואָרצלט, אָבער קעגן „מיתה מתוך נשיקה", קעגן גלעטן און אומבריינגען — דאָס האָבן מיר ניט געהאט גענוג כח בייצושטיין.

אָט דאָס האָט געזען בלעם הרשע מיט זיין שארפע אויג. שטעלן זיך מלחמה האלטן מיט'ן פאָלק, אים שילטן, שימפן, וועט גאָר ניט העלפן, אבער דורך חבר'ן זיך מיט די בנות בואב, דאָס וועט זיי שוין אומבריינגען, און דאָס איז געווען זיין עצה.

דעם רעיון האָט דאס דוד המלך געהאט אין כונה פון זיין תפלה „שמרני כאישון בית עין בצל כנפיך תסתירני, מפני רשעים זו שדוני, אויבי בנפש יקיפו עלי".

די נאַטור איז ביי אלע איברים, אז עס טוט זיי וויי ווען מען שלאָגט זיי, אבער אז מען גלעט און קושט זיי, שאפט זיי גאָר אן הנאה, די אויג אבער ליידט ניט קיין גלעט אין קוש. אָט דאס

בעט דוד המלך „שמרני כאישון בית עין" — היט מיר ווי די שוואַרצאַפּל פון אויג, היט מיר ניט נאָר פאַר די קלעפּ פון די שונאים נאָר אויך פאַר זייער גלעט, ווייל זייער נאָנטשאַפט קען מיר נאָך מער שאַדן. ווייל „אויבי בנפש יקיפו עלי", כאָטש זיי קענען זיך מאכן פאַר פריינט, אבער זיי זיינען „אויבי בנפש" און זיי רינגלען מיר ארום.

וואָרים וואס זיינען די רעזולטאַטן פון געבן די קינדער דורכ־אויס א וועלטלאַכע בילדונג, און זיי ניט לערנען קיין אידיש־קייט?

ביי קינדער מיט א דורכגעדרונגענעם אידישן גייסט, זיינען טייער די הייליקייטן פון פאָלק, זיי פאַרהייליקן די עלטערן און זייערע אידישע מנהגים, אבער די קינדער וואס זיינען ווייט פון אידישקייט, זיינען פרעמד פון פאָלק, פון זיינע מנהגים און פרעמד און ווילד קוקן זיי אויס זייערע אייגענע עלטערן. עס וואַקסט אויס א דור, וועלכער פאַרשטייט ניט די עלטערן און די עלטערן פאַרשטייען זיי ניט.

אויף די צוויי טיפּן קינדער געפינען מיר אין דער תורה צוויי פסוקים, איינער אין פרשה בא „והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם", און נאָך א פסוק אין ואתחנן „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות החוקים והמשפטים".

אין דעם ערשטן פסוק, מיינט די תורה וועגן די קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין מצרים, אָן תורה און אָן דרך ארץ, אַזאַ קינד איז גראָב און ברוטאַל, ער פרעגט ניט דעם פאָטער, נאָר ער זאָגט מיט א באַפעלענדע שטימע „והיה כי יאמרו אליכם בניכם" זיי וועלן זאָגן, אויסשרייען „מה העבודה הזאת לכם." אבער דאָרט אין ואתחנן רעדט מען וועגן דעם נייעם דור, וואס איז אויסגעוואַקסן אונטער דער הנהגה פון משה רבינו, מיט א פולן באוואוסטזיין פון די גרויסקייט פון פאָלק, דאַן איז

שוין „והיה כי ישאלך בנך מחר" דער זון פון מאָרגן, וואס ער ווערט אויפגעהאָדעוועט מיט'ן אידישן גייסט, ער וועט ניט זאָגן, ער וועט דיר פרעגן וואס באדייט דאס אלעס.

אזוי זעען מיר, אז וואס מער די עלטערן דערוויטערן די קינדער פון אידישן בית מדרש און פון אידישן גייסט, אזוי דער־ווייטערן זיי זיך נאָך מער פון זייערע עלטערן. זיי, די עלטערן, בויען אליין אויף די אייזערנע וואנט צווישן זיי און זייערע קינ־דער, עס ווערט געשטערט דער שלום בית און די קינדער פאר־שאפן זיי נאָר עגמת נפש.

אָט דאָס האָט תפלה געטאָן דוד המלך. „אחת שאלתי" — פארצייטן איז מיין תפלה געוועזן נאָר א שאלה, א קליינע פראגע „אותה אבקש", דאָס בעט איך פאר דעם עתיד און בעט שטארק (אבקש). פארצייטן איז געוועזן די שאלה „שבתי בבית ד'" מען זאָל זיין בקביעות אין בית המדרש, דאוונען און לערנען און היינט איז די בקשה „לבקר בהיכלו". זאָל כאָטש דער עתיד, דער קומענדיקער דור באזוכן די שול, זאָלן זיך כאָטש ניט קיין סך דערוויטערן, זאָלן קומען „לחזות בנועם ד'" כאָטש אָנקוקן און אָנזעען.

אָט דאָס דארפן מיר האָבן אין רעיון און ניט פארנאכ־לעסיקן מיט'ן געבן א גוטע אידישע דערציאונג צו אונזערע קינדער. דאמאָלט וועלן די קינדער בלייבן אונזערע און דער צו־קונפט פון אונזער פאָלק געזיכערט.

———:———

נט.

ליסוד תלמוד תורה וחדרים

אמר ר"י א"ר — ברם זכור אותו האיש לטוב ויהושע בן גמלא שמו, שאלמלא הוא נשתכחה תורה מישראל וכו' עד שבא יהושע בן־גמלא ותיקן שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בכל מדינה ומדינה ובכל עיר ועיר ומכניסים אותם כבן שש וכבן שבע.
(בבא בתרא דף כ"א ע"א).

אין דער דערמאנטער ציטאטע שטעלן אונז חז"ל פאר איינעם פון די כהנים גדולים, יהושע בן גמלא, אין דער תקופה פון בית שני, וועלכער האָט זיך פיל אָפגעגעבן מיט'ן מחזק זיין תורה ביי אידן. ער האָט געזען, אז די תורה ווערט אלץ וויינּיקער געלערנט, מלמדים און חדרים פארמינדערן זיך אין צאָל, האָט ער אוועקגעזעצט מלמדי תינוקות אין יעדער מדינה און שטאָט און אריינגעבראכט צו זיי תלמידים פון זעקס און זיבן יאָר.

ר' יהושע בן גמלא האָט גוט געוואוסט „אם אין גדיים אין תישים", אויב עס וועט ניט געהערט ווערן קולו של יעקב בבתי כנסיות ומדרשות, האָט ניט די תורה קיין צוקונפט און עתידה תורה שתשתכח מישראל; ער איז געווען איבערצייגט, אז דער גאנצער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק איז נאָר למוד־התורה און בפרט של תינוקות של בית רבן, וועלכע לערנען בטהרה און ווערן איינגעוואָרצלט מיט תורה ויראת שמים. ער האָט דעריבער אוועקגעזעצט די מלמדים, וועלכע זיינען געווען בעלי יראת שמים און געוואוסט אז מלאכת הקדש בידיהם. ער האָט זיי אָנגעטרויט

די טייערסטע אוצרות פון פאָלק, די תינוקות של בית רבן שמהם תצא תורה, און זיי, די מלמדים, האָבן אָנגעווענדט אלע כחות מיט גרויס מסירת נפש צו מחנך זיין די תלמידים בדרך התורה והאמונה. יעדער חדר און ת"ת, אין וועלכע עס האָבן געלערנט פיל תלמידים איז געווען פול מיט ליכטיקייט פון תורה ויראת שמים און אויף זיי דריקן זיך אויס חז"ל, „אל תגעו במשיחי אלו תינוקת של בית רבן" (שבת קיט).

יענע מלמדים האָבן געטאָן זייער מלאכת הקודש באמונה. ביי זיי איז געווען טייער יעדע רגע. דער בטול הזמן איז געווען ווי א „פסידא דלא הדר" — א שאָדן וואָס מען קען ניט אומקערן (ב"ב כא). און זיי האָבן קיין מאָל ניט געפונען קיין היתר און קולא, ווי די חז"ל זאָגן „אין מבטלין תינוקת של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש."

אויף אזעלכע מלמדים דריקן זיך אויס חז"ל: ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד אלו מלמדי תינוקת. זיי ערציען די קינדער בדרך התורה והאמונה, און די תלמידים וואקסן אויס און בלייבן יהודים נאמנים אויף זייער גאנצן לעבן. אָט אזעלכע מלמדים זיינען גלייך ווי שטערן אין הימל, וואס זייער ליכט שיינט אייביק.

מיט אזא וועג פון ערציען, איז קיין וואונדער ניט, וואס אין די פריערדיקע דורות האָבן מיר געהאט לומדים און יראי־שמים. מיר האָבן זיכער געקענט זאָגן: אשר בנינו כנטיעים מגדולים בנעוריהם — ווי יונגע, פרישע צווייגן, וועלכע זיינען אָנגעזאפּט מיט לעבעדיקע פרישע וואסער, ואין מים אלא תורה, און זיינען שוין דורכדעם ארייגעוואקסן אין כרם ישראל.

ווען מיר גרינדן איצט חדרים און תלמוד תורה'ס, דארפן מיר נעמען אין אכט, אויסצוזוכן מלמדים גדולי תורה ויראה, זיי זאָלן משפיע זיין אויף די תלמידים, עס זאל אין זייערע יונגע

הערצעלאך איינגעפלאנצט ווערן דת ואמונה אלע הייליקייטן פון פאָלק.

מיר מוזן היטן די אלטע וועג, די אויסגעטראָטענע דורך פיל דורות, וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען פאר אלע הייליקייטן פון פאָלק.

דאמאָלט, ווען מיר וועלן אזוי אוועקשטעלן, קענען מיר גע־ווים האָפן, אז אונזערע קינדער וועלן זיין זרע ברך ד׳ מטע להתפאר, זיי וועלן זיין צו שטאָלץ אין שיינקייט און עס וועט מקוים ווערן ווי דער נביא זאָגט: „וכל בניך למודי ד׳ ורב שלום בניך", אז דורך דעם למוד התורה, וואָס דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום, וועלן די קינדער זיין למודי ד׳, און דאס וועט ברייגנען שלום על ישראל בכלל ובפרט.

ס.

וועגן בויען א תלמוד-תורה*)

מיר האָבן זיך דאָ אויפגעקליבן זיך צו באראטן און זוכן מיטלען ווי צו בויען א תלמוד-תורה ביי אונזער געמיינדע. געוויינליך, איז דער ענין פון חנוך און די גרויסע וויכטיקייט פון דעם אלעמען באקאנט. דער יונגער דור — דאָס איז דער צו־קונפט פון אונזער פאָלק, און אויב מיר זאָלן ניט לערנען אונזערע קינדער זיי זאָלן וויסן ווי צו זיין אידן, דאן איז אונזער גאנצע עקזיסטענץ אין גרוים סכנה. עס איז אלעמען אויך באקאנט, דאָס וואס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געבעטן פון אספסיאנוס קיסר, פאר׳ן חורבן הבית, ער זאָל אים איבערלאָזן יבנה וחכמיה ושושילתא דרבן גמליאל, ווייל ער האָט געקלערט, אויב ער קען פון אים ניט פועל׳ן, ער זאָל איינגאנצן אָפטרעטן פון די אידן און דער אומגליק פון חורבן מוז קומען, איז כאָטש אויב נאָר יבנה וחכמיה וועלן בלייבן, אויב דעם וואורצל וועט מען ניט אויסרייסן און וועט בלייבן פעסט איינגעגלידערט אין דער ערד, וועט דער בוים צוריק אמאָל אויסוואקסן און די הייפעלע חכמים פון יבנה און פון רבן גמליאל׳ס שושילתא, וועלן לערנען דעם נייעם דור און דאס אידישע פאָלק וועט ניט אונטערגיין.

יעדער איינער איז ראשית-כל מחויב צו לערנען זיין אייגן קינד, אים איבערגעבן די אלע אוצרות פון אידישקייט, וואס זיי־נען אָנגעקומען צו אים בירושה, זיין קינד זאָל ציען די קייט פאר ווייטערדיקע דורות, חוץ אָבער די אייגענע קינדער, טראָגט יע־דער איינער אויך א חוב ער זאָל זיך באַמיען לויט זיינע מעגלאכ־

קייט, אז אויך אנדערע אידישע קינדער זאָלען לערנען תורה און אידישקייט.

דער היילי‌קער חוב צו זען, אז אנדערע אידישע קינדער זאָלן קריגן א אידישע ערציאונג, נעמט זיך ניט נאָר פון דעם, ווייל מיט דעם טאָט פארזיכערט ער די צוקונפט פון אידישן פאָלק בכלל, דאָס אליין איז אמת אויך א גרויסער ענין, און יעדער איד דארף מיטטראָגן זיין טייל און ארבייטן פאר דעם פאָלק אין אלגעמיין, אָבער חוץ דעם איז דאָ נאָך פאראן אן ענין, און דאָס איז, העלפנדיק אנדערע אידישע קינדער זאָלן לערנען, טוט ער מיט דעם א טובה טאקע זיינע אייגענע קינדער אליין און פאר־גרינגערט דערמיט זייער צוקונפט, זיי זאָלן קענען אָפּהיטן אי־דישקייט און פירן א אידישן לעבן.

דער מדרש זאָגט אין פרשת קדושים אויף דעם וואס גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן „דבר אל כל עדת בני ישראל", ער זאָל דיידן צום גאנצן קהל ישראל, ווייל אין דער פרשה חזר'ט גאָט ברוך הוא איבער נאָך אמאָל די גאנצע עשרת הדברות. איז אין פלוג איז דאָך קשה, די עשרת הדברות האָט דאָך כביכול אליין גערעדט צום כלל ישראל, און אלע האָבן דאָך שוין געהערט, איז דאָך שוין גראדע ניט וויכטיק, מען זאָל זיי נאָך אמאָל איבער־חזר'ן. חוץ דעם איז קשה נאָך א זאך. די גאַנצע עשרת הדברות זיינען בלשון יחיד, כבד את אביך, לא תגנב, לא תרצח, לא תענה, לא תחמוד, אלץ ווי צו א יחיד האָט דער אויבערשטער גערעדט צו די אידן, דאָ אבער אין קדושים רעדט זיך שוין בלשון רבים, איש אמו ואביו תראו, את שבתותי תשמרו, אל תפנו אל האלילים, לא תגנבו, לא תשבעו, און אזוי ווייטער אלץ בלשון רבים, פארוואס איז עפּעס דער שנוי?

דער געדאנק פון דעם איז אָט וואָס. אין די עשרת הדברות האָט ראשית כל כביכול אָנגעזאָגט דעם יחיד דעם חוב וואס ער

טראָגט אויף זיך אלס א איד, אלע פארזאָגן וואָס ער דאַרף אָפּהיטן אין זיין פּריוואַטן לעבן, אין זיין אומגאַנג מיט זיך אליין און אפילו אין זיינע מחשבות, דעריבער האָט ער געזאָגט בלשון יחיד, ווייל כביכול האָט געגרעדט צו יעדן יחיד ביחידות און אים פאַרזאָגט. דאָ אָבער אין פרשת קדושים האָט הקב"ה אָנגעזאָגט משה'ן, דבר אל כל עדת ישראל, רייד צו אַ ל ע מ ע ן און ו ו ע ג ן אַ ל ע מ ע ן. זאָג אָן די אידן, אַז זיי זאָלן זען היטן די עשרות הדברות אין כלל, יעדער איינער, חוץ וואָס ער זאָל אליין אָפּהיטן די אלע דברות, דאַרף ער זען, אַז דער כלל זאָל אויך עס פאָלגן. ווייל די סביבה ווירקט זייער אויף דעם יחיד, ווען די ספערע און אומגעבונג איז ווייט און פריי פון אי־דישקייט, איז אויך פאַר דעם יחיד שווער אָפּצוהיטן צו זיין אַ איד און יעדע מצוה איז א גרויסער נסיון. „את שבתותי תשמורו", איהר אלע צוזאַמען היט אָפּ דעם שבת. דער שבת זאָל זיך זען אין גאס, ביים כלל, דאַמאָלט איז אויך לייכט פאַר דעם יחיד עס אָפּצוהיטן.

אויף דעם האָט דאָס כביכול געהייסן משה'ן אויפרופן אלע אידן און זיי זאָגן די עשרת הדברות. ניט סתם איבער'חזר'ן זיי נאָך אַמאָל די פאַרזאָגן, נאָר זיי אָנזאָגן אַ נייע זאַך, אַז זייער חוב איז ניט נאָר פאַר זיך אליין, נאָר פאַר דעם כלל.

אָט דאָס זעלבע זאָגן מיר דאָ, ווען מיר האָבן זיך אויפגעע־קליבן בויען די תלמוד־תורה. איהר קענט אייך האָבן פאַר־זאָרגט אייערע קינדער ביי גוטע מלמדים און געניסן אַ גוטע אי־דישע דערציאונג ערגעץ אנדערשוואו, אָדער זיי זיינען שוין אויסגעוואַקסן און זיינען שוין ערצויגן, אבער דאָך איז דער חוב אויף אלעמען צו זאָרגן פ א ר אלעמען. יעדער איינער קען נאָר דאַמאָלט זיין זיכער, אַז זיין אייגענע קינד וועט בלייבן אַ איד און פאָלגן די וועגן וואָס מען האָט אים געלערנט, ווען די גאַנצע

סביבה וועט זיין אידיש, ווען דאָס אָרימע קינד, וואס האָדעוועט זיך אויף אין גאַס, וועט אויך האלטן טייער די אידישע למודים און וויסן ווי צו שעצן אידישקייט, דאמאָלט וועט דער אמת'ער אידישער לעבן, מיט די אידישע טייערע מדות הערשן בגלוי אין גאס און עס וועט זיין אלעמען לייכט זיך צו פירן לויט די אידישע געזעצן און לויט די ערציאונג, וואס מען האָט געקראָגן.

ווען איר וועט העלפן בויען די תלמוד-תורה, וואו אידישע קינדער וועלן אָפּגעצויגן ווערן פון גאס און אריינגעבראכט ווערן באהלה של תורה, וועט דאָס אידישע לעבן געוועלטיקן און עקזיסטירן אין אונזער סביבה און אויך העלפן אונזערע אייגענע קינדער זיי זאָלן גיין אין אונזערע וועגן, וואס דאס איז חלקנו מכל עמלנו. עס וועט דאמאָלט זיין אל תקרי בניך אלא בוניך, אלע וועלכע בויען תלמוד-תורות וועלן האָבן גליק און פרידן אין זייערע הייזער, און מיר וועלן זוכה זיין ובא לציון גואל במהרה בימנו, אמן.

סא.

ליסוד ישיבות וקבוצים

עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר.
(משלי ג׳־יח).

אין אלע צייטן, נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָט אונ־זער פאָלק געגרינדעט ישיבות און קבוצים. די חז״ל דערציילן אונז, מימיהם של אבותינו לא פסקה ישיבה מהם (יומא כח). אפילו קודם מתן תורה, האָט „אברהם זקן ויושב בישיבה״ (שם) און אפילו ווען אברהם אבינו האָט געוואנדערט פון איין אָרט אין צווייטן, ווי עס שטייט, „ויסע אברם הלך ונסוע״, האָט ער אויך מרביץ תורה געווען ברבים, און אויפגעשטעלט הונדערטער תלמידים, ווי די חז״ל זאָגן וירק את חניכיו — שהוריקן בתורה (נדרים ל״ב). אויך ווי זיי זאָגן אויף דעם פסוק: ואת הנפש אשר עשו בחרן — דשעבידו לאורייתא (ע״ז א).

אויך געפינען מיר, יצחק יושב בישיבה, יעקב יושב בישיבה (שם ביומא). און ווען יעקב איז געקומען אין מצרים, זאָגן חז״ל אויף דעם פסוק: ואת יהודה שלח לפניו להורות וגו׳ לתקן לו בית תלמוד להוראה ודת (מדרש רבה שם). אויך האָט יעקב אבינו פיל געלערנט מיט זיינע און יוסף׳ס קינדער, מנשה ואפרים, שפעטער, ווען יעקב מיט די קינדער און דער דור זיינען אויסגע־שטאָרבן און די מצרים האָבן געדריקט די אידן, איז אויך „לא פסקה ישיבה מאבותינו במצרים״, דער שבט לוי איז געווען פריי פון ארבייט און האָבן זיך פארנומען מיט די יסודי התורה ואמונה און דער ראש העם איז געווען עמרם, משה׳ס פאָטער, ווי די

חז"ל זאָגן „עמרם גדול הדור היה" (מדרש רבה שם. סוטה דף י).

אויך די גאנצע צייט וואס די אידן זיינען געווען אין מדבר, לאחר מתן תורה, איז משה געווען רבן של ישראל, ער האָט שטענדיק מיט זיי געלערנט די חקי ומשפטי התורה, ווי די חז"ל דריקן זיך אוים: כיצד סדר משנה? משה יושב ושינה כו' יצא משה נכנס אהרן וכו' (עירובין נד). נאָכהער, זיצענדיק אין לאנד בימי בית ראשון האָבן מלכים געגרינדעט ישיבות וקבוצים צו פארשפרייטן דעם למוד־התורה. אויף חזקיה מלך יהודה זאָגן חז"ל אויף דעם פסוק: „וחובל עול מפני שמן — חבל עולו של סנחריב מפני שמנו של יחזקי' שהיה דולק בבתי כנסיות ובתי מדרשות (סנהדרין צד). דאָס מיינט: דער שווע־רער לאסט פון סנחריב מלך אשור איז פארניכטעט געוואָרן דורך דער קראפט פון למוד־התורה ברבים, וואס חזקיהו האָט אריינ־געבראכט אין די בתי כנסיות ומדרשות, וואו מען האָט געלערנט פון דעם ליכט פון בוימאייל.

חזקיהו האָט מיט פיל מסירת נפש זיך אָפגעגעבן ענטוויקלען און פארברייטערן דעם למוד התורה, ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס זיין פאָטער אחז האָט אינגאנצן מבטל געמאכט די אידן פון למוד־התורה, ער האָט די קליינע קינדער ניט געלאָזן לער־נען תורה „למה נקרא שמו אחז — שאחז בתי כנסיות ובתי מדרשות". אויף אים דריקט זיך אוים ישעי' הנביא: „צור תעודה התום תורה בלמודי" (ישעי' ח). האָט חזקיהו געטאָן פונקט פאר־קערט, ער האָט די תורה אריינגעבראכט אין די בתי כנסיות ומדרשות: „נעץ חרב על פתח בית המדרש ואמר, כל מי שאינו עוסק בתורה ידקר בחרב" (סנהדרין צד).

חזקיהו האָט אזויפיל געווירקט, אז דאָס פאָלק זאל לערנען תורה, אז: בדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו עם הארץ, מגבת ועד אנטיפרס ולא מצאו תינוק ותינוקת איש ואשה שלא היו

בקיאין בטומאה וטהרה (שם). דער זכות פון למוד התורה האָט דאמאָלט טאקע מגין געווען, אז דאָס אידישע פאָלק איז ניצל געוואָרן פון סנחריב מלך אשור.

אזוי איז אויך געווען אין פארשידענע תקופות שפעטער אין דער צייט פון בית שני ביי עזרא ואנשי כנסת הגדולה, אין דער תקופה פון ר׳ יוחנן בן זכאי, יבנה וחכמיה, אין די צייטן פון רבינו הקדוש, (ר׳ יהודא הנשיא) וועלכער האָט מרביץ תורה געווען און האָט מסדר געווען די שתא סדרי משנה, אויך זיין באוואוסטער תלמיד ר׳ חייא, מסדר התוספתא, האָט זייער פיל ישיבות וקבוצים מתקן געווען, און געזאָגט אויף זיך עבדי לה לתורה שלא תשתכח מישראל (ב״מ פ״ה). אויך אין די צייטן פון די ערשטע אמוראים, ר׳ חמא ב״ר חנינא ור׳ יוחנן אין ארץ ישראל, ישיבת סורא ופומפדיתא, אין די צייטן פון רב ושמואל, רבה ורב יוסף, ישיבת מתא מחסיא אין די צייטן פון רבינא ורב אשי בזמן חתימת התלמוד, און נאָכהער אין דער תקופה פון רבנן סבוראי והגאונים, בעלי־התוספות, חכמי אשכנז וצרפת.

די גדולי האומה אין אלע תקופות האָבן גוט פארשטאַנען, אז די תורה, דאָס איז דער גרעסטער כלי־זיין קעגן אונזערע פארפאָלגער „אני חומה זו תורה". עס האָבן ניט געהאָלפן קיינע התחכמות פון די שונאים, וועלכע האָבן געוואָלט ארויסרייסן פון אונזערע הענט דעם דגל התורה. אין אלע שווערע צייטן פון גזרות־השמד האָבן די גרעסטע מענשן געקעמפט מיט גרוים מסירת נפש פאר דעם למוד־התורה, ווי ר׳ יהודה בן בבא, ר׳ חנינא בן תרדיון, ר׳ אלעזר בן פרטא, ר׳ יוסי בן קסמא, ר׳ עקיבא וחבריו.

מיר דארפן דעריבער גיין אין דעמזעלבן וועג. עס איז אונזער חוב צו גרינדן וואס מער ישיבות און קבוצים, וואו מען

זאָל ממשיך זיין לערנען די תורה. עס דארפן אונז ניט אָפּהאלטן קיינע מניעות, אפילו ווען מיר זעען ניט קיין מיטלען, ווי זיי אויסצוהאלטן. מיר דארפן אָנהויבן — די מיטלען וועלן שוין גע־פונען ווערן.

ווען מיר וועלן צוגיין ערנסט צו גרינדן ישיבות וקבוצים פון לומדי תורה און שטיצן זיי, קענען מיר האָפן, אז דער אור התורה וועט ווייטער פאר אונז לייכטן בכל ארצות הגולה, מיט דעם זעלבן הערליכן שיין, ווי אין די פריערדיקע דורות און עס וועט מקוים ווערן: עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר.

סב.

בהחזקת לומדי תורה ותמיכתם

ויאמר ד׳ אל אהרן בארצם לא תנחל וחלק לא יהיה לך בתוכם, אני חלקך ונחלתך בתוך בני ישראל. (במדבר יח כ).
לא יהיה לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה עם ישראל, אשי ד׳ ונחלתו יאכלון.
(דברים פי״ח א).

די תורה דערמאנט אונז אין פיל ערטער, אז דער שבט לוי — די כהנים ולוים — האָבן ניט געהאט קיין חלק ונחלה בארץ ישראל ווי די איבעריקע שבטים. די תורה האָט דאריבער אָנגעזאָגט די אידן אויף כ״ד מתנות כהונה, וועלכע זיי מוזן געבן די כהנים ולוים, כדי יענע זאָלן זיצן רואיק און לערנען דעם פאָלק די דיני התורה והמצוה, ווי עס איז געשריבן יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל (דברים פ׳ ל״ג). און אויך: כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו (מלאכי ג). די גאנצע צייט וואס די אידן זיינען געזעסן אין זייער לאנד, אין די צייטן פון ביידע בתי המקדש, האָבן זיי געמוזט געבן די כ״ד מתנות כהונה פאר די כהנים ולוים.

נאָך דעם חורבן, אין די גלות-לענדער, זיינען די אידן מחויב צו שטיצן די לומדי תורה וראשי-הישיבות, וועלכע פארנעמען דעם אָרט פון שבט לוי. די מדרגה פון די, וואָס שטיצן לומדי תורה איז לויט די רייד פון חז״ל נאָך העכער, ווי פון די לומדים אליין. ווי די חז״ל דרינגען פון פסוק: שמח זבולן בצאתך ויששכר באהלך — דער שבט יששכר איז געזעסן שטענדיק און געלערנט

תורה, און דער שבט זבולן האָט זיך עוסק געווען אין מסחר און געשטיצט דעם שבט יששכר, פונדעסטוועגן שטייט זבולן פאר יששכר.

שטיצן די לומדי תורה שטייט העכער פון אנדערע צדקות. מען מוז טאקע געבן צדקה פאר יעדערן וואס נויטיקט זיך אין הילף, אבער די לומדי תורה זיינען פריער, ווייל זיי באלייכטן אונז מיט דעם אור התורה והדת. פון די ישיבות וקבוצים גייען ארוים די גרעסטע גאונים און גדולי העם, וואָס דורך זיי ווערט דערהויבן דער קרן התורה פאר דער גאנצער וועלט.

אין אלע צייטן האָט מען געשטיצט די לומדי־תורה און איצט איז דער חוב נאָך מער. אין די פריערדיקע תקופות איז די תורה מיט די לומדים געשטאַנען הויך ביי אלע שיכטן פון אונזער פאָלק. יעדער האָט געוואוסט זיין חוב, אז ער מוז אליין לערנען, וויפיל ער האָט נאָר א מעגלאכקייט, און דארף אויך זען, אז די קינדער זאָלן לערנען. די בתי המדרש זיינען שטענדיק געווען פול מיט אלטע און יונגע מענשן, וואָס זיינען געזעסן און געלערנט פארשי־דענע שעורים. אויך זיינען די לומדי־תורה געווען געליבט און געאכטעט ביי אלעמען. עס איז געווען פאר יעדען א כבוד מכבד צו זיין א תלמיד חכם. ווען א קינד איז געווען א מופלג, א מתמיד, איז די שמחה פון די עלטערן געווען גרוים, און זיי האָבן געשטרעבט, אז דאס לערנען זאָל זיך ביים זון איינהאלטן. אויך פאר די טעכטער האָט מען אָנגעווענדעט אלע מיטלען, נעמען פאר זיי חתנים, גרויסע תלמידי חכמים. דאָס איז געווען דער גאנצער פארלאנג פון די עלטערן, וועלכער איז אויך אריבער צו די קינדער, און די טאָכטער האָט זיך געפילט גליקלאך האָבן א מאן א תלמיד חכם.

ביי איצטיקע צייטן, ליידער, איז די תורה פארשעמט און פאר־רוקט אין א ווינקל. בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר סיני ומכרזת

ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה (אבות פ״ו). מען רעכענט זיך גאָר ניט מיט דער הייליגקייט פון דער תורה. די על־טערן רייסן אָפּ זייערע קינדער, זין און טעכטער, אינגאנצן פון די געפילן צו תורה ויהדות.

אין אזא פינסטערע און קריטישע צייט, ווען עס געפינען זיך נאָך ביי אונז יונגע מענשן, וועלכע ווילן זיך אָפּגעבן צו לער־נען תורה אין די ישיבות, זיינען זיי ביי אונז די אמת׳ע מארטי־רער, וועלכע זיינען זיך מוסר נפש פאר אונזערע הייליקייטן. זיי האלטן אויף אונזערע פעסטונגען און יסודות, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באשיצט די פילע יארן אין גלות. די תורה — זי איז אונזער לעבן כי היא חייך ואורך ימיך, ווי ר׳ עקיבא האָט גע־זאָגט: מה דגים שבים כיון שעולים ליבשה מיד מתים, כך ישראל כיון שפוֹ׳שים מן התורה מיד מתים (ברכות ס).

ווען מען קען אליין ניט קובע עתים זיין ללמוד התורה, וואס דאָס איז אויף אונז א חוב, דארף אמווייניגסטן יעדערער שטיצן מיט וויפיל ער קען די לומדי תורה, וועט דאס זיין גלייך ווי ער לערנט אליין און מיט דעם וועט דערהויבן ווערן דער קרן התורה, און מען וועט קענען האָפן, אז דער כרם ישראל וועט זיין פול מיט פרי עץ הדר, מיט שיינע בוימער, גאונים וגדולים, וועלכע וועלן זעטיקן מיט זייערע גוטע פרוכט דאס גאנצע אידישע פאָלק.

מיר דארפן געדיינקען, אז אויף אלע לוקסוסן גיבן מיר אוים אַ סך געלט און מען האלט זיך ניט אָפּ, און ווי עס קומט נאָר צו א דבר שבצדקה, פאר אָרימע אָדער פאר לומדי תורה, געפינט יעדער א תירוץ ווי זיך אויסצודרייען און ניט געבן.

צו דעם זיינען זייער צוגעפאסט די ווערטער פון חכמי התלמוד: ויתפרקו כל העם, אר״י בן פזי בשם רבי הן נקרא ולא נבעת, לטובה כתיב כל נדיב לב ולרעה כתיב ויתפרקו כל העם

(ירושלמי שקלים פ"א ה"א). דאָס מיינט ר"י בן פזי זאָגט, ווי קען מען דאס לעזן און ניט אויפציטערן, אויף גוט — פאר דעם משכן, די הייליקייט פון פאָלק — האָבן געגעבן נאָר די נדיבי לב, און אויף שלעכטס פאר דעם עגל, האָבן אלע אָפגעגעבן פון זיך די צירונג.

זיין אויסגעשריי איז אויך זייער ריכטיק ביי אונז, אויף גוט דארף מען וועקן און נאָר ווינציקע רופן זיך אָפּ, אבער אויף לוק־סוס, אויף גאַרנישט — גיט מען גערן.

ווען מיר וועלן זיין פון די נדיבי לב, מיר וועלן נעמען אין אכט די מעלות פון תורה און לומדיה און זיי שטיצן לויט אונזער מעגליכקייט, וועט דער זכות פון תורה אונז געווים באשיצן, תורה אגוני ומצלי, (סוטא כ"א) פון אלע שלעכטע גזירות און עס וועט זיין ווי די חז"ל זאָגן „ואתם הדביקם בד' אלקיכם חיים כולכם היום" (כתובות קי"א). דער אויבערשטער וועט אונז געבן חיים וברכה למשמרת שלום, ווייל מיר שטיצן די תלמידי חכמים, המרבים שלום בעולם.

סג.

ליסוד חברה של גמילת חסדים*)

תני רב יוסף והודעת להם את הדרך ילכו בה וגו׳
את הדרך זו גמלת חסדים. (ב״ק דף צט).

וועגן פיל מצות ווערט געזאָגט, אז ווען די תורה וואָלט אפילו זיי ניט אָנזאָגן טאָן, וואָלטן מיר זיי געדארפט מקיים זיין עפ״י שכל. אין דעם זין זאָגן אויך חז״ל: אלמלי נתנה תורה, למדנו צניעות מחתול, גזל מנמלה, דרץ ארץ מתרנגל — מלפני מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו (עירובין ק).

אין דעם זין, איז אין פלוג שווערלאך, וואָס האָט אונז די תורה געדארפט אָנזאָגן אין פיל ערטער וועגן מצות צדקה? אויך דער דרש פון דער גמרא וועגן גמילת חסדים פון דעם פסוק: והודעת להם את הדרך — את הדרך זו גמילת חסדים, איז דאָך איבעריק, צי דען ווייסן מיר אליין ניט, אז מען באדארף העלפן און שטיצן דעם אָרימאן? און צי פארשטייען מיר ניט, אז ווען א מענש דריקט זיך און געפינט ניט קיין אויסוועג פון זיין לאגע, אז מען דארף אים אונטערהאלטן, ער זאָל ניט פאלן?

דאָך געפינען מיר פיל מאָל אין דער תורה אָנגעזאָגט שטריינג: „כי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקת בו“ (ויקרא). פתוח תפתח את ידך לאחיך לעניך וגו׳ לא תאמץ את לבבך ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון וגו׳ “ (דברים).

די פראקטיק פון לעבן וויזט אונז, אָבער, אז דער תורה׳ס אָנזאָגן זיינען געווען נויטיק, ווייל פון פארשטיין ביז׳ן געבן איז ווייט. מיר ווייסן טאקע גוט, אז דעם אָרימען מענשן איז שלעכט,

דאָך ווערט אונזער האנט פארמאכט, און אונזער הארץ הארט, און מען וויל ניט געבן קיין צדקה. די תורה האָט דאריבער, דורכדרינגענדיק דעם כאראקטער פון מענשן, שטריינג אָנגעזאָגט: „פתח תפתח את ידיך — נתן תתן אפילו מאה פעמים (ספרי ראה) מיט איין מאָל געבן איז מען ניט יוצא, נאָר מען דארף שטענדיק געבן. קען דאָך אמאָל זיין, אז די האנט איז אָפן, אָבער די הארץ לאָזט ניט געבן. זאָגט די תורה: „לא תאמץ את לבבך". טאָמער ווידער פארקערט, די הארץ איז אָפן, אבער די האנט איז פארפעסטיקט — שטייט ווייטער: „ולא תקפוץ את ידך".

און ווייל דער מענש געפינט פיל תירוצים, פארוואס ער גיט ניט דעם אָרימאן, זאָגט ווייטער די תורה: „השמר לך פן יהיה דבר בליעל עם לבבך וגו' ורעה עיניך באחיך האביון ולא תתן לו" — דארפסטו וויסן אז „כל המעלים עיניו מן הצדקה כאלו עובד עבודה זרה" (בבא בתרא י).

עס זיינען דאָ צוויי מינים פון געבן: צדקה און גמילת חסדים, די חז"ל זאָגן: „צדקה לעניים, וגמ"ח בין לעניים בין לעשירים. (סוכה נג). צדקה מיינט מען פשוט, ווען מען העלפט דעם אָרימאן מיט עסן און בגדים, גמילת חסד מיינט אבער גאנץ אנדערש. פאראן מענשן וואס האָבן קוואלן פון פרנסה, נאָר עס האָט עפּעס געטראָפן און דער מענש איז פלוצלונג צעבראכן געוואָרן, ער איז ארונטער. מען זאָל אים אבער אויסהעלפן אין זיין מצב מיט א באדייטענדע סומע געלט — ווערט ער גלייך געהאָלפן און פירט צוריק דעם געשעפט ווי פריער, דאָס ווערט אָנגערופן גמילת חסד. דאָס איז בין לעניים בין לעשירים. אזא מצב קען טרעפן אפילו ביי א מענשן וואס איז גאנץ רייך. אזא גמילת חסד שטייט העכער ווי צדקה.

אויף דעם זאגט דאס די תורה „כי ימוך אחיך ומטה ידו" — פלוצלונג איז אָרים געוואָרן, והחזקתו בו, באמערקן די חז"ל: „אל תניחהו לירד, הא למה זה דומה למשא ע"ג חמור, עודנו במקומו אחד תופס בו ומעמידו, נפל לארץ חמשה אין מעמידים אותו (תורת כהנים, בהר). מיט דעם וואָס מען העלפט אין דער צייט, פריער, קען יענער בלייבן שטיין און איינהאלטן זיין שטאַנד אין לעבן.

אויך שטייט דער ענין פון גמילת חסדים העכער פון צדקה צוליעב נאָך א טעם: דער געוויינליכער ארימאן שעמט זיך ניט בעטן קיין צדקה, ער איז צו דעם געוואוינט, דאָס איז זיין גע־שעפט, אָבער דער יורד, וועלכער איז געשטאַנען אין א פעסטן מצב, ער וועט קיינמאָל ניט בעטן, און ער וועט ניט וועלן נעמען קיין צדקה, אים וועט עס גורם זיין גרוים בזיון און חרפה, פאר אים וועט עס זיין אמת'ע שפיכת דמים, אבער ווען מען גיט אים א גמילת חסד אויף דעם אופן ווי אן הלואה, אז ווען ער וועט האָבן, וועט ער אָפּגעבן, פאר אים איז עס א גרויסע טובה. ער גיט טאקע שפעטער אָפּ, און איז אייביק דאנקבאר די בעלי־גומלי־חסד, וואס האָבן אים ארויסגעהאָלפן פון זיין קרי־טישע לאגע.

מיר דארפן דאריבער זייער אכטן די גרינדער פון חברה גמלת חסדים און ווינשן זיי ערפאָלג במעשי־ידיהם; די מתעסקים טוען מיט דעם זייער פיל און ברייינגען הילף פאר די יורדים, צעבראכענע מענשן, וועלכע זיינען געוואָרן פאראָרימט אין דער קריטישער צייט, און אזוי ווי חז"ל האָבן געזאָגט: „כל המקיים נפש אחת כאלו קיים עולם מלא", איז מיט דעם אויסהעלפן פיל מענשן מיט גמילת חסדים, זיי זאָלן קאָנען מיט זייערע פאמיליעס עקזיסטירן, איז גלייך ווי מען וואָלט אויפגעהאלטן די גאנצע וועלט, און עס איז גאָר קיין שעור ניטאָ צו די גרויסקייט פון דער

מצוה, ווי די חז"ל זאָגן: „אלו דברים שאין להם שיעור וגו' וגמילות חסדים".

די חז"ל זאָגן אויך: „על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים", זעט מען דערפון, אז גמילת חסד איז איינער פון די עמודי העולם. אויך די גרינדער און די מתעסקים פון חברה גמ"ח דאָ ביי אונז זיינען פון די, וועלכע האלטען אויף די וועלט (מעמודי־העולם). וועלן זיי געוויס זיין געבענשט מיט פיל ברכה והצלחה בעוה"ז ובעה"ב, ווי די משנה זאָגט: „אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעוה"ז והקרן קיימת לעוה"ב וכו' וגמילות חסדים". (משנה פאה שם).

———:———

סד.

ביסוד חברת מתן בסתר

וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו.
(ויקרא כ"ה-ל"ה).

אין דעם ענין פון צדקה געפינען מיר אכט מדרגות. די העכסטע מדרגה איז, ווען מען שטיצט דעם געדריקטן, א יורד, וועלכער איז געווען פריער אין א גוטן מצב, ער האָט געלעבט מיט זיין משפחה בכבוד און פלוצלונג איז נתגלגל החוזר, די ראָד האָט זיך א דריי געטאָן און ער איז געוואָרן אן עני, און מוז אָנקומען צו צדקה, ניט נאָך זיין טבע. אויף אים זאָגט אונז די תורה: „וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך". — ער איז ניט קיין שטענדיקער אָרימאן, נאָר ער איז פלוצלונג אראָפּ פון זיין מצב ומטה ידו עמך, והחזקת בו" — דו דאַרפסט אים אונטערהאלטן מיט קרעפטן, ער זאל ניט אראָפּפאלן אינגאנצן, ווען מען וועט שוין ניט קענען העלפן.

נאָר אזוי ווי דער יורד איז ניט געוואוינט בעטן ביי דעם צווייטן קיין צדקה, און קען ניט אויסשטרעקן זיין האנט, — האָבן די חז"ל געזוכט אן אנדער אופן ווי מען זאָל אים געבן, אָדער בדרך הלואה, ווי א גמלת חסד, און זאָגן אים, אז ווען זיין לאגע וועט פארבעסערט ווערן וועט ער אָפּגעבן, אָדער דורך מתן בסתר, ער קריגט די געלט אריינגעשיקט אין הויז און ווייס ניט ווער עם האָט דאָס אים געגעבן. אין די ביידע אופנים מיידט מען אוים די חרפה ובזיון, וואס דער איד דארף אויסשטיין נע־

מענדיק צדקה און דערבײ העלפט מען אים אין זײן קריטישער לאגע.

אויף דעם אופן טײטש דער מדרש דעם פסוק: „אשרי משכיל אל דל — הוי מסתכל בו איך לזכות עמו, ר' יונה בשעה שראה בן גדולים שירד מנכסיו והוא מתבייש ליקח, היה הולך אצלו ואומר לו, בשביל ששמעתי שנפלה לך ירושה במדינת הים, הא לך חפץ זה, לכשאתה מתרווח אתה נותנו לי" (מ"ר בהר).

מיט אזוינע אָרימע לײט יורדים, בני־גדולים, דאַרף מען זיך קליגן װי זײ צו העלפן אין דער שלעכטער צײט, זײ זאָלן זיך ניט שעמען מיט דער שטיצע, װאָס זײ באַקומען.

אײנע פון די חברות, װעלכע האָבן זיך געשטעלט א ציל צו שטיצן אָרימע לײט בדרך כבוד — איז די חברה „מתן בסתר". דער נאָמען פון דער חברה זאָגט שוין אלײן איר ציל, געבן יענעם בסתר, אין געהײם, יענער זאל ניט װיסן װער עס גיט אים און זײטיקע מענשן געװױם ניט. און אין ענין פון צדקה איז עס זײער הויך, װי דער רמב"ם רעכנט דאָס: „נותנה ואינו יודע למי נותנה — והעני אינו יודע ממי מקבלה."

אויך בזמן בית המקדש געפינען מיר איז געװען אַזאַ מוסד, װאָס האָט זיך גערופן „לשכת חשאים" (ירושלמי שקלים פ"ה). די אָרימע לײט, װעלכע פלעגן באַקומען תמיכה פון דעם מוסד, רופן חז"ל אן עניים בני טובים. זײ זײנען אלײן געװען גוטע מענשן, נותנים, װען זײ זײנען געװען אין א גוטן מצב און אז זײ זײנען געװאָרן יורדים האָט מען זײ געשטיצט פון דער לשכה.

חז"ל דערצײלן אונז פיל געשיכטעס, װאָס די תנאים ואמוראים האָבן געטאָן מיט אזעלכע אָרימע מענשן (כתובות סו). און אויף דעם האָבן די חז"ל גע'דרש'ט: „נתן תתן לו די מחסרו אשר

יחסר לו" — אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו (שם בכתובות), ווייל די יורדים — עניים בני־טובים — זיינען גע־וואוינט געוואָרן צו לעבן בהרחבה, און ווען זיי זיינען פלוצלונג אראָפּ פון זייער מצב, מוז מען זיי אלץ נאָכגעבן, זיי זאָלן אזוי שווער ניט שפירן מיט אמאָל די אָרימקייט.

אונזער שמחה איז דעריבער זייער גרויס, וואס עס איז געגרינדעט געוואָרן ביי אונז די חברה מתן בסתר צו שטיצן די עניים בני־טובים, וואס זיינען געוואָרן יורדים מנכסיהם. עס איז א חוב קדוש אויף יעדן חבר אריינצוטראָגן לטובת החברה א באַשטימטע סומע געלט יעדן חדש לויט די תקנות החברה, כדי די חברה זאָל קענען ממשיך זיין איר ארבייט, העלפן די עניים ויורדים זיי זאָלן ניט אראָפּפאלן אין געלט און מוט און קענען אוועקשטעלן זייערע געשעפטן אויף א גוטן מצב, איידער זיי פאלן אום אינגאנצן.

אויף די בני החברה וועט מקוים ווערן וואס חז"ל זאָגן: „אר"י גדול העושה צדקה בסתר יותר ממשה רבינו, דאילו במ"ר כתיב כי יגורתי מפני האף והחמה, ואלו בעושי צדקה בסתר כתיב — מתן בסתר יכפה אף" (ב"ב ע"ב) און גאָט וועט אונז מציל זיין מכל גזירות רעות וכל מיני פורעניות, און מיר וועלן זוכה זיין צו זען בהקמת קרן עם ישראל, ווי דאָס פאָלק וועט זיך אויפשטעלן. אמן.

———:———

סח.

ליסוד חברת הכנסת אורחים

והוא יושב פתח האהל כחום היום וגו' וירא והנה
שלשה אנשים וגו' וירא וירץ לקראת וגו' אל נא
תעבור וגו'. (פרשת היום).

די תורה דערציילט אונז זייער פיל וועגן דער מדה פון הכנסת אורחים ביי אברהם אבינו, און שטעלט זיך אָפּ אין איינצעלהייטן וועגן די דריי מלאכים, וואס ער האָט אָנגענומען פאר מענשן און איז געלאָפן קעגן זיי, און זיי אריינגעבראכט אין הויז.

אייגענטלאך האָט אברהם אויך פריער זיך אויסגעצייכענט מיט מדת צדקה וחסד, אויך די פיל גרים, וואָס ער האָט אריינגעבראכט תחת כנפי השכינה, ווי די חז"ל דריקן זיך אוים אויף דעם פסוק „ואת הנפש אשר עשו בחרן" (מ"ר שם) און אלע זיינען ביי אים געוועזן אין הויז אויף זיין קאָסטן.

אויך געפינען מיר, די חז"ל טייטשן אוים דעם פסוק: „ויטע אשל בבאר שבע, חד אמר פרדם (פרוכט גאָרטן) שאל: „מה תשאל תאנים וענבים ורמונים? ר"נ אמר פונדק, מה תשאל עגולא, קופר, חמר וביעין" (מ"ר וירא). ער האָט אלע פארבייגייער געגעבן מיט הרחבה „עמד ובנה פלטרין גדולים על הדרכים והניח בו מאכל ומשקה, וכל הבא ונכנס אכל ושתה". (אבות דר"נ פ"ז).

פארוואס דערציילט עפּעס די תורה נאָר די מעשה וועגן דעם מיט די מלאכים?

נאָר פון דעם ענין מיט די מלאכים, קען מען זען אברהם׳ס גרויסקייט מער ווי פריער. אברהם איז שוין געווען אלט און שוואך פון דער אָפּעראַציע (מילה) וואס ער האָט געמאכט אויף זיך. — והוא יושב פתח האהל כחם היום — דאָך האָט ער אָנגעשטריינגט זיינע לעצטע קרעפטן און זיך געזעצט ביים טיר פון הויז אין די גרעסטע היץ יענעם טאָג, וואָס עס איז געווען „הוציא הקב״ה חמה מנרתיקה״ און געווארט אויף אורחים, כאָטש ער האָט אפשר גאָר געדאַרפט ליגן אין בעט, ווייל עס איז געווען יום שלישי למילתו.

וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו. ער האָט פלוצלונג דערזען דריי פּראָסטע מענשן. אמר רבי לוי, אחד נדמה לו בדמות סדקי (בעקער) ואחד בדמות נווטי (מאטראס) ואחד בדמות ערבי (אראבער). (מ״ר שם). דאָך — וירץ לקראתם. מיט די לעצטע קרעפטן איז ער געלאָפן זיי יאָגן, ווען זיי האָבן געוואָלט אַוועקגיין פון זיין הויז, ווען זיי האָבן געזען זיין „צערא דשרי ואסיר״ (דעם צער פון פארבינדן און אָפּבינדן דעם וואונד). ער האָט זיך ביי זיי שטארק געבעטן און זיי געבראכט אין זיין הויז און פאר זיי געמאכט א מאָלצייט ווי סעודת שלמה בשעתו (ב״מ פו).

די תורה וויל אונז מיט דעם לערנען, ווי גרוים עס באדארף זיין ביי אונז די מצוה פון הכנסת אורחים. מיר דארפן אָפּ־לערנען פון אברהם אבינו צו גרינדן אזעלכע חברות, ארויסצו־העלפן עלנדע, געדריקטע און הונגעריקע מענשן, וועלכע קומען אין א פרעמדן אָרט און האָבן ניט על מזון סעודה אחת. זיי דארפן געפינען אן אָרט אויסצורוען זייערע צעבראָכענע קער־פּערס, דערהאלטן זייערע נפשות מיט עסן און טרינקען, און מיט וואָס צו באקליידן זייערע נאקעטע לייבער.

דער ענין פון געבן עסן הונגעריקע מענשן שטייט נאָך הע־

כער פון געבן צדקה במזומן. די חז"ל דערציילן אונז אויף דעם אַ מעשה. ווען מען האָט געשיקט א פּאָר רבנים צו דעם גערט־לאכן מאן אבא חלקיהו, ער זאָל מתפלל זיין אויף רעגן, איז ער מיט זיין פרוי אוועק אין צוויי באזונדערע ווינקלען און דאָרט מתפלל געווען, האָבן די רבנים באמערקט, ווי די וואָלקנס האָבן פריער אָנגעהויבן גיין פון איר ווינקל — האָבן זיי אים געפרעגט, מיט וואס איז עס איר זכות גרעסער? האָט ער זיי געזאָגט: ווייל זיין פרוי גיט די אָרימע מענשן פארטיקע ברויט און צוגעגרייטע מאכלים, און שטילט זיי גלייך דעם הונגער, איך גיב זיי נאָר געלט, דארפן זיי נאָך ערשט גיין קויפן און דערוויל הונגערן זיי, דעריבער איז איר זכות גרעסער פון מיינעם. (תענית כג).

מיר דארפן זיך זייער משמח זיין, וואס מיר גרינדן איצט די חברה הכנסת אורחים, וואו הונדערטער אָרימעלייט וועלן אויפ־לעבן. זיי וועלן האָבן פארטיקע עסן און טרינקען און אַן אָרט פאר זייערע צעבראָכענע ביינער.

מיט דעם וואס מיר וועלן גרינדן ביי אונז די חברה הכנסת אורחים, וועלן מיר נאָך געווים ווירקן אויף אנדערע קהלות, וועלכע וועלן אונז נאָכטאָן אין די נאָבעלע טאָטן. מיר וועלן מיט דעם מאניפעסטירן פאר דער וועלט, אז מיר זיינען מזרעו של אברהם אבינו, וואס איז געווען דער עמוד החסד, ווי חז"ל זאָגן: „כל המרחם על הבריות הוא מזרעו של אברהם אבינו".

בזכות הצדקה וועלן מיר פארהיט ווערן פון שלעכטע גזרות און וועלן זוכה זיין לכל טוב וברכה מעתה ועד עולם. וגדולה צדקה שמקרבת את הגאולה, שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה.

———:———

סו.

בענין קמח פסח לעניים

באחד באדר משמיעין על השקלים.
(ירושלמי שקלים פ"א מ"א).

ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען על מכונו, און דאָס אידישע פאָלק איז רואיק געזעסן אין דער הייליקער לאנד, איז גע־ווען דער מנהג: באחד באדר משמיעין על השקלים. ראש חדש אדר פלעגט מען אויסרופען איבער'ן גאנצן לאנד, אז מען זאָל אויפ־מאָנען פון יעדן דעם מחצית השקל, וואָס יעדער איינער דאַרף געבן. „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל". פאר די שקלים פלעגט מען איינקויפן קרבנות צבור, און פון ראש חדש ניסן פלעגט מען די קרבנות-צבור מקריב זיין אויף דעם מזבח „מתרומה חדשה שהיא באה בניסן" (ירושלמי שם).

די שקלים פלעגט מען מאָנען זייער שטריינג. שלוחי-בית-דין פלעגן דאס גיין איינמאָנען, און ווען צום כ"ה אדר האָט נאָך איינער ניט באַצאָלט, כופין אותו עד שיתן, (שקלים, ירושלמי) פלעגט מען נויטן ביז יעדער האָט באַצאָלט.

עבדינן זכר למקדש — מיר באַדאַרפן מאכן אַן אנדיינקונג למקדש. עס איז א תקנה אין יעדער שטאָט, אז יע־דער תושב זאָל געבן אויף קמח פסח, מען זאָל פון דעם אָנגרייטן מצות פאר אָרימע מענשן. די נכבדי עיר ועיר גייען ארוים און מאָנען פון יעדערן לפי ערכו ומצבו, און מען צעטיילט דאס געלט

פאר אָרימע אויף פסח, און דאס איז דער זכר צו די קרבנות צבור, וועלכע מען פלעגט איינקויפן פאר די מחצית-השקל געלט.

די תקנה פון קמחא לפסחא איז זייער אָנגענומען בכל תפוצות ישראל, און יעדער ברייגגט זיין באַשטייערונג זייער גערן. מען דארף גאָר ניט ריידן וועגן דעם פון בימה און מען דארף ניט דערמאנען. יעדער איינער ווייס אז עס איז א חוב קדוש און גיט מיט שמחת הלב. יעדער פילט, אז ווען ער וועט זאָגן פסח צום סדר „כל דכפין ייתי ויפסח — וועט ער ניט זיין קיין דובר שקרים, ווייל ער האָט געגעבן זיין חלק פאר די אָרימע מענשן אויף מצות לעניים, און דערמיט זיי איינגעלאדן אויף פסח. מען ווייס אויך, אז מיט דעם טוט מען א זכר למקדש, ווען מען האָט איינגעקויפט פאר שקלים די קרבנות צבור.

לײדער, אין די לעצטע יאָרן איז אין דעם אריינגעטראָטן א שינוי. מען גיט שוין ניט אזוי גערן, און מען דארף וועגן דעם ריידן פון בימה. עס קומט אוים ווי די מליצה פון חז"ל: „לחם עוני — אמר שמואל שעונים עליו דברים הרבה" (פסחים לו). מען מוז פיל ריידן און ערקלערן די נויטווענדיקייט פון דער מצוה און דעם ביטערן מצב פון די מקבלי הצדקה.

מיר דערמאנען איצט יעדן פאר פסח, ער זאל וויסן זיין הייליקן חוב און געבן אויף קמח עניים נאָך דער הערכה וואס די נכבדים וועלן מאכן. יעדער דארף ניט פארגעסן פון דער תקנת הגאונים הראשונים וואס איז מקובל געוואָרן פון פיל דורות. יעדער דארף געדיינקען, אז אפילו זיין מצב הפרנסה איז א גע־דריקטער, מוז ער אויך געבן צדקה, ווי חז"ל זאָגן: „דרש ר' עוירא אם רואה אדם שמזונותיו מצומצין יעשה מהם צדקה" (גיטן ז). יעדער דארף נעמען אין אכט די באַטריבטע לאגע פון

דעם אָרימען מענשן, ווי שלעכט עס איז אים א גאנץ יאָר, און בפרט ווען עס קומט דער הייליקער יום טוב פסח, ווען די הוצאות אויף די הכרחיות זיינען דאָפּלט.

ווען מיר וועלן העלפן די אָרימע און געדריקטע, וועלן די מצות צדקה אונז באשיצן פון אלע גזרות רעות, און מיר וועלן זוכה זיין צו דער גאולה שלמה, וואָס „בניסן נגאלו ובניסן עתידים להגאל" (ר"ה יא) במהרה בימינו, אמן.

סז.

לאספה של רבנים

בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל.
(דברים ל"ז).
כנוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם.
(סנהדרין ל).

אין פיל תקופות פון פריערקע צייטן, געפינען מיר, פלעגן זיך צוזאמענקלייבן די ראשי עם וגדולי אומה הישראלית אין באשטימטע ערטער און דארט זיך מיישב זיין און זוכן עצות אין ענינים רוחניים, וואס זיינען נוגע דעם כלל ישראל, ווי חזוק התורה והדת, ווי אויך וועגן ענינים כלליים, ווי וועגן דעם עקאָ־נאָמישן און פאָליטישן לעבן פון פאָלק.

די אספות האָבן געשאפן די נויטיקע תקנות פאר'ן פאָלק צוגעפאסט צו יעדער צייט. אזוי געפינען מיר פיל תיקונים, סיגים, גדרים, וועלכע זיינען ארויסגעטראָגן געוואָרן פון די אספות, אין ענינים הנוגעים בשמירת התורה והדת, וואס מען האָט געמוזט מחמיר זיין כדי צו פארהיטן, מען זאָל ניט מקיל זיין אין איסורי תורה.

צום ביישפיל: די י"ח דבר (אכצן גזרות) אין די צייטן פון שמאי והלל, וואס איז אָנגענומען געוואָרן דורך תלמידי בית שמאי (רבו בית-שמאי על בית-הלל) (שבת י"ג). די דאָזיקע גזרות האָט מען געמוזט אָפהיטן מיט די גרעסטע שטריינקייט, ווי מיר געפינען: „בכל יכול בית-דין לבטל דברי בית-דין חברו חוץ מי"ח דבר שאפילו יבוא אליהו ובית-דינו אין שומעין לו" (ע"ז

ל"ו). ווייל די י"ח דבר איז ביי זיי פארגעקומען מיט גרוים מסירת נפש, ווי עס איז געזאָגט: „עמדו להם בנפשותם". (שבת יג).

אין די י"ח דבר ווערן גערעכנט: עניני טומאה וטהרה, טהרת המשפחה, איסור בנות כותים, פתם, שמנם, יינם, אויך אסורי שבת. אלץ אזוינע זאכן, וואס דאָס פאָלק האָט זיך ניט אָפגעהיט און מען האָט געמוזט זייער שטארק מחמיר זיין, דאס פאָלק זאָל עס אָפהיטן.

מיר געפינען אויך: שמעון בן שטח תיקן כתובה לאשה וגזר טומאה על כל מתכות. (שבת יד). ער האָט געזען, ווי די פרויען ווערן זייער גרינג געשעצט און מען טרייבט זיי ארויס פאר יעדער קלייניקייט, האָט ער מתקן געווען, מען זאָל זיי דארפן געבן כתובה (א סומע געלט) און דורכדעם ווען די מע־נער זיך אָפהאלטן זיי צו גט'ן.

שפּעטער האָט מען גוזר געווען: שלא ילמד אדם את בנו חכמת-יונית. ווייל דאמאָלסט איז מען געווען איבערגעגעבן צו די גריכישע פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געפירט צו כפירה בדת ואמונה, האָט מען געמוזט גוזר זיין ניט צו לערנען אינגאנצן די חכמה.

אין דער תקופה פון רבינו גרשום מאור הגולה (רגמ"ה) האָבן די חכמי הדור ארויפגעלייגט תקנות און חרמים וועגן פיל ענינים, וועלכע די מאסן פון פאָלק האָבן ניט אָפגעהיט, און די חרמות דרבינו גרשם אויף פיל זאכן ווערן ביי אונז אָפגעהיט ביז היינטיקן טאָג.

נאָך שפּעטער (ש"ז לפ"ק) איז געגרינדעט געוואָרן דער ועד ד' ארצות, (אַ צוזאמענשטעלונג פון גאונים פון אלע לענדער), וועלכער האָט זיך געצויגן ביז תקכ"ב. אין דעם ועד זיינען געווען פארטראָטן כל גאוני עולם, ווי המרש"א, מהר"ם, הט"ז, הש"ך

און נאָך גאונים. דער ועד פלעגט צוזאמענקומען אין פאַרשידענע שטעט און דאָרט באַטראַכטן וועגן אלע עניני היהדות, וועגן חזוק הדת, ווי אויך וועגן ענינים כלליים, וועגן מסים וארנוניות וואָס די מלוכות פלעגן ארויפלייגן אויף די אידישע קהלות, וועגן שינוי בגדים, וואס די מלוכות האָבן גוזר געווען אויף אידן.

אזוי זיינען שטענדיק די גדולי האומה געווען צוזאמענגע־בונדן און געזוכט עצות לטובת הכלל. יעדע אספה האָט געהאט אַ גרוים באַדייטונג פאַר אונז, ווייל עס זיינען ארויפגעבראכט געוואָרן אלע אָנגעווייטאָגטע שאלות, פון וועלכע דאס פאלק האָט געליטן, און עס זיינען געזוכט געוואָרן וועגן ווי זיי צו באשיידן.

נאָך מער איז אן אספה פון רבנים נויטיק ביי היינטיקער צייט. דער קרן התורה איז ליידער זייער נידעריק. עס לערנען נים קיין עלטערע מענשן און יונגע — געווים נים. די כחות ווערן פארוועגדעט אויף פרעמדע בילדונג. מען לאָזט אוועק דעם איי־גענעם גאָרטן, און מען זוכט פרעמדע. ווי דער משורר זאָגט: „שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי", מיין גאָרטן פון תורה ומצות האָב איך נים געהיט, נאָר פרעמדע, טרוקענע און ליידיקע גערטנער. אלע עניני הדת והאמונה, אויף וועלכע אונזערע עלטערן האָבן זיך מוסר נפש געווען, זיינען ביי אונז געוואָרן גרינג. אין די פריערדיקע דורות זיינען אין אונזערע היי־זער געווען ליכטיק מיט תורה ויראת שמים, עס האָבן אין יעדן הויז געשיינט די אלטע מנהגים. אלט און יונג זיינען געווען פאר־בונדן מיט דעם הייליקן גייסט, מען האָט נים פארמאָגט קיין עזות, אָפּצושוואכן דעם קלענסטן מנהג ביים פאָלק.

אָבער איצט, ווי ביטער דער מצב הרוחני איז ביי אונז! עס פארגליווערט דאס בלוט זעענדיק די הפקרות און פריצות וואָס הערשן ביי אונז. מען האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן די

מסורת אבות, די הפקרות געוועלטיקט אין אלע בתי ישראל און די סכנה איז זייער גרוים.

אין אזא שרעקלאכע צייט איז אן אספה פון הרבנים, וואס זאָלן שטיין אויפ׳ן וואך און געבן השגחה אויף די יסודי־הדת, איינע פון די וויכטיקסטע זאכן ביים פאָלק. זיי, די גדולי התורה והיראה, די שומרי החומות, וועלן אפשר ווען זיי וועלן זיין צוזאַ־מענגעבונדן, לעשן דעם פייער און ארויסרעטן די טייערע חפצים, די סגולות האמה, מיט די נפשות צוזאמען.

מיר דארפן דעריבער באגריסן מיט גרוים פרייד די פארזאמ־לונג פון די רבנים אין אונזער געמיינדע. מיר דארפן זיך באמיען, אז זייער אנשטריינגונג זאל געקרוינט ווערן מיט ער־פאָלג, זיי זאָלן ווירקן אויף אונזער פאָלק און אויפהויבן דעם מצב הרוחני ביי אונז. דאמאָלט וועלן מיר קענען ריכטיק זאָגן „כנוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם", און עס וועט זיין ווי דער נביא זאָגט: „ובנו ממך חרבות עולם" — דורך דעם כנוס הרבנים וועלן אויפגעבויט ווערן אלע חורבות, וואָס די וועלט האָט חרוב געמאכט (די תורה ואמונה). ומוסדי דור ודור תקום — אלע פעסטונגען פון דת ויהדות וועלכע זיינען צעבראָכן געוואָרן, וועלן אויפגעשטעלט ווערן דורך די שומרי החומות, די גדולי־הרוח, וועלכע בינדן זיך צוזאמען, און מיר וועלן געוויס קענען זאָגן „כנוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם".

———:———

סח.

ביסוד תפארת בחורים

עתידים בחורי ישראל שיתנו ריח כלבנון שנאמר ילכו יונקותיו ויהי כזית הודו וריח לו כלבנון.
(ברכות מ"ג).
דרש רבא, הדודאים נתנו ריח אלו בחורי ישראל.
(עירובין כא).

יעדער איד, ביי וועמען עס ברענט נאָך א פונק ליבע צו אונזערע הייליקייטן, צו אונזער תורה ואמונה, פילט טיף אין הארצן דעם ווייטאָג, זעענדיק ווי אונזער אידישע יוגנט ווערט וואס ווייטער אלץ מער אָפּגעפרעמדט און דערווייטערט פון אידישן קוואל, פון דער אידישער תורה, און הויבט אָן צו גיין אויף אזעלכע וועגן, וואס פארשאפן קריינקונג דעם אמת'ן אידן. עס הויבן זיך אָן צו דערוועקן פעסעמיסטישע מחשבות וועגן דעם צוקונפט פון אונזער פאָלק, ווען איר יוגנט דערווייטערט זיך אזוי פון אים.

גאנץ געווים וואָלט יעדער איד וועלן זעען אונזער יוגענט דורכגעדרונגען מיט דעם טראַדיציאָנעלן גייסט, נאָנט צו תורה ואמונה. אבער דער ווילן אליין קען גאָר ניט אויפטאָן. נאָר מעשים קענען פירן צו דער מטרה.

ווי גרויס, דעריבער, דארף זיין אונזער פרייד, ווען מיר האָבן זיך דאָ צוזאמענגעקליבן גרינדן א חברה תפארת בחורים, א וויכטיקע און הייליקע אינסטיטוציע, וואו דער יונגער אידישער ארבייטער און אָנגעשטעלטער וועלן אויפגענומען ווערן מיט ברייטע אָרימס. דאָרטן וועלן זיי מיט פארשטאַנד און ליבע גע-

פירט ווערן אין דעם אידישן וועג, און גלייכצייטיק אָפּגעצויגן ווערן פון פאַלשע וועגן, וואו די הפקר גאס ציט אים מיט א שטאַרקן כח.

אונזער איצטיקע פארזאמלונג איז אן ענטשידענער ווענד־פונקט אין לעבן פון דער דאָזיקער חברה. קיינער טאָר ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דער אספה, אלע מוזן צולייגן א ציגל צום הייליקן בנין, דער בנין פאַר׳ן אידישן גייסט, די — תפארת בחורים.

די מוסטערן פון אזעלכע חברות האָבן אונז געוויזן דייט־לאך, וויפיל זיי האָבן אויפגעטאָן פאר די יונגע חברים. די בחורים האָבן אין זיך אָנגעזאפּט פיל ידיעות אין למוד־התורה והנהגות ישרות. די יונגע לייט זיינען געוואָרן ווי ניי געבאָרענע מיט זייער איידעלן רעליגיעזן גייסט און מיט זייער דרך ארץ. מען קען זאָגן ריכטיק די ווערטער: את הנפש אשר עשו בחרן, דער־קלערט תרגום אונקלוס, דשעבידו לאורייתא.

אויך די חז״ל האָבן שוין דערמאנט, ווי וויכטיק עס איז אזוינע חברות: עתידים בחורי ישראל שיתנו ריח כלבנון. אין לבנון וואקסן די פעסטע ארזים מיט די שטאַרקסטע וואָרצלען, און עס הערט זיך פון זיי א געשמאקער ריח און זייער אויסזען איז שיין. דאָס זעלבע איז אויך מיט די יונגע בחורים. אויסגע־וואקסענע ווי די צעדערבוימער, זיינען זיי ביז איצט געווען פאר־טריקענט, אָן לחלוחית פון תורה ויראת שמים, אזוי אז דער ריח היהדות האָט זיך אינגאנצן אויפגעהערט צו הערן, אבער דורך די „חברות" אין וועלכע זיי וועלן געפינען זייער שוץ, וועלן זיי טרינקען פון מעין חיים, ריינע קוואל־וואסער פון תורה ויהדות, דאמאָלט וועלן זיי אויפסניי אָנהויבן בליען און וואקסן, און די פארטריקענטע וואָרצלען וועלן אָנהויבן ארויסשפּראָצן. ילכו יונקותיו — די יונגע צווייגן וועלן זיך פארנאַנדערוואקסן ויהי

כזית הודו — ווי אַן אײלבערטבוים וועט זיין זיין שיינקייט. עס וועט פון זיי פליסן בוימייל. וריח לו כלבנון — און דער ריח התורה וועט פון זיי שמעקן.

מיר קענען זיכער האָפן, אַז די יונגע בחורים וועלכע וועלן אַריינגענומען ווערן אין חברה, וועט אויף זיי מקוים ווערן דער פסוק (איוב יד). כי יזקין בארץ שרשו, — ווען עס איז שוין אַלט און פאַרטריקענט געוואָרן דער וואָרצל — מריח מים יפריחו — וועלן אויפסניי אויפלעבן פון תורה ויראת שמים (אין מים אלא תורה), וואס זיי וועלן לערנען אין „תפארת בחורים". ועשה קציר כמו נטע — עס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן גוטע פרוכט מיט דעם ריינעם געשמאַק, ווי די חז"ל זאָגן: הדודאים נתנו ריח — אלו בהורי ישראל.

———:———

סט.

שמירת-שבת

ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם ברית עולם, ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם וגו׳. (שמות).

אלע אונזערע ימים-טובים, ווען מען היט זיי אָפּ ווי דער דין תורה, האָבן אין זיך דעם קראַפט צו ווירקן אויף אונזערע זין און טעכטער אין דעם זין פון מסורת אבות. צו לייטערן זייערע זיטן, שטארקן זייערע אידעאלן און דאמיט זיי בינדן צו אונזער פאָלק מיט זיינע הייליקייטן. נאָך גרעסער איז די קראַפט פון שמירת שבת, ווען מען היט עס אָפּ ווי דער דין-תורה. מען קען זיכער זאָגן, אז שבת איז די נשמה פון אידישן פאָלק.

דאָס האָבן גוט פארשטאַנען אונזערע פיינט און פארפאָלגער. זיי האָבן אונז געוואָלט אויסראָטן פון דער וועלט, און האָבן די ערשטע זאך גוזר געווען ניט היטן דעם שבת, און גענויט די אידן דעם טאָג מחלל צו זיין. אונזערע עלטערן האָבן דאָס אָבער אויך פארשטאַנען, און האָבן זיך מוסר נפש געווען פאר די הייליקייט פון שבת, ווי דער מדרש דריקט זיך אוים: „על מה אתה יוצא לסקל (בגזרת השמד) על ששמרתי את השבת“. דער שבת איז ביי אונז אויף שטענדיק פארבליבן צוזאמענגעקניפט מיט׳ן פאָלק אות היא לעולם — ביני ובין בני ישראל.

דער שבת איז ביי אונז ווי א טרייע מוטער, אן אם רחמניה, וועלכע באשיצט איר קינד, דעם עלענדן און פארפאָלגטן, געגן

זיינע באטריגער, ביז ער געפינט פאר זיך א מקום מנוחה, וואו ער רוט זיך אָפּ און לעבט אויף מיט זיינע געפילן. דער שיינער אידישער לעבן דורות-לאנג, האָט געצויגן זיין יניקה פון דעם הייליקן קוואל, וואס דער הייליקער טאָג שבת האָט געמאכט פליסן אין אידישע הערצער.

וועגן דעם אחריות פון שמירת שבת און וועגן דעם שטראָף פאר מחלל זיין איז זייער פיל אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תורה וספרי הנביאים. די חז"ל זאָגן: „כל המחלל שבת כאלו עובד עבודה זרה“. (חולין ד).

אונזערע עלטערן, אין די פריערדיקע דורות האָבן זייער אָפּ-געהיט די הייליקייט פון שבת. יעדער האָט גוועאוסט, אז פון די גרעסטע טרדות פון וואָכנדיקע טעג (ששת ימי המעשה) מוז מען זיך שבת אינגאנצן אָפּהאלטן, גלייך ווי עס וואָלט קיין זאך ניט עקזיסטירן. מען דארף ניט ריידן וועגן מסחר און זאָגאר אין מחשבה ניט האָבן וועגן דעם. יעדער איד איז געווען דורכ-געדרונגען מיט די פארזאָגן: „זכור, שמור את יום השבת לקדשו — ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, וביום השביעי שבת וגו' לא תעשה כל מלאכה, אתה ובנך ובתך וגו'“. דער טאָג שבת דארף זיין אָפּגעגעבן נאָר אויף ענינים-רוחניים, שבת לד' אלקיך, פול מיט הייליקע געפילן, אפילו די בעלי-חיים דאַרפן אויך רוען שבת פון ארבייט.

ווער איז אימשטאַנד צו שילדערן די הייליקייט און ליכ-טיקייט פון דעם שבת, וואס האָט באהערשט אלע אידישע הייזער אין פריערדיקע דורות? ווער קען גאָר ארויסגעבן דעם פארגעניגן און תענוג רוחני, וואס יעדער איד האָט געהאט דעם גאנצן מעת-לעת פון שבת?

אָבער צו אונזער גרוים באדויערן, וואס זעען מיר איצט? דער שבת איז געוואָרן אזוי וואָכעדיק, אז מיר שפירן אים גאָר

ניט. דער טאָג איז ביי אונז מחולל, אזוי ווי אנדערע וואָכעדיקע טעג. אלע געשעפטן, אלע מיני ארבייט, ווערן אָפּגעטאָן אום שבת. סיי אלט און יונג ווילן גאָר ניט וויסן און געדיינקען פון דעם הייליקן שבת. אלע פארוויילונגען, טעאטערס ווערן דוקא אָפּגעשטעלט אויף דעם טאָג פון שבת.

ווען מיר קוקן זיך צו אויף דעם חלול שבת, וואס הערשט ארום אונז, ציטערט אויף אונזער הארץ. דער פרומער איד, ביי וועלכן עס ברענט נאָך דער פונק פון יראת שמים, ווי קען ער צוזען די מעשים תעתועים, וואס ווערן אָפּגעטאָן אין אזא הייליקן טאָג? וואו איז עס אהינגעקומען די קדושת השבת, וואָס איז געוועזן פול אין שטוב און גאַס?

מיר דארפן זיך גוט באטראכטן, וואו מיר האלטן במצב הרוחני אין אלגעמיין און אין הייליקייט פון שבת בפרט. מיר דארפן זיך אומקערן צו דעם ריינעם אידישן שבת ווי אמאָל, במעשה, מיר באדארפן ליב האָבן דעם שבת און אים היטן.

ווען מיר וועלן דאָס טאָן, מיר וועלן באמת אכטן און שעצן דעם שבת, וועט די קדושה פון טאָג אָנפילן אונזערע הייזער, אונזערע הערצער, עס וועלן דערוועקט ווערן אין אונז די היי־ליקע רוממות הנפש ווי אין אמאָליקע צייטן.

שמירת שבת וועט פאר אונז אויך ברענגען א פארבעסע־רונג אין אונזער עקאָנאָמישן לעבן און וועט אונז מקרב זיין די גאולה. עס וועט זיין ווי דער נביא זאָגט: „והיה אם שמע תשמעו וגו׳ לקדש את יום השבת וגו׳ ובאו בשערי העיר הזאת וגו׳ וישבה העיר הזאת לעולם“ (ירמיה י״ז כה) און ווי די חז״ל זאָגן: „אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלון.“

———:———

ע.

בטהרת משפחה

אמר הקב"ה רביעית דם נתתי בכם, על עסקי דם הזהרתי אתכם. (שבת ל"ב).

צו די הארבע זאכן, אין עניני הדת, וואָס אונזער פאָלק היט ליידער ניט אָפּ אין די צייטן, ווי חלול שבת ויום טוב, מאכלות אסורים א. א. וו., מוזן מיר אויך צורעכענען דעם ענין פון טהרת אשה לבעלה. מיט דער טהרת המשפחה האָבן מיר זיך שטענדיק אויסגעצייכענט קעגן אלע אומות. אונזערע פרויען האָבן אָפּגע־היט זייער חוב מיט די גרעסטע שטרייננקייט, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס: „בנות ישראל החמירו על עצמם שאפילו רואות טפת דם כחרדל יושבות עליה ז' נקיים (נדה ס"ז).

אונזערע מוטערס פון די פריעריקע דורות האָבן געוואוסט דעם אסור כרת, וואָס ליגט אויף זיי, אויב זיי היטן ניט אָפּ די דיני טהרה. זיי האָבן זיך טאקע אָפּגעהיט, און אויסגעמיטן זיך און זייערע מאנען צו ארייננבריינגען אין דעם גרויסן אסור, וואָס לויט די חז"ל, ווערט די פרוי מיט דעם פאררעכענט „עוברת על דת משה (כתובות ע"ב).

אונזערע מוטערס האָבן אויך געוואוסט פון דער גרויסער סכנה, וואס זיי שטייט פאָר, ווען מען היט ניט אָפּ די דיני טהרה, ווי די חז"ל זאָגן: „על שלש עברות נשים מתות בשעת לידתן, על שאינן זהירות בנדה וחלה והדלקת הנר (שבת לא). זיי האָבן זיך און זייערע מאנען אויסגעהיט פון דעם געפאָר.

אונזערע מוטערס האָבן געפילט, אז די דריי מצות, נדה,

חלה, הדלקת הנר זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן פאר זיי, און זיי האָבן גוט געוואוסט, אז אויב זיי וועלן ניט היטן זייערע מצות, וועלן זיי האָבן דעם שווערן שטראָף בידי שמים, ווי די חז״ל זאָגן אויף דעם: „היא קלקלה בחדרי בטנה (ווען מען היט ניט די דיני טהרה פון דם-נדה) תלקה בחדרי בטנה. חלה והדלקת הנר — אמר הקב״ה רביעית דם נתתי בכם — על עסקי דם הזהרתי אתכם; ראשית קראתי אתכם — על עסקי ראשית הזהרתי אתכם; נשמה שנתתי בכם וכו׳ קרויה נר וכו׳ אם אתם מקיימים אותם מוטב, ואם לאו הריני נוטל את נשמתכם (שם).

און מיר קענען ניט אָפלייקענען, אז היטענדיק די מצות, זיינען אונזערע מוטערס געווען שטענדיק געזונט און קרעפטיק. זיי האָבן ניט געוואוסט פון אזעלכע מחלות, וואס פרויען ליידן איצט, און וועלכע ברייינגען זיי אין די גרעסטע סכנות.

אין אונזערע צייטן ווערן די דיני טהרה בין אשה לבעלה זייער שוואך אָפגעהיט. די עניני חלה והדלקת הנר מיידט מען אוים גאָר אינגאנצן. די פרויען ווייסן ניט און גלויבן ניט אין דעם שטרייננגן שטראָף, וואס די תורה האָט אויף זיי ארויפגע־לייגט, אבער אלץ וואס אין דער תורה ווערט מקוים. מען מוז וועקן די פרויען, און זיי אָנזאָגן, זיי זאָלן שטענדיק געדיינקען זייער הייליקן חוב און אָפהיטן די חקי הצניעות.

מיר דארפן זיך ווענדן צו זיי און זאָגן:

איר, נשים שאננות, דארפט זיך באטראכטן, אז מיט דעם וועג, וואס איר גייט איצט, וועט איר ניט דורכגיין אייער וועלט. אויב עס לעבט נאָך א פונק פון אידישקייט אין אייערע הער־צער, מוזט איר אויסבעסרן אייערע שלעכטע מעשים. דערמאנט זיך אָן אייערע מוטערס, די נשים כשרות, וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען פאר די דיני־טהרה און זאָגאָר פאר די מנהגים. אונ־

זערע מוטערס זיינען געווען טהורות, זיי האָבן דורכדעם באַ־לויכטן אונזער פאָלק און אים באַשיינט קעגן אנדערע נאַציאָנען. איר דאַרפט איצט מיט אייערע אויפפירונגען ניט וואַרפן קיין שמוץ אויף זיי.

איר באַזוכט אמאָל קברי אבות, איר קומט אויף די קברים פון אייערע הייליקע מוטערס בעטן פאַר אייך מיט אייערע קינ־דער. געדיינקט זשע, אויב איר גייט ניט נאָך די אלטע הייליקע טראַדיציעס, וואָס אייערע מוטערס האָבן געפירט, און איר ווילט גאָר ניט וויסן פון זיי, האָט גאָר קיין זין ניט דאָס בעטן.

זעט, טוט זייער רצון, פירט זיך אויף ווי כשר'ע אידישע טעכטער, ווי די מאַמעס האָבן אייך געלערנט, דאַמאָלט וועלן זיי ממליץ זיין פאַר אייך ביים כסא הכבוד, און גאָט ברוך הוא וועט שיקן געזונט און הצלחה פאַר אייך און אייערע משפחות, און אייערע הייזער, וועלן זיי ריינע אידישע הייזער מיט בנים כשרים, וואָס וועלן ברענגען שטאָלץ און שיינקייט צום אידישן פאָלק.

עא.

להתמנות רב

מעשה רוקם — תנא משמי׳ דר׳ נחמי׳ פרצוף אחד. (יומא ע״ב).
מעשה חושב — ר׳ יהודא ור׳ נחמי׳, חד אמר מעשה חושב, ארי מכאן וארי מכאן; וחד אמר — ארי מכאן ונשר מכאן.
(ירושלמי שקלים פ״א).

די פארשידענע מיינונגען פון די חכמי התלמוד וועגן דער ארבייט פון די בגדי כהונה, וואס פאר א פרצוף עס איז געווען אויסגעוועבט פוןביידע זייטן, גיט אונז א קלאָרן געשטאַלט און א ריכטיקן באגריף פון דעם כהן גדול, דעם פאָרשטייער פון אידישן פאָלק, ווי עס האָט אויסגעזען זיין האלטונג און זיין אלגעמיינע אויפיפרונג. ווי די חז״ל זאָגן אויף דעם פסוק: „ולבש מדי בד — מדה כמדתו״, ווען דער כהן גדול האָט אָנגעטאָן די בגדי כהונה האָט זיך אָפגעשפיגלט זיינע מדות און מעלות. יעדער בגד האָט געוויזן אויף א באזונדער מדה טובה, און אויף וואס פאר א תכלית דער בגד איז.

די זעלבע פארשידענע מיינונגען וועגן מעשה חושב ומעשה רוקם, גיבן אונז צו פארשטיין וועגן דער הנהגה פון כהן גדול, און זיין ווירקונג אויף דעם כלל ישראל. ארי מכאן ומכאן. דער לייב איז דער מלך שבחיות, ער איז באשאָנקן בכח הגבורה. ער שרעקט זיך ניט אָפ פאר קיינעם, ער שטאָלצירט מיט זיין העלדן-מוט, דאס גלייכן דארף זיין די תכונה פון כהן גדול, אלס פאר-שטייער פון פאָלק, — ארי מכאן ומכאן פרצוף אחד. יעדער פון

פאָלק קען זיך האָבן זיין אייגנארטיקן פּרצוף, אָבער דער פּרצוף פון כהן גדול דאַרף זיין פּרצוף אחד און פון אַן ארי, ניט קיין חניפה, ניט קיין צביעות און ניט בויגן זיך פאַר קיינעם. ער דאַרף זיין אויסגעצייכנט מיט מעלות ומדות טובות. ריין און זויבער פון שמוץ און פלעקן (ולא ימצא רבב על בגדו). ער דאַרף מדריך זיין דאָס פאָלק בדרך התורה והמצוה ווי עס איז געשריבן: „כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ד׳ צבאות הוא." זאָגן די חז"ל: „אם הרב דומה למלאך ד׳ תורה יבקשו מפיהו". אויב דער כהן גדול איז אליין אויסגעצייכנט מיט מדות טובות, דאַמאָלט קען ער ווירקן אויף דעם פאָלק, און זיינע רייד ווערן אָנגענומען ביי אַלע שיכטן.

אויב עס קומט אָבער אַ צייט, ווען דאָס פאָלק איז פאַרבראָכן אין פּריצות און הפקרות, דאַרף דער ראש-העם (כהן-גדול) זיין ארי מכאן ומכאן — שטאַרק ווי אַ לייב אין אַלע זייטן. ער דאַרף שטרייטן פאַר׳ן אמת און קיינעם ניט נושא פּנים זיין. ער מוז ווייזן זיינע כחות „גבור כארי לעשות לשם ד׳ ולעמוד בפּרץ".

דער אַנדערער זאָגט: „ארי מכאן ונשר מכאן — שני פּרצופים" — אין די ענינים רוחניים, ווען דאָס פאָלק איז פאַרדאָרבן און דער כהן-גדול (מנהיג העדה) זעט, אַז דער חלול השם איז גרויס, מוז ער זיין ארי מכאן, שטאַרק ווי אַ לייב, ווייזן זיין גבורה לשם התורה והאמונה, ערקלערן דעם פאָלק די שלעכטע מעשים און זייער פאַרברעכן, אָנווענדן מוסר ותוכחה, ביז דאָס פאָלק בעסערט זיך.

דאָס איז בין אדם למקום. אָבער בין אדם לחברו, דאַרף ער זיין נשר מכאן. אַזוי ווי אַן אָדלער איז אַ רחמן בטבעו, ווי די חז"ל זאָגן אויף דעם פּסוק: „כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף". דער אָדלער גייט ניט אַריין פּלוצלונג אין נעסט, כדי ניט צו

דערשרעקן זיינע קליינע קינדער, נאָר ער שוועבט פריער רואיק, שטיל, אויך ווען עס קומט א שונא, נעמט ער די קינדער אויף זיינע פליגען און באשיצט זיי.

דאָס גלייכן דארף דער כהן גדול זיין א רחמן. ניט ווארפן קיין שווערע לאסט אויפ׳ן פאָלק, מקרב זיין יעדן איינעם מיט גוטע רייד, אכטן די געדריקטע, עלנדע און פארשטיין יעדנס פארלאנג.

נאָכ׳ן חורבן הבית פארנעמען די רבנים די ערטער פון די כהנים גדולים. יעדער רב אָדער מנהיג דארף דעריבער האָבן די תכונה: ארי מכאן ומכאן. פרצוף אחד. ניט קיין חניפה צו די תקיפים, ניט קיין נשיאת פנים צו רייכע. ער דארף באזיצן די דרייסטקייט זאָגן דעם ריינעם אמת, און שטראָפן דעם, וואָס טוט שלעכט. ער דארף אבער אויך זיין — נשר מכאן. א רחמן, א מקרב, האָבן איינזעעניש מיט די געדריקטע, משפיע זיין מען זאָל זיי העלפן, און זען אז יושר און רחמים זאָל הערשן אין גע־מיינדע.

אויך דאָס מוז וויסן יעדער רב און מנהיג, ווען ער ווערט אויסגעקליבן פאר א מנהיג אין זיין עדה. אזוי ווי ביי דעם כהן גדול ווערט געזאָגט: „ועשות בגדי קודש וגו׳ לכבוד ולתפארת ונשמע קולו בבואו אל הקודש לפני ד׳ — ובצאתו“ (שמות כ״ה). די בגדי כהונה דארפן זיין צוגעפּאסט פאר אים אין אלע הינ־זיכטן, דאמאָלסט איז דאס לכבוד און ונשמע קולו בבואו אל הקדש. זיינע רייד ווערן אָנגענומען אין אלע עניני קודש. אזוי אויך די רבנים. אויב דער רב באזיצט אלע אייגנשאפטן און איז פּאסיק צו זיינע בגדי כהונה — דאן — ונשמע קולו, זיין שטימע ווערט אָנגענומען און געאכטעט ביים פאָלק.

צו אונזער פרייד איז ביי דעם רב וואס מיר קלייבן איצט אוים געפינען זיך אלע מעלות. ער איז ראוי לאותו איצטלא, הן כתורה והן בחכמה און די קהלה דארף זיך פילן גליקלאך, וואָס ער ווערט איר מנהיג.

און עס וועט געווים זיין ונשמע קולו. איר וועט אים אכטן און שעצן און העלפן אין זיין ארבייט — מלאכת הקודש.

———:———

עב.

בענין מחלוקת ושנאת חנם

פוטר מים ראשית מדון ובטרם התגלע הריב נטוש
האי תיגרא דמיא לבידקא דמיא כיון דרוח רוח.
(סנהדרין ז).

עס איז איבעריק אויפצואווייזן מיט פאקטן ווי שעדלאך עס איז פאר יעדן יחיד מחלוקת ושנאת חנם און נאכמער ווען אן אלגעמיינע מחלוקת ווערט צופלאקערט אין א שטאט, אין וועלכע עס ווערן ארייננעצויגן די שענסטע מענשן פון דער קהלה.

אין דער תורה איז דייטלאך באשריבן מחלוקת קרח ועדתו, וועלכע האט געבראכט אן אומגליק אויף זיין קאמפאניע און אויפ'ן גאנצן פאלק. די מחלוקת איז ארויסגעקומען צוליב שנאת חנם. זיי האבן ניט פארגונען משה ואהרן די כהונה און גדולה, און דורך דעם שנאת חנם זיינען זיי דאס פארפירט גע־ווארן און אויסגעזוכט טענות קעגן משה ואהרן.

ענלאכע מיני מחלוקת געפינען מיר אויך אין די נביאים, אין דער צייט פון מלכי ישראל ויהודה, ווי אויך שפעטער בזמן בית שני. די חז"ל דריקן זיך אוים: „מקדש שני מפני מה חרב — מפני שהיתה בו שנאת חנם" (יומא ט). און ווי עס ווערט נאך דערציילט אין תלמוד „א קמצא ובר קמצא הרב ירושלים", א מעשה, וואו שנאת חנם האט געבראכט צו חורבן־ירושלים. אזוי איז אויך פארלאפן אין פיל תקופות, וואו שנאת חנם, אן קיין שום אנדערע סיבה, האט געבראכט צו מחלוקת, ביי וועלכע די

גרעסטע מענשן פון פאָלק זיינען געוואָרן מוסרים און אָנגעטאָן פיל צרות דעם כלל.

און די פּראַקטיק פון יענע צייטן האָט אונז באוויזן, אז יעדע מחלוקת נעמט זיך פון אָנפאַנג פון גאָר קליינע סבות, וועלכע מען קען לייכט פאַרהיטן, און נאָכדעם ווערט דער פייער פאַר־נאָנדערגעפלאַקערט און עס ברענגט צו שרעקלאַכע רעזולטאַטן, ווי טאַקע די דערמאָנטע מעשה פון בר קמצא, וואו דאס פאַרזען פון די רבנן, וואס האָבן ניט געשטערט און געלאָזן אים פאַרשעמען, האָט געפירט צו אזא חורבן.

דאָס זאָגט אויך שלמה המלך: „פּוטר מים ראשית מדון ולפני התגלע הריב־נטוש". און די חז"ל ערקלערן: „האי תיגרא דמיא לבידקא דמיא". יעדער קריג איז גלייך צו א וואסער־שטורץ, וואס הויבט אָן גיין זייער קליין, אָבער כיון דרוח־רוח, וואָס ווייטער שלאָגט דער וואסער־שטראָם טיפער און ברייטער, ביז עס ברעכט אוים א פאַרפלייצונג. וואָס איז אָבער די עצה? פּוטר מים — ווען עס עפנט זיך נאָר די מחלוקת, ובטרם התגלע הריב, איידער די וואסער — דער קריג — רייסט זיך דורך — נטוש, — האלט אָפּ, לאָז ניט גיין ווייטער, ווייל שפּע־טער וועסטו שוין ניט קענען אָפּהאלטן.

די זלעבע עצה געפינען מיר האָט אברהם אבינו באַנוצט מיט לוט'ן. די תורה דערציילט: „ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט, והכנעני והפריזי אז יושב בארץ". צווישן די פּיטערער פון אברהם און לוט האָט אויסגעבראָכן א קריג און די רועי אברהם האָבן איבערגעגעבן אברהמ'ן א לשון־הרע פון די רועי לוט, אז אברהם האָט ניט קיין קינדער און לוט וועט אים ירשה'נען. האָט אברהם פאַרשטאַנען, אז דאָס קען ארויס־רופן א שנאה צווישן זיי, האָט ער גלייך געזאָגט לוט'ן: „אל נא תהי מריבה ביני ובינך ובין רועי ורועיך". צוליב די רועים וועלן

מיר זיך לסוף אליין מוזן קריגן, ווייל די לשון-הרע וועט פירן צו שנאת חנם, און דאס דארפן מיר ניט טאָן, ערשטנס: „כי אנשים אחים אנחנו.“ מיר לעבן ווי ברידער, איז ניט ווערט מיר זאָלן ווערן שונאים, און חוץ דעם — והכנעני והפריזי יושב בארץ — די שנאה וועט זיין איגנאַנצן אומזיסט, ווייל די אדונים פון לאנד זיינען גאָר איצט הכנעני והפריזי, און מיר ביידע קענען נאָך די לאנד ניט ירשה׳נען. נאָר אזוי ווי די שנאת חנם איז שוין אביסל געווירקט צווישן אונז, איז גלייכער — הפרד נא מעלי. אם השמאל ואימינה וגו׳ לאָמיר אויסמיידן איינע די צווייטע, אָפטרעטן, זיין ווייט, וועט שוין במילא ניט זיין קיין מחלוקת. ובטרם התגלע הריב נטוש, און מיר וועלן בלייבן פריינט.

אזוי איז טאקע געווען. אז זיי האָבן זיך געשיידט זיינען זיי געבליבן פריינט און אברהם אבינו האָט זיך שפעטער מוסר נפש געווען פאר לוט׳ן ווען מען האָט אים געפאנגען.

מיר דארפן דעריבער זען ווי מעגלאך ניט דערלאָזן, אז די מחלוקת ושנאת חנם זאל זיך פארשפרייטן אין א גרויסן פייער. מיר טאָן ניט דערלאָזן, אז די בעלי לשון הרע, און די שלעכטע הערצער וועלכע ווילן זיך וואַרימען אָן דעם פייער פון מחלוקת, זאָלן האָבן זייער נחת רוח און אויספירן צו וואס זיי שטרעבן, ברייגגען חורבן צו דער קהלה און צו דעם רואיקן, פרידלאכן לעבן פון יחיד.

מיר דארפן שטרעבן צו שלום ושלוה און דאס וועט ברייגגען ברכה אין אונזערע הייזער, ווי די חז״ל זאָגן: „לא מצא הקב״ה כלי המחזיק ברכה לישראל אלא השלום, שנאמר ד׳ יברך את עמו בשלום.“

———:———

עג.

הדרן על ש"ם

תנא דבי אליהו כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא, שנאמר הליכות עולם לו אל תקרי הליכות אלא הלכות.
(סוף מס' נדה).

מיט דעם מאמר ענדיקט זיך דער ש"ם בבלי.

אויף דעם מאמר זיינען געזאָגט געוואָרן פיל ערקלערונגען בסיום הש"ם. מיר וועלן דאָ אויך געבן אַן ערקלערונג מעניני דיומא.

די גמרא זאָגט אין מנחות (צט): „אמר ר' אמי מדבריו של ר' יוסי נלמד שאפילו לא שנה אדם אלא פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית, קיים מצות לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה". ווייטער געפינען מיר דאָרט: „אמר ר' יוחנן משום רשב"י אפילו לא קרא אדם אלא קריאת שמע שחרית וערבית קיים לא ימוש ספר התורה. שאל בן-דמא ב"א של ר' ישמעאל את ר' יוחנן, כגון אנא שלמדתי כל התורה מהו ללמד חכמת יונית? קרא עליו את המקרא הזה: לא ימוש ספר התורה וגו' והגית בו יומם ולילה וג' צא ובדוק שעה שאינה לא מן היום ולא מן הלילה ולמוד בה חכמת יונית."

פיל מפרשי הש"ם פרעגן דאָ אַן אָפענע סתירה: אין דעם ערשטן מאמר זעען מיר, אַז רשב"י האלט אַז יעדער איד איז יוצא די מצוה פון לא ימוש ספר התורה מפיך והגית בו יומם ולילה אפילו נאָר מיט'ן לייענען קריאת שמע שחרית וערבית, און ר' ישמעאל האלט, אַז יעדער איד מוז לערנען טאָג און נאכט און

טאָר ניט מפסיק זיין צו לערנען אנדערע חכמות, ווי ער האָט געענטפערט זיין בן אחותו ר"א בן דמא, און אין ברכות (דף ל"ה) געפינען מיר פארקערט, אז רשב"י זאָגט: „אפשר אדם חורש בשעת חרישה וכו' וקוצר בשעת קצירה וכו' תורה מה תהא עליה" און ר' שמואל זאָגט: „הנהג בם מנהג דרך ארץ וגו' " (עיין שם).

ווילן מיר דאָ זאָגן, אז באמת זיינעןביידע מאמרים רעכט, און רשב"י ור' ישמעאל זיינען זיך ניט סותר.

אין למוד־התורה זיינען פאראן צוויי סוגים: א) אזעלכע מענשן, וואס תורתם אומנתם — זייער גאנצן לעבן פאראייביקן זיי נאָר אויף למוד התורה, זיי גייען ניט ארוים פון ד' אמות של הלכה און ווייסן ניט פון עסקי העולם. ב) אזעלכע, וואָס זיינען שטענדיק פארנומען בישוב העולם, ביי געשעפטן אָדער ארבייט, נאָר ווען זיי האָבן אליידיגע שעה, דאמאָלסט לערנען זיי תורה.

איז אזוי, דער מענש וואס קען זיצן שטענדיק רואיק און לערנען תורה, מוז ער לערנען טאָג און נאכט און מקיים זיין דעם פסוק: „לא ימוש וגו' והגית בו יומם ולילה". ער איז ניט יוצא מיט קריאת שמע שחרית וערבית, אָדער מיט א פרק אחד או הלכה אחת.

אָבער דער, וואס איז א גרויסער טרוד בהויות העולם און קען זיך ניט אָפגעבן צו לערנען שטענדיק, דער מענש איז יוצא די מצוה פון והגית בו יומם ולילה אפילו בפרק אחד או הלכה אחת, אָדער מיט קריאת שמע שחרית וערבית.

נאָך דער הקדמה, פארשטייען מיר, אז ר' שמעון בן יוחאי מיט ר' ישמעאל'ן האלטן ביידע גלייך און שטימען אין די מיי־נונגען. אין מנחות, וואו רשב"י האלט, אז מען איז יוצא מיט קריאת שמע, רעדט זיך ביי א מענשן וואס איז א טרוד אין געשעפט אָדער ארבייט, אין ברכות אָבער, וואו ער זאָגט, אז

מען מוז לערנען שטענדיק, רעדט זיך ביי אזוינע וואס תורתם אומנתם און זיינען זיך ניט עוסק בישובו של עולם, אזוינע זיינען מחויב צו לערנען שטענדיק און זיינען ניט יוצא מיט קריאת שמע.

ר' ישמעאל'ס מיינונג איז אויך דערזעלבער: אין דעם מאמר פון מנחות, ווען בן־דמא האָט שטענדיק געלערנט און עס איז געווען תורתו אומנתו, און ער האָט געוואָלט לערנען אנדערע חכמות, האָט אים ר' ישמעאל געזאָגט: ניין, דו מוזט שטענדיק לערנען און מקיים זיין דעם לא ימוש ספר התורה וגו' והגית בו יומם ולילה.

אין ברכות אָבער, וואו ער זאָגט הנהג בהם מנהג דרך ארץ, רעדט זיך וועגן מענשן, וועלכע קענען ניט זיצן שטענדיק און לערנען. פאר זיי איז ערלויבט זיך עוסק זיין בישובו של עולם, וטוב תורה עם דרך ארץ, נאָר ווען זיי האָבן נאָר א ווײלע צייט, דארפן זיי לערנען פרק אחד או הלכה אחת, אָדער מיט קריאת שמע, שחרית וערבית, זיינען זיי יוצא דעם חוב פון והגית בו יומם ולילה.

פון די מאמרים זעען מיר אויך קלאָר, אז רשב"י האלט, אז קריאת שמע איז דאורייתא, און דער וואס איז טרוד אין תורתו איז ניט אומנתו דארף מפסיק זיין פון זיינע געשעפטן און לייענען קריאת שמע, דער וואס לערנט אָבער שטענדיק דארף אפילו פאר קריאת שמע אויך ניט מפסיק זיין. אזוי זאָגט טאקע רשב"י אין ירושלמי שבת „כגון אנו שעוסקין בתורה, אפילו לקריאת שמע אין אנו מפסיקים."

רבנו יהודא הנשיא, דער תלמיד פון רשב"י, אז ער האָט געהערט פון רבנו הקדוש, אז דער ביי וועמען תורתו איז ניט אומנתו, קען יוצא זיין מיט קריאת שמע די מצוה פון והגית, האָט ער אָנגעפאנגען גלייך די ערשטע משנה: מאימתי קורין

את שמע בערבית. ווען דער מענש קומט פון פעלד פון דער אר־בייט און ער דארף לייענען קריאת שמע מקיים זיין די מצוה פון והגית, איז זיין פראגע, ווען איז די צייט פון דעם? און ער זאָגט: „משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן, מצאת הכוכבים.

דאָס זעלבע ביי אונז איצט. א) די וואס לערנען אליין שעורים קבועים אלע טאָג בש"ס ומשניות, אפילו פרק אחד או הלכה אחת, ב) אָדער מען איז מחזיק לומדי תורה, און דורך דעם זיינען זיי מקיים דעם והגית, — אויף די זאָגט דער מאמר: „תנא דבי אליהו כל השונה הלכות" (בשחרית וערבית) בכל יום, וואָס דורכדעם איז ער מקיים דעם והגית, מובטח לו שהוא בן עולם הבא, און דאס זעלבע מיט די פרשיות קריאת שמע איז ער מובטח.

ווען מיר געפינען זיך איצט אין דער חברה פון בעלי־בתים, וועלכע זיינען גרויסע טרודים בפרנסה, אין ארבייט אָדער פאר־שידענע געשעפטן, און דאָך קומען זיי אלע טאָג, קובע עתים לתורה, און גאָט ברוך הוא האָט געהאָלפן, אז זיי האָבן מסיים געווען ש"ס, איז די שמחה זייער גרויס, און מיר קענען געוויס זאָגן אויף זיי, וואס די דבי אליהו, אז „כל השונה הלכות וכו' מובטח לו שהוא בן עוה"ב."

מיר ווינשן אלע מיטגלידער פון דער חברה ש"ס, וועלכע געפינען זיך בשעת הסיום, זיי זאָלן זוכה זיין שטענדיק ללמוד הש"ס און ווידער מסיים זיין. דער זכות פון למוד התורה ברבים זאָל מגין זיין אויף דעם כלל ישראל מכל פורעניות וגזרות רעות, און מיר זאָלן בזכות התורה זוכה זיין לגאולה שלמה במהרה בימינו.

———:———

עד.

הדרן על משניות

אמר ר' יהושע בן לוי עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות, שנאמר להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא.
(משניות סוף מס' עוקצין).
אמר רשב"א לא מצא הקב"ה כלי המחזיק ברכת לישראל אלא השלום, שנאמר ד' עוז לעמו יתן, ד' יברך את עמו בשלום. (גם זה שם).

מיט די צוויי מאמרים זיינען מיר מסיים די שתא סדרי משנה. די פראגע שטעלט זיך גלייך: פארוואס שטייט צוויי מאל צדיק? און וואס איז דער חשבון פון ש"י עולמות?

מיר ווייסן, אז למוד התורה באשטייט אין צוויי אופנים: א) די וואס לערנען אליין, וואס יעדער איד איז מחויב צו טאן, ווי עס שטייט: „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה; ב) מחזיק זיין לומדי תורה. ווען אליין איז מען טרוד און מען קען ניט לערנען, דארף מען שטיצן די לומדי תורה, און עס ווערט פאררעכנט ווי מען לערנט אליין. ווי די חז"ל זאגן: „עתיד הקב"ה לעשות צל לבעלי־מצות (די וואס זיינען מחזיק לומדי תורה). בצלו של בעלי־תורה (די וואס לערנען אליין). מ"ט כי בצל החכמה בצל הכסף. (ירושלמי סוטה פ"ז).

אט דאס איז די כונה פון צוויי מאל צדיק: עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק — די צוויי מינים צדיקים, מחזיקי תורה ולומדי תורה — ש"י עולמות. ביידן וועט דער אייבערשטער מנחיל זיין גלייכע טיילן. און דאס איז צו ש"י עולמות. ווייל דער

חשבון איז אזוי: מיר האָבן תרי"ג מצות און ז' מצות בני נח, צוזאמען 620, וואס ווען מען לערנט תורה איז גלייך ווי מען איז מקיים אלע מצות — דער צאָל 620 איז כמספר כ'ת'ר תורה. — דעריבער איז דער שכר לכל צדיק וצדיק א העלפט — 310 (ש"י) עולמות.

ווי ערקלערט, זיינען אלע מיני לומדי תורה ווי שותפים, אָבער דאָך איז ביי תורה אנדערש ווי ביי שותפים. אין א געשעפט פון שותפים הערשט אמאָל מחלוקת שנאה, סכסוכים וטענות, איי־נער פארלאנגט מער א. א. וו., ביי למוד־התורה אבער, ווען מען לערנט בחבורת־אנשים, איינער מער איינער ווינציקער, דאָך האָבן אלע א גלייכן חלק בעולם הבא, און עס הערשט גרויס שלום ושלוה, ווייל אונס רחמנא פטריה, און ווען איינער פאר־פעלט אמאָל צום שעור מחמת טרדה, ווערט אים ניט גערעכנט.

אויף דעם קומט דער אנדער מאמר: „אמר רשב"י לא מצא הקב"ה כלי המחזיק ברכה כו' ד' עוז לעמו יתן וגו' ואין עוז אלא תורה, שנאמר מפי עוללים ויונקים יסדת עוז". די תורה איז דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום, און די תלמידי־חכמים זיינען אויך פול מיט שלום, ווי געזאָגט: „תלמידי־חכמים מרבים שלום בעולם. אל תקרא בניך אלא בוניך" — דורך דעם למוד התורה פון די תלמידי חכמים ווערט געבויט די וועלט, און ביי די לומדי־תורה בחבורה איז שלום ושלוה, ווי עס איז געשריבן „שלום רב לאוהבי תורתך" — די וואס האָבן ליב די תורה איז ביי זיי שלום.

איצט, אז מיר געפינען זיך אין די מסיבה פון די מסימי חברת משניות, וועלכע האָבן געלערנט בחבורה, איז אלעמענס שמחה גרויס. אלע גלייך דארפן זיך פרייען, וואס מיר האָבן צו דעם זוכה געווען, ווייל דער למוד משניות איז זייער א הויכע מדרגה, ווי די חז"ל דריקן זיך אוים: „כי בתחבולות תעשה לך

מלחמה, ר' בנאה פתר קרי' במשניות לעולם ישקיע אדם עצמו במשניות וכו'. אמר ר' אליעזר בשם ריב"ל עמוד ברזל משנה" (מ"ר אחרי פס"י). משניות איז א גרויסער פעסטונג בלמוד־התורה.

מיר ווינשן די בעלי־החברה, זיי זאלן האָבן הצלחה אין למוד, און זאָלן לערנען אלע טאָג דעם שעור בחבורה, וועלן זיי ערפילן מיט דעם די מצוה: „והגית בו יומם ולילה", און דער למוד וועט ברייגגען צום שלום ואהבה און מיר וועלן דורכדעם זוכה זיין לגאולה שלמה, ווי דער מדרש זאגט: „רב הונא אמר אין הגליות מתכנסות אלא בזכות משניות, מ"ט שנאמר גם כי יתנו בגוים — עתה אקצבם וכו' ובכל מקום מוקטר מוגש כו'. וכי יש מנחה טהורה וקמיצה והקטרה בבבל? אלא זו משנה (מדרש רבה צו). וועלן מיר טאקע דורך דעם למוד־משניות זוכה זיין לקבוץ־גליות במהרה בימינו, אמן.

עה.

הדרן על עין יעקב

בזמן שהפרוטה היתה מצויה בכיס היו הבל רצין
לשמע דבר הלכה, ובזמן שאין הפרוטה מצויה
בכים רצין לשמוע דבר אגדה. (ילקוט תשא).

דער למוד אגדה איז א חלק פון דער תורה. די בעלי־המדרש זאָגן: „אמר הקב״ה למשה כתר לך תורה, נביאים וכתובים שהיו בכתב, אבל הלכות מדרש ואגדות יהיו ע״פ (מ״ר תשא פ׳ מ״ז). פיל תנאים ואמוראים האָבן געאכטעט דעם למוד האגדות און זיך אין דעם אויסגעצייכנט. ווי מיר געפינען: „ר״ש בן יוצדק שאל את רשב״נ: שמעתי עליך שאתה בעל אגדה (מ״ר בראשית פג). פיל האָבן זיך גערופן „רבנן־דאגדתא״.

אויך זאָגן די חז״ל: „רצונך להכיר מי שאמר והיה העולם— למוד אגדה״ (ספר יעקב). ווייל אין פיל מאמרי־אגדה זיינען פאר־וויקעלט זייער הויכע ענינים, סודות ורזי־דאורייתא. דורך משלים וחדות, וועלכע זיינען נוגע במעשה בראשית ומעשי מרכבה, באמונה ודת; דורך ריינע ערקלערונגען פאר די צוהערער, וואס עם טוען די מלמדי־האגדה, — ברייננט מען צו יראת־שמים און אמונה בעיקרי הדת.

דער למוד־האגדה איז זייער נויטיק און נוצליך פאר די מענשן, וואָס זיינען פארנומען אין טרדות הפרנסה, און זייער קאָפּ איז פארדרייט און זיי קענען ניט איבערגעבן זיך צו למוד הלכה, וואָס דאָס פאָדערט א קלאָרע קאָפּ. „שמעתתא בעי צילותא״

(עירובין ס"ד) און מיט דעם למוד אגדה זיינען זיי מקיים די מצוה פון והגית בו יומם ולילה, ווען נאָר מען לערנט לשם שמים.

דאָס זאָגט אונז ר' יצחק: בזמן שהפרוטה מצויה בכים — ווען די פרנסה איז געווען גרינג, אָן זאָרג, האָט די קאָפּ געקענט פארנעמען א טיפערן ענין — היו הכל רצין לשמוע דבר הלכה, אָבער ווען אין הפרוטה מצויה בכים — די דאגות החיונה זיינען גרויס און די קעפּ זיינען פארזאָרגט — הכל רצין לשמוע דבר אגדה.

מיר איצט, אין דער געזעלשאפט פון מסימי עין־יעקב, דארפן מיר זיך זייער משמח זיין. מיר דארפן ניט אָפּלאָזן ווייטער דעם וויכטיקן ענין, פון למוד־אגדה בחבורה. יעדער דאַרף קומען אלע טאָג צום שעור אין דער באשטימטער צייט. דער למוד אגדה איז אזוי וויכטיק ביים אייבערשטן ווי למוד נגעים ואהלות.

מיר דארפן בעטן מיר זאָלן זוכה זיין ללמוד וללמד לשמור לעשות ולקיים די מצות התורה, דורכדעם וועלן מיר ווירקן אויף אונזערע קינדער, זיי זאָלן ניט אוועקגיין פון למוד־התורה, און עס וועט מקוים ווערן ווי דער נביא זאָגט: „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ד' מעתה ועד עולם".

ע.

דרוש להזכרת נשמות*)

עס איז א מנהג בכל תפוצות ישראל צו דערמאנען די נשמות פון די נאָנטע פארשטארבענע אין דעם לעצטן טאָג פון יו"ט. דער מקור צו דעם מנהג נעמט זיך פון דעם פסוק, וואס געפינט זיך ביי עגלה ערופה: „כפר לעמך" אלו החיים, „אשר פדית" אלו המתים, זעען מיר, אז אויך פארשטאָרבענע דארפן האָבן א כפרה.

עס איז באקאנט די בקשה וואס אלע עלטערן בעטן, אז צו דער עלטער זאָלן זיי ניט דארפן אָנקומען צו די קינדער. דאָס בעטן מיר אויך אין בענשן „ואל תצרכנו ד' אלקינו לא לידי מתנת בשר ודם". עס שטייט ניט „מתנת אדם אָדער איש" נאָר בשר ודם, דאָס מיינט, אפילו צו די אייגענע קינדער, וואס זיינען זיינע בשר ודם, זאָל מען אויך ניט דארפן אָנקומען.

איין צייט איז אבער פאַראַן, ווען עלטערן, סיי אָרים סיי רייך, מוזן אָנקומען צו זייערע קינדער — דאָס איז נאָכ'ן טויט. די קינדער מיט זייערע גוטע מעשים און תפלות פאר דעם זכרון נשמת המת, ברייגנען ארויף העכער די נשמות פון די נפטרים. מיר געפינען אויך, אז רבינו הקדוש, וועלכער איז געווען דער גרעסטער און רייכסטער מאן פון זיין דור, האָט אויך אויסגע־רופן פאר'ן טויט און געזאָגט „לבני אני צריך". איך דארף אָנ־קומען צו מיינע קינדער (כתובות ק"ג).

דער מענש, ווי ער שטארבט, ווערט ער פריי פון תורה מצות און קען שוין ניט מקיים זיין אפילו די קלענסטע מצוה.

עס ברייננגט זיך אין ספרים, אז ווען מען וואָלט געגעבן רשות דעם מת, ער זאָל איבערבאשאפן ווערן, כדי ער זאָל קענען מקיים זיין וועלכע עס איז מצוה, וואָלט ער דאָס געטאָן מיט גרויס חשק, ווייל דאָרט בעולם האמת זעט שוין דער מענש אז די גאנצע הבלי העולם הזה איז שוא ושקר, און נאָר תורה ומצות זיינען דער אמת׳ער תכלית פון מענשן.

אָט דאָס זאָגט שלמה המלך אין קהלת (ט). „כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה, כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה". כאַפּ אריין ווען דו לעבסט, ווייל דערנאָך וועסטו שוין ניט קענען קיין זאך אויפטאָן.

אזוי קריגט יעדער מענש זיין ארט בעולם האמת, לויט זיין מדרגה, און זיינע מעשים ווען ער האָט געלעבט. דאָך קען ער אָבער ארויפגעבראכט ווערן אין א העכערע מדרגה דורך די מעשים און תפלות פון די קינדער, ווייל „ברא מזכא אבא" — די קינדערשע זכותים העלפן צו עלית הנשמה.

אָט דאָס בעטן מיר אל מלא רחמים „ויהי נפשם צרורות בצרור החיים" — דער נפש פון דעם מת זאָל נאָך זיין איינגע־בונדן אָן די לעבעדיקע. ווען מען נעמט דעם פאָדעם פון א ליכט און מען בינדט דאס אָן צו דעם פאָדעם פון נאָך א ליכט און אזוי וויטער, און מען צינדט אָן די ערשטע ליכט, איז ווען זי ברענט אוים, טראָגט זיך דער פייער איבער צו דער צווייטער ליכט און פון דער צווייטער צו דער דריטער. אזוי איז אויך מיט די נשמות „נר ד׳ נשמת אדם" — דעם מענשנס נשמה איז א ליכט, ווען די נשמות זיינען געבונדן. ברענט אוים די ערשטע, טראָגט זיך דער פייער צו דער צווייטער. עלטערן צינדן אָן די ליכט צו די קינדער. ווען די קינדער פירן זיך אין דעם דרך התורה והמצות, דאמאָלט זיינען די עלטערן גאָר ניט געשטאָרבן, ווי די חז"ל זאָגן: „יעקב אבינו לא מת, מה זרעו בחיים אף יעקב אבינו

בחיים״, און דאָס מיינען מיר מיט די ווערטער נפשו צרורה בצרור החיים, ביי די קינדער זיי זאָלן ממליץ זיין פאר די עלטערן.

רבותי, יעצט ווען מיר זיינען מזכיר די נשמות פון אונזערע עלטערן, מיר דערמאנען זייערע נעמען און בעטן פאר דער עליה פון זייערע נשמות, זיי זאָלן ארויפגעבראכט ווערן אין העכערע מדרגות, דארפן מיר געדיינקען, אז נאָר מיט אונזערע גוטע מעשים קענען מיר דאָס טאָן. אויב מיר וועלן זיך פירן בדרך התורה, ווי אונזערע עלטערן האָבן אונז געלערנט, וועט עס פאר־רעכנט ווערן, ווי זיי אליין, אונזערע טייערע נפטרים, טוען די מעשים און דערמיט ווייזן מיר פאר זיי דעם גרעסטן גמילת־חסד, ווייל דער עונג פון א העכערע מדרגה איז אין לשער.

לאָמיר זיך דערמאנען וויפיל אונזערע עלטערן האָבן פאר אונז געטאָן, ווי ווייט זיי איז קיין זאך ניט געווען שווער פאר אונזער גליק און וואוילזיין. אין זייערע באמיהונגען פאר אונז, אין זייער קעמפן מיט די גלי־החיים, אונז אויסצוהאָדעווען און מפרנס זיין, האָבן זיי אויך פארלאָרן זייערע כחות, און אפשר דערנענטערט זייער פטירה.

יעצט קענען זיי זיך מער ניט העלפן. זיי ווארטן און בעטן שטום אונזער הילף, לאָמיר מקבל זיין אויף אונז צו טאָן צדקה וחסד, יעדער נאָך זיין מדרגה, לאָמיר אליין לערנען תורה און ווען ניט, שטיצן תלמידי־חכמים, דאמאָלט וועלן מיר געוויס מעלה זיין אונזערע ליבע צו העכערע מדרגות.

לאָמיר אויך געדיינקען, אז אויך מיר וועלן ניט לעבן איי־ביק. מיר וועלן אויך דארפן אָנקומען צו אונזערע קינדער, זיי זאָלן דערמאנען אונזערע נשמות. זאָל יעדער אין דעם ערנסטן מאָמענט זיך אָפגעבן א חשבון הנפש און א טראכט טאָן ביי זיך, צי וועלן דאָס אונזערע קינדער טאָן? וועלן זיי אזוי טייער האלטן אונזער אנדיינקען, ווי מיר האלטן אונזערע עלטערנס? און דאָס

ווענדט זיך אָן אונז אליין, רבותי, אויב נים, איז עס אונזער איי־גענער שולד, ווייל אלץ ווענדט זיך אָן ערציאונג. אויב מיר וועלן ערציען אונזערע קינדער אין אונזערע דרכים, וועלן מיר זיין ביי זיי עלטערן ביים לעבן און דער אנדיינקען וועט זיין ביי זייער טייער נאָך אונזער טויט.

לאָמיר דאס אלץ איצט געדיינקען. לאָמיר אויסבעסערן אונ־זערע מעשים, וועלן מיר מיט דעם טאָן גוטס אין צווייען: די נשמות פון אונזערע עלטערן, און אונז אליין, ווייל די קינדער וועלן זיך פון אונז אָפּלערנען און וועלן אמאָל אויך מעלה זיין אונזערע נשמות.

———:———

עז.

הקמת מצבה

ויצב יעקב מצבה על קבורתה — היא מצבת קבורת רחל עד היום.
(וישלח פל"ה־כ).

דאָס וואס מיר שטעלן א מצבה אויף א קבר פון א נפטר, שטאַמט פון דעם, וואס יעקב אבינו האָט געשטעלט א שטיין אויף רחל'ס קבר.

ווען אפילו יעקב האָט געמוזט אזוי טאָן, ווייל רחל איז גע־שטאָרבן אין מיטן וועג, און ער האָט איר מקבר געווען אויפ'ן פרייען פעלד, און כדי מען זאָל וויסן דעם אָרט פון איר קבר, האָט ער אוועקגעשטעלט די מצבה, און ביז היינטיקן טאָג איז באַוואוסט פאר אלעמען דער קבר פון אונזער מוטער רחל, ווי די תורה שרייבט: „היא מצבת קבורת רחל עד היום".

• דאָך האָט די וועלט אָנגענומען די זאך ערנסט. מען שטעלט אויף יעדן קבר א שטיין מיט אויפשריפטן וועגן דעם טויטן, מען זאָל וויסן ווער עס איז מקובר דאָרט, ווען קינדער אָדער פריינט וועלן קומען באזוכען דעם קבר.

מיר געפינען אין חז"ל: „רשב"ג אומר אין עושין נפשות (מצבות) לצדיקים — דבריהם הן הן זכרונם" (ירושלמי שקלים פ"ג). מען באדארף ניט שטעלן קיין מצבות אויף די קברים פון צדיקים — ווייל זייערע רייד (פון תורה און חכמה) — דאָס אליין איז זייער אנדיינקען.

דער רעיון פון דעם איז אזוי: אלע פעלקער שטעלן מצבות (מאָנומענטן) פאר זייערע העלדן, וואס זייערע העלדישע מעשים זיינען באשטאַנען אין פארגיסן טייכן בלוט, און צוליב זייערע נצחונות מאכט מען זיי אן אנדיינקען. ביי אונז אבער דארף מען ניט שטעלן קיין מאָנומענטן פאר אונזערע גרויסע מענשן, וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט תורה, חכמה, חסידות, צדקה ומעשים טובים, ווייל זייער חכמה, וואס לעבט אייביק און די וועלט לערנט פון איר, דאָס לאָזט ניט פארגעסן זייער גוטן נאָמען: „אין עושין נפשות לצדיקים — דבריהם הם זכרונם."

די מצבות וואָס מיר שטעלן יע אויף די קברים, איז נאָר ווי א צייכן פאר די פריינט און באקאנטע, וועלכע ווילן וויסן, וואו עס איז דער מקום מנוחה פון זייערע קרובים, כדי זיי צו באזוכן אין פארשידענע צייטן און בעטן ביי זיי, אז זייער הייליגער זכות זאָל ביישטיין פאר די מתפללים.

דאָס בעטן אויף קברי אבות איז ביי אונזער פאָלק זייער אָנגענומען עפ"י התורה ועפ"י המוסר, מיר דארפן אבער געדיינקען, ווען מיר שטעלן א מצבה אויף אונזערע אייגענע און מיר קומען זיי דערנאָך באזוכן, מיר זאָלן זיי אמוויינינגסטן ניט פארשעמען. אונזערע עלטערן זיינען געווען שומרי תורה ודת היהדות, זיי האבן דעם גאנצן לעבן געהיט אלע הייליגקייטן בין אדם למקום, זיי האָבן אויך פיל גוטס געטאָן בין אדם לחבירו, און מיר, זייערע קינדער, ווען מיר זיינען ווייט פון תורה ומצות. ווען מיר אכטן ניט די אלטע טראַדיציעס פון פאָלק, דארפן מיר ניט צוטרעטן נאָנט צו די קברים פון אונזערע עלטערן אָדער די גדולי העם, ווייל פאר זיי איז עס א בזיון וחרפה. זייערע נשמות זיינען אויסגעלייטערט. די קערפערס ליגן אין די קברים רואיק, שטיל, דארפן מיר מיט אונזערע שלעכטע מעשים זיי ניט אויפרודערן און ניט גורם זיין קיין צער.

מיר דארפן אויסבעסערן אונזערע מעשים, גיין אין די על־טערנס דרכים, דאן קענען מיר קומען זיי בעטן.

אָט דעם ריינעם געדאנק דארפן מיר אויך האָבן אין זינען אין חדש אלול, ווען מיר באזוכן די קברים און מיט ביטערע גע־וויינען און קלאָגערייען גיסן מיר אויס אונזערע הערצער פאר אונזערע טייערע נפטרים און מיר בעטן, זיי זאָלן ביישטיין פאר אונז ביום הדין — דאן מוזן מיר אויסבעסערן אונזערע דרכים, מחליט זיין צו טאָן תשובה מיט'ן גאנצן הארצן.

דאמאָלט וועלן די נפטרים פאר אונז בעטן און ממליץ זיין פאר'ן כסא הכבוד און מיר וועלן געבענשט ווערן מיט אל־דאָס־גוטס.

———:———

ע"ח

הקמת מצבה על קבר אם*)

איר אלע קינדער און די משפחה האָבן זיך דאָ אויפגע־קליבן שטעלן א מצבה אויף אייער ליבער מוטערס קבר. דער ענין פון מצבה איז, ערשטענס, א צייכן מען זאָל וויסן וואו עס רוען די הייליגעביינער פון נפטר, אבער דאס אליין איז נאָך ניט די גאנצע באדייטונג פון שטיין. ווען נאָר צו האָבן א סימן, וואָלט געווען גענוג מען זאָל שרייבן בלויז דעם נאָמען פון דעם וואָס ליגט דאָרט, אבער אויף א מצבה שרייבן מיר אויך די שבחים פון מענשן, וואס ער האָט אויפגעטאָן און ווי ער האָט זיך געפירט אין לעבן. אַ מצבה איז אויך א מאָנומענט, א זכר פון דעם מענשן.

ווען מיר גייען דורך אויף א בית עלמן און לייענען מצבות אויף אומבאקאנטע קברים, שטייען אויף פאר אונזערע אויגן ווי לעבעדיקע די נפטרים און מיר זעען פאר זיך זייער לעבן, כאָטש מיר האָבן די מענשן ניט געקענט. די מצבות גיבן אונז א בילד און א פארשטעלונג פון דעם מענשן. ביי וועמען דארף אָבער דער מענש אויפלעבן דורך דער מצבה? דוקא ביי פרעמדע. ביי די אייגענע קינדער לעבן די עלטערן אויך אָן די מצבות שטענדיק ביי זיי אין די הערצער, און פאר זיי איז די מצבה נאָר א סימן, א צייכן צו וויסן דעם אָרט פון קבר.

טייערע קינדער! איר שטעלט א שטיין אויף אייער מו־טערס קבר, אבער יעדער מענש שטעלט פאר זיך אליין א מצבה, און דאס זיינען — די קינדער. איר אליין זייט לעבע־

דיקע מצבות פאר אייער זעליגער מוטער. אייערע גוטע מעשים, אייער בריטוויליקייט פאר צדקה און די שיינע אידישע הייזער וואָס איר פירט זיינען מאָנומענטן פאר אייער מוטערס מעשים. דאָס האָט געשאפן איר באמיען זיך און שטרעבן אייך צו ער־ציען אין אידישן רעכטן גייסט, און איר זייט די מצבות, די לע־בעדיקע עדות אויף דעם.

די תורה דערציילט אונז, ווען יעקב אבינו האָט געשטעלט א מצבה אויף רחל׳ס קבר „ויצב יעקב מצבה על קבורתא היא מצבת רחל עד היום". אלע מפרשים זוכן צו ערקלערן, וואס מיי־נען די ווערטער „עד היום"? עס האָט דאָך געוויס ניט געקענט מיינען, אז דער שטיין וועט אייביק ניט צעפוילט ווערן, טאָ וואס איז די איינגעוויקעלטע כונה פון די ווערטער?

די כונה איז אבער די רייד וואס מיר ערקלערן דאָ. ווי גע־זאָגט, האָט יעדער מענש צוויי מצבות: איינע, וואס די קרובים שטעלן אים נאָכ׳ן טויט, און איינע וואס ער שטעלט זיך אליין ביים לעבן, — די ערציאונג און מעשים פון די קינדער. ריכטיקער אויסגעדריקט זיך, א מצבה פון שטיין און א מצבה פון בלוט און פלייש. די שבחים וואס מען שרייבט אויף דער שטיינערנער מצבה, קענען ניט ווערן אנדערש, זיי האלטן אזוי לאנג ווי דער אויסגעקריצטער נאָמען האלט. ווערט עס בלה מרוב הזמן, ווערט דער נאָמען אויך אָפּגעמעקט, אָבער די לעבעדיקע מצבה, די שבחים פון די מעשים פון די קינדער, ווערן אלע מאָל אנדערש. שטייגן די קינדער אין זייערע גוטע מעשים, ווערן די שבחים גרעסער, ווי איז אבער, אז די קינדער ווערן אָפּגעשוואכט אָדער הויבן זיך אָן דערווייטערן פון אידישקייט, ווערן אויך די שבחים בלאסער און אמאָל ח"ו קענען אנשטאָט שבחים גאָר קומען אנ־דערע ווערטער אויף דער מצוה. ווערטער, וועלכע פארשעמען

דעם מת, און זיינען גורם פגמים און עינוים פאַר זיין אויסגע־לייטערטער נשמה.

אַט דאָס זאָגט דער פסוק: „ויצב יעקב מצבה על קבורתה" — יעקב האָט געשטעלט א שטיינערנע מצבה אויף רחל׳ס קבר, ער האָט אויף איר אויסגערעכנט רחל׳ס שבחים, אירע מעשים טובים און די מצבה איז „הוא מצבת רחל עד היום" — די זעלבע וואָס „מצבת רחל", די מצבה וואס רחל האָט זיך אליין גע־שטעלט, דורך די מעשים פון די קינדער „עד היום", וואס האלט ביז היינט, אירע שבחים אויף איר אייגענע מצבה האָבן זיך אויך ניט געביטן: די אידישע דרכים וואס זי האָט איינגעפלאנצט איז פארבליבן און איז צוגלייך מיט די שבחים אויפ׳ן שטיין, ניט פארענדערט געוואָרן.

דעם זעלבן געדאנק זאָגט אויך דער חכם מכל אדם אין משלי ל. „קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללוה". אויבערפלעכליך איז דעם פסוק שווער צו פארשטיין. וואס איז פאַר א וואונדער ווען קינ־דער און א מאן לויבן, זיי זיינען דאָך אייגענע? דער פסוק לערנט זיך אָבער אזוי „קמו בניה" — אויב אירע קינדער שטייען אויף, אי הויבן זיך אויף העכער פון אנדערע, זיי צייכענען זיך אוים, — „ויאשרוה" — מאכן זיי איר גליקליך, ווייל זיי דערציילן פאר דער וועלט אירע מעשים, וואס זי האָט זיי אַזוי ערצויגן און גע־בראכט צו דער גדולה; „בעלה" — זעט מען דער מאן צייכענט זיך אוים בין זקני הארץ — ויהללוה, לויבט מען דער פרוי אלס אן אשת חיל, ווייל זי האָט אים ערמוטיקט און געהאָלפן צו טאָן גוטס בעיני אלקים ואדם.

דאָס זעלבע איז אויך, טייערע קינדער, מיט אייער פאר־שטאָרבענע מוטער, איר זייט די לעבעדיקע מצבות פאר איר, וואָס זי האָט זיך אליין געשטעלט. איר קענט די מצבה אוים־

בעסערן, די שבחים פארגרעסערן אויב איר וועט באשליסן זיך ווייטער פירן אין דעם וועג, וואס אייער זעליגע מוטער האָט אייך געלערנט.

איר דאַרפט זיך אבער זייער היטן די שבחים ח"ו ניט צו פארמינערן, אייערע גוטע טאַטן ניט צו פארקלענערן און פון אידישקייט ניט אָפּצושוואכן, ווייל דאמאָלט קען ח"ו גאָר אַנדערש אויסקוקן אייער מאַמעס מצבה, עס קען ווערן גאָר אַן אנדערע מצבה, ניט אזא וואס זי האָט זיך געוואָלט שטעלן ביי איר לעבן. און איר, טרייע קינדער, ווילט איר ח"ו געווים ניט גורם זיין קיין בזיון; איר ווילט געווים איר אפצאָלן פאר איר מי איר גאנצן לעבן אייך אויפצוהאָדעווען און שטעלן אויף די פיס, און דער איינציקער אָפּצאָל קען זיין, ווען איר וועט טאָן איר נחת רוח און ניט אָפּמעקן די שבחים פון איר מצבה, טאָן דאָס וואָס זי האָט אייך געלערנט.

דאמאָלט וועט זי געווים זיין א מליצה טובה פאר אייער גאנצע משפחה, איר וועט זען נחת און גליק און מער ניט ויסן פון קיין צער. אמן.

עט.

הקמת גדר לבית הקברות (של משפחה)

תנו לי אחוזת קבר עמכם ואקברה את מתי מלפני.
(בראשית כג).

דער מנהג צו קויפן א פלאץ פאר א בית הקברות פאר דער משפחה און דאס אפטיילן מיט א גדר, שטאמט נאך גאר פון אמאל.

מיר געפינען אין דער תורה, נאך שרה'ס טויט, האט אברהם אבינו זיך שטארק באמיט ביי די בני-חת, זיי זאלן אים פאר-קויפן א פלאץ פאר א בית הקברות. נאך דער קבורה פון שרה'ן איז דער ארט באשטעלט געווארן פאר אונזערע אבות, דאס איז דער מערת המכפלה. לויט דער מסורה פון חז"ל ליגן אין דער מערה ארבע זוגות, פיר פאר, אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה, ווי די חז"ל זאגן אויף די ווערטער „קרית ארבע און מערת המכפלה" (ערובין נג).

די כונה פון אברהם אבינו איז פארשטענדלאך. ער איז גע-ווען א גר אין לאנד, אן איינוואנדערער, ווי ער האט געזאגט צו די בני חת: „גר ותושב אנכי עמכם". — איך בין א גר אנגע-קומען פון לאנד פלשתים, ותושב אנכי עמכם, איך וויל ווערן ביי אייך א בירגער, בעט איך — תנו לי אחוזת קבר ואקברה את מתי מלפני.

אויך געפינען מיר אין תלמוד: „המוכר מקום לחבירו לעשות לו קבר וכו' ופותח לתוכה ח' כוכין כו' ר"ש אומר י"ג כוכין" (משנה ב"ב דף ק). ערקלערט רש"י ז"ל: זיי פלעגן אפקויפן א

באזונדער שטיק ערד פאר דער גאנצער משפחה און פלעגן דאָרט מקבר זיין די געשטאָרבענע.

דער מקום קבורה איז געווען אזוי וויכטיק און הויך גע־שאצט ביי דער פאמיליע, אז קיינער פון דער משפחה האָט ניט געקענט פארקויפן זיין אָרט אן אנדערן. אויב איינער האָט יא פארקויפט, איז די מכירה געווען בטל, ווי מיר געפינען דייט־לאך: „המוכר קברו וכו׳ באים בני משפחה וקוברים אותו בעל כרחו משום פגם משפחה" (כתובות פד). ווייל די משפחה האָט עס גערעכנט פאר א בזיון און אן עלבון.

אויך געפינען מיר די חז"ל דריקן זיך אוים אויף דעם פסוק: „לא תסיג גבול רעך — תניא מנין למוכר קבר אבותיו שעובר בלאו ת"ל לא תסיג גבול רעך".

די תורה איז זייער מאריך וועגן דער קניה פון מערת המכפלה, כדי די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן דעם אָרט, וואו די אבות ואמהות זיינען נקבר געוואָרן. פון דאמאָלט אָן געפינט זיך דער מערת המכפלה אויף דעם זעלבן אָרט און דער מקום הקברות פון די אבות-הקדושים איז זייער פארהייליגט ביי אלעמען.

פון דעם דארפן מיר אפלערנען, ווי יעדער מקום קבורה פון אונזערע עלטערן דארף ביי אונז זיין הייליג און געאכטעט, ווייל די קברי אבות פון יעדן דור זיינען אונזערע עדות אויף אונזער קיום, אלס אן אלט פאָלק, וועלכע איז פארבליבן לעבן פון אלע גרויסע פעלקער, וואס זיינען אונטערגעגאנגען. און אזוי ווי מיר זיינען פארבליבן פון די עבר׳דיגע דורות, אזוי וועלן מיר אויך ווייטער עקזיסטירן, שטארק און שטאָלץ מיט אונזער תורה ואמונה.

ווען מיר שטעלן איצט דעם גדר פון בית הקברות פון דער משפחה, דארפן מיר געדיינקען די הייליגקייט פון אונזערע על־

טערן, און אזוי ווי ווען איינער פארקויפט זיין מקום־קבר, ווערט די קניה בטל, ווייל עס איז א פגם משפחה, אזוי דארפן מיר אויך ניט ברייגנען קיין פגם משפחה דורך אונזערע שלעכטע מעשים קעגן די קדושים, וועלכע האָבן באשיינט דער משפחה.

לאָמיר האָפן, אז די עלטערן און די איבעריקע פון דער משפחה, וועלכע זיינען דאָ באערדיגט, און פאר וועלכע מען שטעלט דאָ א גדר, וועלן מיט זייער זכות פון תורה ומעשים טובים, וואס זיי האָבן געטאָן אין לעבן, געווים באשיצן אויף די לעבעדיקע אין דער משפחה און אויף דעם כלל ישראל, און עס וועט קומען די צייט, ווען וישני אדמת עפר יקיצו ויעמדו בתחיה לקץ הימים.

פ.

הספד על אלוף וגאון הדור

ואתה בן אדם האנח בשברון מתנים, ואמרו אליך
על מה אתה נאנח? ואמרת אל שמועה כי באה
ונמס כל לב ורפו כל ידים וכל ברכים תלכנה מים.
(יחזקאל).

די דערמאנטע ווערטער האָט דער נביא געזאָגט וועגן חורבן בית המקדש. דער נביא שילדערט ווי די בשורה רעה פון חורבן האָט שלעכט געווירקט אויף דעם גאנצן פאָלק, און אלע זיינען צעבראָכן געוואָרן פון דעם.

דער נביא רעכענט דאָ אוים אלע שיכטן פון פאָלק:

א) ונמס כל לב, — רופט ער אָן די רייכע מענשן, נדיבי הלב, וועלכע באטייליקן זיך אין צרכי הכלל און שטיצן די אָרימע — זיי זיינען צעגאנגען געוואָרן פון חורבן. ב) ורפו כל ידים — מיינט ער די בעלי מלאכה, האנטווערקער, וועלכע אַר־בייטן מיט די הענט. ביי זיי זיינען די הענט אָפגעשוואכט גע־וואָרן פון חורבן און זיי האָבן ניט געקענט ארבייטן. ג) וכהתה כל רוח — רעדט ער וועגן די גדולי העם וחכמיו, מיט די הויכע געפילן און אידעאלן. זייערע געפילן זיינען טעמפ געוואָרן, ווען זיי האָבן דערהערט פון חורבן. ד) וכל ברכים תלכנה מים. — אלע געשעפטסלייט, וועלכע לויפן שטענדיק ארום וועגן זייערע געשעפטן, זיינען זייערע קני שוואך געוואָרן, און צעגאנגען ווי וואסער, ווען זיי האָבן געהערט פון חורבן.

דער בית המקדש איז געווען פאר אלע שיכטן פון פאָלק

א מרכז, א מיטלפונקט פון הייליגקייט, שלום ואהבה, דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט אלע כחות פון פאָלק; אלע שיכטן האָבן געהאט נחת-רוח פון דעם בית-המקדש, דעריבער האָט זיין חורבן אלעמען צעטרייסלט און צערודערט.

די חז"ל דריקן זיך אוים: „קשה סלוקן של צדיקים כשרפת בית אלקינו" (מר. איכה). אזוי ווי דער חורבן פון בית המקדש איז געווען נוגע דעם גאנצן פאָלק, אלעמען האָט דאָס אָנגע-טראָפן, אזוי ווען עס שטארבט אָפּ א גדול הדור, איז זיין טויט נוגע אלעמען, ווייל יעדער פון אונז האָט א קורת-רוח פון די צדיקים וגאוני ארץ. יעדער איינער געניסט פון זייער תורה, חכמה, יראת שמים, און מיט זייערע מעלות ומדות טובות זיינען זיי משפיע אויף אלע שיכטן פון פאָלק, דעריבער איז די אבדה זייער גרוים פאר אונז אלעמען אזוי ווי דער חורבן בית המקדש, און דעריבער זאָגן די חז"ל: „תלמיד-חכם שמת הכל כקרוביו, הכל קורעין עליו הכל חולצים עליו" (שבת ק"ה).

ווען מיר זיינען אצינד מספיד דעם גאון הדור, וועלכער איז באוואוסט געווען מיט זיין תורה וחכמה, מיט זיין גוטסקייט, נדיבות הלב, מיט זיין ברייטע הארץ פאר דעם כלל ישראל, זיינע מסירות נפש פאר אים, — איז פאר אונז זיין פטירה כשרפת בית אלקינו, אן אבדה וואס רירט אָן אלעמען. מיר זיינען אלע פארבליבן אזוי עלענד און עס איז ניטאָ ווער עס זאל אים פאר-בייטן.

זייער ווינציק זיינען ביי אונז בכלל דאָ אמת'ע גדולים, און אפילו פון דער הייפעלע זיינען א טייל שקועים מיט ראשם ורבם אין מקצועות ההוראה ופלפול הלכה, און די עניני הכלל זיינען ווייט פון זייער הארצן. מחמת פיל טרדה אין לערנען גיבן זיי זיך ניט אָפּ לצרכי צבור, זיי גייען ניט ארוים צו צוימען די פריצות הדור, צו באפעסטיקן די מוסדות הדת והאמונה.

דער גאון הדור איז אבער געווען אויסגעצייכענט איןביידע זייטן. ער איז געווען דער גרויסער גאון, מיט די וואונדערלאכע כשרונות, און בקי בכל מצפוני התורה, דערצו איז ער נאָך געווען דער גרויסער עסקן, וואס האָט זיך אָפגעגעבן בלב ונפש לטובת הכלל. זיינע מעשים, זיינע שתדלנות, און טובות, וואס ער האָט אויפגעטאָן פאר דעם כלל, וועלן אלע לאנג געדיינקען און פון דעם געניסן. חוץ זיין גרויסקייט אין זיינע מעשים איז ער אויך געווען גרוים מיט זיין פערזענליכקייט. די גרויסקייט איז באַשטאַנען אָט טאקע אין די פשוט׳קייט זיינע. ער איז געווען פאר יעדן ווי א חבר און א פריינט. ער האָט צו זיך צוגעבונדן אזוינע, וועלכע זיינען געשטאַנען גאנץ ווייט פון זיין ערך און זיינע געפילן, און נאָר דורך זיין חכמה און ענוה האָט ער זיי געוואונען צו זיך.

אויף דעם גאון וחכם קען מען ריכטיק זאָגן: „אוי לו לעולם שאבד מנהיגו, ואוי לה לספינה שאבדה קברניטה“ (ב״ב צא). די וועלט דארף קלאָגן, וואס מען האָט פארלאָרן אַזאַ מנהג. אזוי ווי דער קאפיטאן ווייס ווי צו פירן די שיף מיט חכמה, ער פירט איר אמאָל מיט׳ן שטראם, אמאָל קעגן, אזוי איז אויך געווען די הנהגה פון דעם גרויסן נפטר, ער האָט געוואוסט, ווי צו פירן דאָס פאָלק, אמאָל העלפן אים אין זיין גאנג און אמאָל אָפהאלטן דעם שטראָם.

אויף דעם גרויסן נפטר קענען מיר ריכטיק זאָגן די ווערטער פון נביא לויט דעם פרוש פון חז״ל: „קשה סלוקן של צדיקים כשרפת בית אלקינו“, אז די אבדה שפירן אלע שיכטן

פון פאָלק. עס איז ונמס כל לב, עס צוגייען די הערצער ביי די עשירים ונדיבי לב, פאר ווען ער איז געווען א מורה דרך; ורפו כל ידים — ביי די בעלי מלאכה און האנטווערקער זיינען שוואך געוואָרן די הענט, ווייל ער איז געווען צו זיי ווי א ברו־דער, וכהתה כל רוח — די אנשי־הרוח זיינען אינגאנצן געוואָרן שוואך, פארדונקעלט. וכל ברכים תלכנה מים — די געשעפטס־מענשן און די וואס לויפן ארום בעניני מסחר, זיינען צעגאנגען געוואָרן פון גרוים שרעק, פון צער, וואס דער אלוף וגאון הדור איז נסתלק געוואָרן, ואין לנו תמורתו.

———:———

פא.

הספד על גביר נכבד ונדיב לב

שאלו את שלמה בן דוד עד היכן כחה של צדקה?
אמר להם צאו וראו מה פירש דוד אבא פזר נתן
לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד.
(בבא בתרא דף י׳).

דער געדאנק פון געבראכטן מאמר הגמרא איז אָט וואס. מיר זעען אין דעם ענין פון געבן צדקה דריי קאטעגאָריעס:

א) פאראן גבירים ועשירים, וואס זייער הארץ איז האַרט ווי א שטיין, זייער האנט איז פארמאכט, זיי זיינען קארג פאר זיך און גיבן ניט קיין פרוטה פאר אָרימע מענשן. אויף אזעלכע האָט שלמה המלך געזאָגט אין קהלת: „איש אשר יתן לו אלקים עושר ונכסים וגו׳ ולא ישליטנו האלקים לאכל ממנו וגו׳ ונפשו לא תשבע מן הטובה וגו׳ טוב מנמו הנפל, כי בהבל בא ובחושך ילך ובחושך שמו יכוסה״. די חז״ל רופן זיי: עכברי דשכבי אדינרי (סנהדרין כט). זייער גאנצן לעבן האָבן זיי זיך ניט פארגונען הנאה האָבן פון זייער געלט און אויך דעם צווייטן ניט געגעבן. ווער קען האָבן א נוץ פון אזוינע מענשן?

ב) פאראן גבירים, וועלכע זיינען זייער גאנצן לעבן קארג אויף צו געבן צדקה, אבער פאר׳ן שטארבן צעטיילן זיי זייער פארמעגן אויף אלע עניני צדקה וחסד עפ״י צואה.

ג) גבירים, וועלכע גיבן פיל געלט אויף צדקה ווען זיי לעבן. זיי האָבן קיין מורא ניט טאָמער וועט פאר זיי ניט בלייבן. פארקערט, זיי ציטערן, טאָמער וועלן זיי שטארבן און זייערע

קינדער וועלן ניט געבן קיין צדקה און עס וועט זיין ועזבו לאחרים חילם, און פון זיי וועט ניט בלייבן קיין זכר. דער מין גבירים האָבן אויך מורא, טאָמער וועט זיך זייער מצב בייטן, דער גלגל־החיים וועט זיך א דריי טאָן, זיי וועלן ווערן יורדים, און זיי ווילן ארייינכאפן געבן צדקה וואס מער.

צו טאָן אזוי טאקע, געפינען מיר האָט רב געלערנט זיין תלמיד רב־המנונא: „אם יש לך — ממון — היטב לך", — האָסטו רייכקייט, טו גוטס וואָס מער, שאין בשאול תענוג ואין למות התמהמה" — אין קבר וועסטו שוין דעם פארגעניגן ניט האָבן, און דו קענסט דעם טויט ניט אָפּהאלטן. ער קען קומען פלוצלונג. „ואם תאמר אניח לבני, חוק בשאול מי יגיד לך" — דיינע קינדער וועלן גאר ניט געבן, אָדער פון דיין רייכקייט וועט גאָר ניט ווערן. מען וועט דיר אָנזאָגן אין קבר און דו וועסט ניט קענען העלפן. (ערובין נ"ד).

אויך אויף וואס צו געבן צדקה איז פאראן צוויי אופנים:

א) איינער גיט פיל צדקה אויף אלע עניים, וואס מען שטעלט אים פאָר. אויף יעדער זאַך צו ביסלאַך. דאמאָלט איז זיין צדקה נאָר קענטיק בעולם העליון. דאָרט בספר הזכרונות ווערט אלעם פארצייכענט און יעדע פרוטה האָט איר חשבון, אבער פאר דעם מענשנס אויג ווערט זיין געבן גיך פארגעסן, ווייל מיט דער צייט פארשווינדן סיי די מקבלי הצדקה ווי אויך די נותנים.

ב) ווען דער נדבן, אויסער וואס ער טיילט פארשידענע צדקות פאר נצרכים, גיט ער אָבער אוים גרויסע סומען אויף גע־וויסע אנשטאלטן. ער גרינדעט א תלמוד־תורה, מושב זקנים, בית־חולים, בתי־כנסיות ומדרשות. דאס איז אזא זאך וואס עק־זיסטירט שטענדיק, און דער זכר פון דער נדבה און נדבן לעבן און אלע וויסן עס.

דאָס איז די כונה פון מאמר: „שאלו את שלמה עד היכן כחה של צדקה? וועלכע איז די גרעסטע מַדרגה פון צדקה — אמר להם:

א) פזר נתן לאביונים — ער גיט פארשידענע צדקות פאר פיל ענינים כל זמן ער לעבט. ב) וצדקתו עומדת לעד — דערצו גיט ער נאָך אויף אזעלכע מוסדות, וועלכע פאראייביקן זיין נאָמען, און זיין צדקה שטייט אייביק, יעדער וואס זעט די געביידע וויים, אז דער נדבן האָט עס אויפגעבויט. דאמאָלט איז „וקרנו תרום בכבוד" — זיין שיינער נאָמען איז זייער געאכטעט ביי אלעמען און ווערט דערמאנט מיט ערע און רעספעקט, און אלע זאָגן נאָך אים: ואנשי חסד נאספים, עס איז אָפגעשטאָרבן דער נדיב הלב ואיש־החסד.

דער נפטר, וועמען מיר זיינען מספיד, איז געווען א נדיב פון ביידע מינים. ער האָט געגעבן אויף אלע צדקות און אויף זיין רעכענונג אויך געבויט אנשטאלטן. דערצו איז ער אויך געווען א למדן וירא שמים, און אוהב תורה, איז טאקע די אבדה פון אזא וויכטיקן מענשן זייער גרוים, אזוינע מענשן זיינען יקרי המציאות, און מיר קענען ריכטיק זאָגן „מי יביא לנו תמורתו" — ווער וועט אים פארבייטן.

פב.

הספד על איש תם וישר

יודע ד' ימי תמימים ונחלתם לעולם תהיה — כשם שהם תמימים, כך שנותיהם תמימים.
(מ"ר פ' נח).

דער געדאנק פון דעם דערמאנטן מאמר המדרש איז פאָל־גענדער: דער איש תמים, וועלכער לעבט עפ"י דרך התורה והמצוה, טוט אין יעדן טאָג אויף בעניני־הנפש. זיינע אלע מעשים ווערן פארצייכענט און אזוי ווערן צוזאמענגעקליבן פון די טעג — יאָרן, און פון די יאָרן — א גאנצע תקופה אין זיין לעבן.

ווען אזא איד שטארבט אָפּ, ווערט אויף אים געזאָגט די מליצה: „ואברהם זקן בא בימים" — ער איז אלט געוואָרן און איז אָנגעקומען בעולם העליון מיט אלע טעג, עס איז ניט אוועק איין טאָג אויף הבלי עולם, נאָר אויף תורה ומעשים טובים.

אָט דאָס זאָגט דער מדרש: יודע ד' ימי תמימים, דער אויבערשטער ווייס גוט די טעג פון די תמימים, ביי אים איז פאר־צייכענט יעדער טאָג, וועלכן זיי האבן פארבראכט אין תורה ומצות און אזוי דעם גאנצן לעבן. כשם שהם תמימים — ווי זיי אליין זיינען געגאנגען בדרך האמונה מיט תמימות, אָן חקירות, אָן שאלות, אָן ספקות, אין אלעם געגלויבט, אויף וואס עס באַ־דייט דער אויסדרוק תמים, ווי עס איז געשריבן אין דער תורה: „תמים תהיה עם ד' אלקיך — כך שנותיהם תמימים"— אלע יאָרן זייערע זיינען גאנץ, זיי האָבן זיי פארבראכט אין תורה ומעשים

טובים, ונחלתם לעולם תהיה — זייער נחלה, דער שכר וואס זיי קומט פאר מקיים זיין תורה ומצות מיט תמימות — וועט אויך זיין אן אייביקער.

דעם געדאנק געפינען מיר אויך אין דעם מאמר: „דרש ר' שמלאי תרי"ג מצות נאמרו למשה בסיני וכו' בא ישעיהו והעמידן על י"א, בא מיכה והעמידן על שלש, בא חבקבוק והעמידן על אחת — וצדיק באמונתו יחיה" (מכות כ"ג).

דער איד, וועלכער איז א תמים, ער גלויבט אין אלע עניני התורה, אָן שום חקירות, אָן התחכמות, אפילו די מצות וואס זיינען למעלה מן השכל און ער פארשטייט זיי נים, דאָך איז ער זיי מקיים ערנסט, ווייל ער גלויבט אז משה אמת ותורתו אמת און טוט אלעם מיט'ן כח פון ריינע אמונה, וואס ביי דעם תמים איז איינגעפלאנצט אין הארצן, אזא מענש איז — וצדיק באמונתו יחיה, ער לעבט דעם גאנצן לעבן נאָר מיט'ן קראפט פון אמונה.

דאָס אלעם קען מען ריכטיק זאָגן וועגן נפטר. ער איז געווען א תם וישר דעם גאנצן לעבן, א גרויסער מאמין בכל התורה והמצוה. ער האָט קובע עתים געווען לתורה, געלערנט שעורים, מהדר געווען אין מצות מיט שמחת הנפש. ער האָט אויך געטאָן צדקה העכער פון זיין ערך, ער האָט ליב געהאט צו טאָן טובות צו אלע מענשן. ער האָט מחבב געווען לומדי תורה און זיי מחזק געווען.

דערצו איז ער נאָך געווען שטענדיק הצנע לכת. ער האָט זיינע גוטע מדות נים געוואָלט מפרסם זיין. ער האָט געלעבט רואיק, אויסגעמיטן מחלוקת, שנאת חנם. ער האָט זיך מתפרנס געווען פון זיין אייגענעם געשעפט, ער האָט נים פארנומען פרעמדע געלט און האָט זוכה געווען צו א שם טוב.

אזא מענש מיט אזוי פיל מעלות איז זיין פטירה פאר אונז אַ גרויסע אבדה. אפילו אין פריערדיקע יאָרן וואָלט דער נפטר גע־וועזן א חשוב ויקר במינו, און בפרט אין אונזער תקופה, איז גע־ווים אזא מענש א יקר המציאות. מיר דארפן אים זייער אכטן און מספיד זיין כהלכה.

זאָל דער זכות פון נפטר ביישטיין פאר אונז אלעמען, ער זאָל זיין א מליץ טוב בעולם העליון פאר זיינע פריינט. עס זאָל זיין ווי דער נביא זאָגט: „ובלע המות לנצח ומחה ד׳ דמעה מעל כל פנים", אמן.

פג.

הספד על איש ישר וירא אלקים*)

מיר שטייען דאָ אלע און באוויינען דעם טייערן נפטר, וועלכער איז געוועזן אן אדם יקר. וועלן פילע שטיין און זיך וואונדערן, וואס דארף מען וויינען ווען א מענש שטארבט, עס איז דאָך באוואוסט דער מאמר החכם (קהלת א) דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת. אזוי איז דאָך שוין דער דרך העולם, אז מען דארף שטארבן, און וואס העלפט דאָס וויינען? דערצו זאָגן דאָך אויך חז״ל אויף דעם מאמר פון נביא (ירמיה כב) אל תבכו למת בכו בכו להולך, להולך בלי בנים. אבער דער נפטר האָט דאָך געלאָזן בנים ישרים לאורך ימים, דארף מען דאָך ניט וויינען?

דער זעלבער וואונדער איז אבער ניט נאָר אויף אונז, נאָר אויך אויף די חז״ל. מיר געפינען אין דער גמרא (שבת קה): „אמר ר״י בן פזי וכו׳ כל המוריד דמעות על אדם כשר הקב״ה סופרן ומנחן בבית גנזיו וכו׳ ". עס שטייט ניט אויף א גאון אָדער צדיק נאָר אדם כשר, אזא טיטל, וואס מען קען געבן אפילן אן אדם פשוט נאָר ער זאל זיין א ירא ד׳ און גיין בדרך הישר. אויף דער פטירה פון אזא אדם כשר הייסן חז״ל מען זאָל זיין מוריד דמעות. איז דאָך די פראגע, וואס איז דאָס וויינען?

רבותי! ווען מיר באטראכטן די כלים, וועלכע געפינען זיך אין מענשנס הויז זעען מיר, אז עס זיינען דאָ דרייערליי מינים כלים: א) כלים, וועלכע דער מענש נוצט, ווי שיסלען, כוסות, א. ד. ג.; ב) כלים, וועלכע מען נוצט ניט, נאָר זיי זיינען פאר א

צירונג צום הויז. זיי זיינען זייער טייער און מען היט זיי שטארק; ג) כלים, וועלכע אי מען ניצט און אי זיי באשיינען די אויג און באפוצן די הויז. דאָס זיינען כלים, וועלכע האָבן ביידע מעלות.

ווען עס טרעפט א סיבה, און עס ווערן צעבראָכן כלים, זעען מיר אזוי, אויף דעם ערשטן מין כלים, דאגה'ט דער מענש זייער ווינציק, ער קריגט לייכט און פאר ביליג אָפּצוקויפן אנדע־רע, אויף דעם צווייטן מין זאָרגט ער פיל, ווייל עס איז שוין שווער צו קריגן זייער גלייכן. דאָך קען ער אבער אויסקומען אָן זיי. גרויס איז אבער דער געוויין און שווער די אבדה, ווען עס צע־ברעכן זיך די כלים פון דריטן מין, ווייל דאן פעלט די צירונג און דאָס נוצן פון דער כלי.

דאָס זעלבע זיינען אויך דאָ דריי מינים מענשן: א) אזעלכע, וועלכע זיינען נאָר צום נוצן פון דער וועלט, דאָס הייסט פּראָסטע מענשן אָן קיין מדה טובה. ב) גאונים וצדיקים, וועלכע זיינען ווייט פון ישוב העולם און זיינען איינגעשלאָסן אין זייערע ד' אמות של הלכה; ג) אנשים פשוטים אָדער בעלי מדות טובות און גייען בדרך הישר. יענע זיינען אי פאר נוצן פון דער וועלט און זיינען אויך א צירונג פאר זייער פאָלק, ווייל אלע דערקאנען אז דאָס זיינען זרע ברך ד'.

יעצט, רבותי, אז עס שטארבט א מענש, איז אויב ער גע־הערט צום ערשטן מין, טרויערט די וועלט אויף אים גאָר ניט, ווייל דור הולך ודור בא, און אנדערע קומען אויף זיין אָרט. ווען ח"ו עס ווערט נפטר איינער פון צווייטן מין, א גאון אָדער א צדיק, איז טאקע די אבדה זייער גרויס, כי איה שוקל ואיה סופר ומי יתן לנו תמורתו? ווען אבער עס שטארבט איינער פון דריטן מין, איז דער צער אויך זייער גרויס און אין איין הינזיכט נאָך גרעסער פון צווייטן מין. ווארום אמת טאקע די שיינקייט פון

גאון און צדיק איז אין לשער און ניט צו פארגלייכן, אבער דער איש פשוט האָט מעלות, וואס ער האָט געהאט גרויסע נסיונות החיים אין דער מלחמה פאר זיין קיום, און דאָך ניט פארגעסן זיין חוב צו גאָט און זיין נפש. און דאס איז א גרויסער זכות. ווי עס ווערט דערציילט פאָלגענדע מעשה:

איינמאָל איז דער ווילנער גאון קראנק געוואָרן. האָט ער געשיקט רופן דעם דובנער מגיד זצ"ל, ער זאל קומען און אים זאָגן תוכחה. אז דער דובנער איז געקומען, האָט ער צום גאון אזוי געזאָגט:

— רבי, אייך איז גרינג צו זיין א גאון, ווען איר פאר־שפארט זיך אין אייער חדר מיוחד און זייט זיך דאָרט מתבודד, פרואווט אבער גיין האנדלען אין שוק החיים, האָט צו טאָן אין מסחר און זייט דאָרט דער גאון, אויסגעהאלטן מיט אלע גוטע מדות, דאמאָלט וועט עס זיין א וואונדער, אָבער איצט, ווען איר זעט קיין זאך ניט פאר די אויגן, וואס פאר א נסיון איז דאָס?

דערציילט די אגדה, אז ווען דער גאון האָט דערהערט די רייד, האָט ער זיך שטארק צעוויינט פון דער תוכחה.

אָט דאָס זאָגן די חז"ל: „כל המוריד דמעות על אדם כשר, אן אדם כשר אפילו א פשוט, וועלכער האָט געמאטערט זיך אין זיין לעבן און נהנה געווען מיגיעת כפו, אזא אדם כשר, ווען מען איז מוריד דמעות הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו. איז עס ביי אים זייער טייער, ווייל זייער ווינציק קענען טאקע ביישטיין דעם נסיון און בלייבן כשרים וישרים.

רבותי, דער נפטר פאר אונז פארדינט דעם וואָרט אדם כשר אין פולן זין. ער איז געווען א בן־תורה, געלערנט אליין און מכבד געווען תלמידי חכמים, אבער נאָך מער פון דעם לערנען, איז ער געווען א בעל מדות יקרות. מיט איין וואָרט, א תם וישר און א איש אמונים.

איצט, אז ער איז פון אונז נעדר געוואָרן, איז עס שקול כמעט אזוי ווי א גאון וצדיק, און מיר דארפן פיל מוריד דמעות זיין אויף זיין פטירה.

דאמאָלט, ווען מיר וועלן אים רעכט מספיד זיין און באַוויינען זיין טויט, וועט עס זיין א באוויז אז זיינע מעשים זיינען געווען ביי אונז טייער און הקב"ה וועט די טרערן מניח זיין בבית גנזיו, וועט זיי באהאלטן און פון אונז וועט ער ימחה דמעה מעל כל פנים און מיר וועלן זוכה זיין בביאת הגואל.

פד.

הספד על איש משכיל וחרד בדבר ד'*)

איזהו בן עוה"ב? אמר לו ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך לכו בה כי תאמינו וכי תשמאילו ר' חנינא אמר כל שדעת רבותיו נוחה הימנו. (שבת דף קנ"ג).

עס איז באוואוסט, אז די תורה מיט אמונה ווערן גערופן ימין, רעכטס. אין השכלה און אנדערע חכמות רופן זיך שמאל, לינקס. דאס איז, ווייל די יסודי התורה והאמונה זיינען ריכטי־קער, פעסטער, ווי אנדערע חכמות, פונקט ווי די רעכטע האנט פון מענשן איז שטארקער פאר דער לינקער.

מיט דעם איז ריכטיק דער דרש פון חז"ל מימינו אש דת למו, די תורה איז געגעבן געוואָרן פון דער רעכטער האנט של הקב"ה (ברכות דף ו) ד. ה. מיט רעכטע יסודות ווי די תורה.

דאָס גלייכן געפינען מיר, אז דער וואס לערנט לשמה (ערנסט אָן פניות) זאָגן די חז"ל אויף אים, אז ער גייט רעכטס און אים קומט פיל שכר. דער וואס לערנט ניט לשמה, רופן זיי אים ער גייט לינקס, און דער שכר איז ווינציקער. „למשמאילים בה עושר וכבוד איכא, אורך ימים ליכא". (שבת דף ס' ג').

אויך איז דייטליך אויסגעדריקט אין מדרש „לב חכם לימינו אלו הצדיקים שהם נותנים לבם לתורה שהיא מימין שנאמר מימינו אש דת למו ולב כסיל לשמאלו — אלו הרשעים שהם נותנים לבם להעשיר, שנאמר בשמאלה עושר וכבוד" (מ"ר מטות).

זעען מיר ארויס, אז דער וואס גייט בדרך התורה והאמונה גייט רעכטס, און דער וואס גייט בדרך ההשכלה, אָן אמונה, גייט לינקס. דאָס איז די ערקלערונג פון דעם מאמר: איזהו בן עוה"ב ? מען זאָל אים קענען רופן מיט אן אמת בן עוה"ב. ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר אחרי מטתך, ווען מען טראָגט דיר אין מיטה ביי דיין לויה, און דו הערסט פון די מענשן וואָס גייען אַהינטער דיר: זה הדרך לכו בה, אין דעם וועג, וואָס דער נפטר איז געגאנגען זיין גאנצן לעבן זאָלט איר גיין, כי תימינו וכי תשמאילו —ביידע סעקטן — סיי די וואָס גייען רעכטס, די בעלי־התורה, סיי די וואָס גייען לינקס — די בעלי השכלה אין אנדערע חכמות, ווען אלע זאָגן אויף דעם נפטר עדות, אז ער איז געווען זייער א וויכטיקער מאן, בתורה ויראת שמים, דערצו געלערנט אין אנדערע חכמות ולמודים, און דערביי געבליבן א ירא וחרד, א מאמין ותמים בדרכי ד', אזא מענש איז געווים א בן עוה"ב, און דאָס איז א וועג, וואָס אלע דאַרפן אין איר גיין.

ר' חנינא אומר כל שדעת רבותיו נוחה הימנו, — אויב א מאַן איז געבילדעט און איז געבליבן א ירא־שמים, א מאמין בכל דברי רבותיו, זיינען די רבותיו פון אים צופרידן, ווי די חז"ל זאָגן: כי הוו מיפטרי רבנן מבי רב חסדא, אז די תלמידים פלעגן זיך זעגענען מיט רב חסדא'ן, פלעגן זיי אים זאָגן: „אלופנו מסובלים וגו' ואי צוחה ברחובתנו — שלא יהי' בינינו בן או תלמיד שמקדיח תבשילו ברבים" — א תלמיד, וועלכער גייט ארויס לתרבות רעה, איז א גרויסער בזיון פאר זיין רבי'ן. (ברכות טז). און ווי דער מדרש זאָגט: „כל המעמיד תלמיד רשע סופו להתבזות ממנו וכו' " (פתיחתא דאיכ"ר).

דעריבער זאָגט ר' חנינא: „איזהו בן עוה"ב כל שדעת רבותיו נוחה הימנו," — א תלמיד א ירא שמים, א מאמין, זיינען די רביים צופרידן, זייער תורה און אמונה, וואס זיי האָבן מיט

אים געלערנט, האָט געבראכט פרוכט און זיי ווערן ניט פאר־שעמט פון אים.

די זעלבע רייד קענען מיר זאָגן אויף דעם נפטר: אויסער וואָס ער איז געווען א מלא וגדוש אין תורה, א גרויסער געלער־טער אין איבריקע חכמות, איז ער געווען א ירא שמים ומאמין בכל עניני האמונה והדת, און מיר הערן איצט ביי דער לויה, מאחוריו, אחרי מטתו: זה הדרך לכו בה כי תאמינו וכי תשמאילו — אלע קלאסן פון רעכטס און לינקס לויבן אים און ריידן זיינע מעלות, איז געווים דעת רבותיו נוחה הימנו, און דער נפטר איז געווים א בן עולם הבא.

אונזער אבדה איז דעריבער גרויס, ווייל אזא מענש דינט פאר א משל פאר פילע, צו לערנען פון אים די וועג, און אז ער שטאַרבט אָפּ — פעלט ער אונז אלעמען. זאָל כאָטש זיין אנ־דיינקען בלייבן ביי אונז הייליג, און לאָמיר זיך באַמיען צו גיין אין זיינע וועגן.

———:———

פה.

הספד על אשה כשרה*)

מיט געבויגענע קעפ שטייען מיר דאָ און מיר וויינען און טרויערן איבער דעם ארון, וואו עס רוט דער קערפער פון דער טייערער און ווירדיגער פרוי, וואס נאָר דער טויט האָט אָפּגע־ריסן פון אונז. איר טויט איז ניט נאָר א פארלוסט פאר איר מאן, קינדער און דער גאנצער משפחה, נאָר אויך פאר אונזער גאנצער געגענד און אבדה פאר פיל אינסטיטוציעס, וועמען די נפטרה האָט געהאָלפן מיט ראט און טאט.

אין שולחן ערוך (יו"ד הלכות אבלות) ווערט געזאָגט, עס איז א גרויסע מצוה צו מספיד זיין א מת ווי עס דארף צו זיין און דערמאנען זיינע שבחים, און אזוי ווי מען איז מספיד מענער, אַזוי דארף מען אויך מספיד זיין ווייבער. מען דארף דערציילן דער פרוים שבחים, און אויב זי פארמאָגט ניט קיין מעשים טובים, דארף מען מספיד זיין מיט די מעשים פון אירע עלטערן און פריינט.

ביי דער נפטרה ווייסן גוט אלע פארזאמעלטע, אז מען דארף ניט אָנקומען דערציילן וועגן אירע פריינט; אירע אייגענע זעל־טענע מעלות זיינען ווערט צו דערציילט ווערן און אירע מעשים אליין ברייגנען ארוים אירע גרויסע שבחים.

די חז"ל זאָגן אונז (כתובות קד) כשנפטר אדם כשר מן העולם, ג' כתות של מלאכים מקבלים פניו. אחת אומרת בא שלום, שניה אומרת הולך נכחו, ושלישית אומרת יבא שלום ינוחו על משכבותם. דער געדאנק פון דעם מאמר, וואס יעדע

כתה מלאכים זאגט אנדערש באשטייט אין דעם, וואס מען רע־כענט אוים דעם נפטר זיינע זכותים און שבחים. די ערשטע כתה זאָגט בא שלום, דאס מיינט, זיי רעכענען אוים דעם מענשן זיין יחוס און אפשטאמונג און דאס איז בא שלום, גלייך פון זיין קומען אויף דער וועלט איז ער געווען בשלום, אין גאנצקייט.

די אנדערע כתה רעכענט שוין אוים די מעשים פון דעם נפטר, זיינע אייגענע זכותים, וואס ער האָט אויפגעטאָן אין זיין לעבן. און דאס איז הולך נכחו, זיי זאָגן עדות, אז ער איז גע־גאנגען אין א גלייכן וועג, און דער וואס גייט אין א גלייכן וועג וועט קיינמאָל ניט ארייַנפאלן און ניט זינדיגן.

די דריטע כתה רימט שוין דעם אדם כשר מיט זיינע קינ־דער וואס ער האָט געלאָזן נאָך זיך. ווייל דורך די גוטע מעשים פון די קינדער רוען די עלטערן אין פרידן אין קבר. ווי עס שטייט (איוב כ״ז) „יגלו שמים עונו והארץ מתקוממה לו״, די ערד וויל ניט איינהאלטן דעם רשע, אבער ביי ווען די קינדער זיינען זרע צדקה ומרפא, איז יגלו שמים צדקו, און דער גוף רוט מיט שטילע רואיקייט אויף זיין געלעגער. דעריבער זאָגן זיי „יבוא שלום, ינוחו על משכבותם״.

מיט אָט די אלע דריי מינים פון שבחים קענען באגעגענען די מלאכים אונזער נפטרה, די אשה כשרה, הן מצד איר תולדה שטאַמט זי פון גדולי היחוס, וועלכע האָבן איר אויפגעצויגן און געלייגט דעם פונדאמענט פאר איר אידישן גייסט און ווארימע אידישע הארץ. די מיטלסטע כתה קען אויך אויסרעכענען אירע מעשים, די פילע צדקה וואס זי האָט געגעבן און איר טיכטיקע ארבייט לטובת הכלל ענדלאך די לעצטע כתה האָט אויך וואס צו זאָגן, וועגן אירע קינדער די פרות וועלכע זיינען ניט ווייט פון בוים. די קינדער מיט זייערע משפחות פירן א פיינעם אידישן סטאַט און רופן ארוים

צו זיך כבוד און אנזען, און דאס איז אלעס, ווייל זי האט זיי געלערנט אזוי צו זיין.

די נפטרה איז געווען אין דער זעלבער מדה, וואס די חז"ל רעכענען אוים ביי אן אשת חיל „כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון." (משלי לא. א.). דער רעיון פון דעם פסוק איז אזוי, כפה פרשה, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, געבעטן נדבות ביי לייטן, לעני — פאר דעם ארימאן. וידיה, אירע הענט, דאס מיינט אירע כחות, איר גאנצע ענערגי שלחה לאביון, האט זי געשיקט צו די ארימעלייט, געזוכט מיטלען ווי צו שטיצן די געדריקטע בדרך כבוד.

די אבדה איז דעריבער ניט נאר פאר איר משפחה, ביי וועלכע עס איז אפגעריסן געווארן דער קרוין פון קאפ, נאר אויך פאר אונז אלעמען. מיר אלע דארפן פארגיסן טרערן אויף דער גרויסער אבדה, און דאס טאקע דארף זיין אביסל נחמה פאר דער טרויערענדער פאמיליע. זיי זיינען ניט אליין אין זייער אומגליק, מיר אלע זיינען מיט זיי מיט אונזערע פארוויטאגטע הערצער און טרויעריגע געמיטער.

מיר קענען זיך נאר אלע טרייסטן און אויסרופן ד' הוא האלקים אז אלקים וואס שטראפט מיט זיין מדת הדין, איז ער אויך גלייכצייטיק א בעל רחמים ורצון, ער מאכט טויט און לעבעדיק, פארוואונדעט און היילט און עס וועט מקוים ווערן בלע המות לנצח, ומחה ד' אלקים דמעה מעל כל פנים.

קורצע רעדעס

פון ב. פרנס

א.

צו א פאָטערס געבורטסטאָג.

ליבער פאָטער, מוטער, פריינט און פארזאַמעלטע!

מיר אלע האָבן זיך דאָ אויפגעקליבן פייערן דעם געבורטס־טאָג פון מיין ליבן פאָטער. איר אלע זייט אים די בעסטע פריינט און ווינשט אים געווים גליק, געזונט און אריכת ימים. דאָפּעל שטאַרקער איז אבער די פרייד פון זיינע קינדער מיט דעם דאָ־זיגן גליקליכן טאָג.

איר ווייסט אלע, ליבע פריינט, ווי יעדער פאָטער איז זיך מקריב פאר די קינדער. ווי נאָר דאס קינד מיט דער מאמעס הילף שטעלט זיך אויף די פיס, ווערט עס אריבערגעוואָרפן אין טאַ־טענס רשות. דער טאַטע נעמט אויף זיך די פאראנטוואָרטליכ־קייט פאר די גייסטיגע ענטוויקלונג פון זיין קינד. ער זאָרגט עס זאָל אויסבילדן זיין כאראקטער, זיך אָנקלויבן מיט ידיעות און ערפארונג, עס זאל שפעטער אליין קענען פירן דעם קאמף פאר׳ן עקזיסטענץ.

דאָס זאָרגט יעדער פאָטער.

נאָך מער אבער האָט אונזער פאָטער ערפילט זיין חוב קעגן אונז. זיין ליבע האָט ניט געוואוסט קיין גרענעצן און קיין זאך איז ניט געווען פאר אים צו שווער און אוממעגלאך, אויב נאָר

דאָס האָט געקענט ברייגנען פארגעניגן אָדער נוצן צו זיינע קינדער.

א סך געבורטס טעג פון אונזער פאָטער זיינען אריבער ווען מיר זיינען געווען קליינע קינדער. מיר האָבן דאמאָלט דאָס ניט געוואוסט ווי אָפּצושאצן. צייטנווייז האָט זיך נאָך אונז אויס־געדוכט פארקערט, אז דער פאטער איז שטריינג מיט אונז, קוקט אונז נאָך און לאָזט אונז ניט טאָן וואס מיר ווילן. ערשט אבער, אז מיר זיינען אויסגעוואקסן און געקומען צו א ריכטיקן פאר־שטאַנד, פילן מיר, אז זיין אויג האָט דאָס אונז באוואכט און אָפּ־געהיט פון אלע רייצן און מכשולים, וועלכע לויערן אויף דעם מענשן ביז ער ווערט רייף און קען זיך אליין קעגן זיי אנטקעגנ־שטעלן, זיי איבערשטארקן.

יעצט, ווען מיר פארשטייען עס שוין אָפּצושאצן, קוקן מיר מיט גרויס אומגעדולד אויס יעדע געלעגנהייט צו קענען אויס־דריקן אונזער דאנקבארקייט און הייליגע פארערונג פאר די אלע מעשים. אונז ווילט זיך אָפּט פון גרויס ליבע ארומכאפּן אונזער פאָטער און אים שטארק קושן, אבער די וואָכעדיגע טעג רויבן אוועק די צייט, געמיטליכקייט און טיפע געפילן. אבער איצט, ביי דער גרויסער שמחה פון דעם טאטענס געבורטס טאָג, געניסן מיר שוין דעם גאנצן פארגעניגן און דריקן אויס אונזער גאנצע ליבע און הייליגע אכטונג צו אונזער טאטן.

מיר ווילן זאָגן ברכות, בענשן אונזער ליבן טאטן מיט גליק, געזונט און אלדאָס גוטס אויף לאנגע, לאנגע יאָרן. אבער צו קליין איז אונזער שפראך און צו ווינציק די ווערטער. די הערצער אונ־זערע זיינען פול מיט גליק איבער די ברעגעס און קענען מער ניט ריידן.

פאר דיר, ליבע מאמע, זיינען אויך גילטיג אַט די זעלבע רייד, נאָר יעצט רעד איך, דער עלטערער זון, אין נאָמען פון אלע קינדער און אויך, מאמע, אין דיין נאָמען.

מיר פילן דיין פולע הארץ און דיין פרייד פאר אונז אלעמען. מיר זעען די בריליאנטענע טרערן, וועלכע גלאנצן אויף דיינע אויגן, מיר זעען די שכינה וועלכע שטראלט אויף דיין און דעם טאַטנס פנים.

מיר ווינשן, אז נאָך אומצעליגע יאָרן זאָלען אייערע פנים'ער באשיינען אונזער אויבן־אָן אין דער משפחה און פרייד זאָל הערשן ביי אונז און ביי אלע אידן.

———:———

ב.

צו אַ מוטערס געבורטסטאָג

פריינט און פארזאמעלטע!

מיר געפינען זיך דאָ אלע ביי א יום טוב לכבוד מיין ליבע מוטער.

מיינע טייערע פריינט! מיין מוטער איז דער יום טוב אין מיין לעבן. ווען דאס קינד איז קליין און שוואך און קען אַ ווײַלע זיך ניט באגיין אָן דער מאמען, און די מאמע היט אָפּ אויף שריט און טריט, לערנט און צייגט אים און איר געדולד, וויים ניט פון קיינע גרענעצען, — דאמאָלט באזיצט דאס קינד נאָך ניט דעם פארשטאַנד דאָס אָפּצושאצן, אבער דערפאר שאצן דאָס אָפּ אלע זייטיגע מענשן. יעדער איינער זעט, אז אָן דער מאמען וואָלט דאָס קינד ניט אויפגעוואקסן גאנץ און פאָלקאָם. ווען דער מענש וואקסט שוין אָבער אוים, באקומט דעם רייפן פארשטאַנד, ביל־דונג און ערפארונג, דוכט זיך שוין דעם זייטיגן מענשן, אז די מאמע איז שוין פאר אזא ערוואקסענעם ניט נויטיג.

ניין, מיינע פריינדע, די אומגליקלאכע, וואָס האָבן ניט קיין מוטער, ווייסן ניט דעם גליק מיט וואס אן אויפגעוואקסענער מענש איז געבענשט, ווען ער פארמאָגט א מאמען. ווען מען פארמאָגט א מאמען, איז מען נאָך שטענדיג א קינד, און מען ווערט קיין מאָל ניט אלט.

ווען דאס לעבן ווערט אמאָל שווער, ווען דער יאָך צו הארב און דער קאמף פאר'ן עקזיסטענץ אומערטרעגלאך — דאן לויפט מען צו דער מאמען.

די מאמע בארואיקט, די מאמע פארגלעט אלע וואונדן, פרישט אָפּ און ערקוויקט דעם גייסט.

די מאמע — דאָס איז א טייערער אוצר, וואס מען איז דער גליקליכסטער, אז מען פארמאָגט עס.

איך פיל שטענדיג דעם גרויסן אוצר וואס איך פארמאָג, און יעדע שמחה לכבוד מיין מוטער, איז דאס מיין אייגענע גרעסטע שמחה.

זאָל איך ווינשן מיין מוטער? קען דען א מענש זיך אליין ווינשן?

מיין וואונש איז די שטענדיקע תפלה אויף מיינע ליפּן, אז מיין אוצר זאָל מיר שטענדיק באגלייטן אין מיין לעבן. איך זאָג נאָר צו מיין מאמען, אז איך וועל זיך באמיען פאָלגן אירע עצות און זען גיין אין די וועגן וואס זי האָט מיך געלערנט, כדי זי זאל זען אויך אביסל נחת פאר איר פיל מאטערניש און צער, דער צער פון גדול בנים.

גאָט זאָל געבן מיר זאָלן אלע זוכה זיין פייערן נאָך פילע, פילע יאָרן מיין מאמעס געבורטס טאָג און שטענדיק זאל איר שטראלענדער פּנים באשיינען אונזער משפחה.

———:———

ג.

ביי א סעודת מילה

ווערטער פאָטער און מוטער פון דעם נימול און טייערע געסט:

מיר זיצן דאָ אלע ארומגעזעצט ביי שיין געדעקטע טישן און און זיינען זיך משמח מיט דער מצוה וואס מיר האָבן דאָ דורכ־געפירט. איר פאָטער און מוטער פון רך הנימול האָט באריי־כערט אונזער פאָלק ישראל מיט נאָך א מיטגליד. איר האָט דורכגעפירט דעם הייליגן אקט, וואס לאָזט אין אייער קינדס לייב דעם אייביגן צייכן, אז ער איז א זון פון דעם ישראל סבא, דעם אלטן אידישן פאָלק, וואס לעבט אייביג.

טייערע עלטערן! מיט טראָפּענס בלוט פון אייער קינד האָט איר די מצוה מקיים געווען. דאָס ווערט פאררעכענט, ווי איר האָט געבראכט צו דער עקידה אייער קינד, אזוי ווי אונזער פאָ־טער אברהם האָט געטאָן.

כאָטש אייער הארץ האָט געווים געוויימאָגט, ווען דאס עופ׳עלע האָט געשריען, אז מען האָט ביי אים גענומען אביסל בלוט, זיין אָפּצאָל פאר׳ן ווערן א איד, — דאָך האָט ביי אייך די שמחה איבערגעשטארקט, די שמחה, וואָס איר האָט זוכה געווען צו געבן אייער טייל צום פאָלק, איינצושליסן זיך אין דער גאָל־דערנער קייט פון דורות, וואס בינדט דעם עבר מיט׳ן עתיד פון אידישן פאָלק. דאָס איז א צייכן אויף די גרויסקייט פון אונזער פאָלק. יעדער פאָטער און מוטער איז ביי אונז א העלד. זיי ווייזן מיט דעם זייער מסירת נפש פאר׳ן פאָלק, אז קיין קרבן איז זיי ניט צו שווער פאר אים.

דעריבער איז די מצות מילה אזוי געאכטעט, פארהייליגט ביי אונז אידן. ביי אלע שווערע צייטן אין דעם לויף פון דער אידישער געשיכטע, ווען די שונאים אין מיטל-אלטער האָבן אונז די מצוה פארווערט, און ניט דערלאָזן, אז מיר זאָלן מל זיין אונ־זערע קינדער, — האָבן מיר איינגעשטעלט דעם לעבן און אין גרויס סכנה דורכגעפירט די מצוה. מיר האָבן זיך אזוי מוסר נפש געווען, ווייל מיר האָבן אנערקענט, אז דער גאנצער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק הייננט אָפּ פון דעם ברית קודש.

מיר באגריסן דעריבער די עלטערן מיט דעם גליק, וואס זיי האָבן זוכה געווען. מיר ווינשן, אז דאס קינד זאָל אויסוואקסן אַ טרייער און א גוטער איד, איר און מיר אלע זאָלן זיין שטאָלץ אויף אים, און אונזער אייביגע פאָלק וועט געמערט ווערן מיט נאָך א זון, וואס וועט ווייטער ממשיך זיין זיין עקזיסטענץ.

ד.

רעדע פון א פאָטער פון אַ בר מצוה

מיין טייערער זון און ליבע געסט!

טיף גערירט ביז טרערן פון גרוים פרייד, שטעל איך מיך אויף צו זאָגן די פּאָר ווערטער.

דו ביזט, מיין קינד, היינט געוואָרן בר מצוה, דאָס הייסט, א זעלבסטשטענדיגער מענש און די הערצער פון דיינע עלטערן קוועלן פון גליק און נחת, וואס מיר האָבן דאָס זוכה געווען צו זען.

ווען מען האָט דיך, מיין קינד, גערופן צו דער תורה, האָב איך געזאָגט „ברוך שפטרני", דאָס הייסט, איך האָב געדאנקט גאָט, וואס איך ווער באפרייט פון צו זיין פאראנטוואָרטליך פאר דיינע מעשים, אבער דאס מיינט ניט, אז איך וויל זיך טאקע באַ־פרייען און איבערלאָזן אלעס צו דיר אליין.

ניין, מיין קינד, ווי פריער, וועלן מיר דיינע עלטערן שטיין אויפ'ן וואך און דיר לערנען ווי צו גיין אין דעם גלייכן וועג. מיר דיינקען גאָר ניט וועגן אראָפּוואַרפן פון אונז דעם יאָך, ווייל מיר האלטן עס גאָר ניט פאר א יאָך. אונז איז קיין זאך ניט שווער פאר דיר. עס איז אונז אלעס ליב און גרינג צו טאָן פאר דיין וואויל.

דו, אָבער, אונזער קינד, דארפסטו, פון דיין אייגענע טובה וועגן, דיר נעמען אין די הענט. דו מוזט זיך לערנען, ווי א מענש

דארף זיך אליין פירן אין לעבן, ווי ער מוז זיך באהערשן ניט צו טאָן קיין שלעכטע מעשים, כדי ער זאל קענען געניסן די גוטס פון לעבן און זיין גליקליך.

מיר האָפן, אז די לערנונגען וואס מיר דיינע עלטערן און די לערער, וועלכע מיר האָבן שטענדיק פאר דיר באזאָרגט, האָבן דיר געגעבן, וועלן דיר דינען פאר ליכט זיילן. זייער שיין וועט דיר לייכטן פאָראויס און ווייזן וואו עס ציט זיך דער אויסגע־טראָטענער גראדער וועג, דו זאָלסט ניט דארפן זוכן אין דער פינסטער און זיך שטרויכלען אן אלע שווערע שטיינער וועלכע ליגן אויף דעם מענשנס וועג פון לעבן.

מיר האָפן דאָס זוכה זיין צו זען און האָבן נחת פאר אונזער מי.

אייך, ליבע געסט, וועלכע פרייען זיך אין אונזער פרייד און זיינען גליקליך מיט אונזער גליק, מיר ווינשן אייך, אז איר זאָלט זוכה זיין מאכן אייערע קינדער און אייניקלאך פאר בר־מצוה און גליק און פרייד זאָלן תמיד הערשן ביי אייך אין די הייזער.

ה.

צו אַ חתונה

ביי דער סעודת מצוה.

ליבע חתן כלה, מחותנים און געסט!

מיט פרייד נעם איך אויף די געלעגענהייט צו גראַטולירן חתן כלה און ווינשן זיי גליק.

טייערער חתן און ליבע כלה! א ווײַלע פריער האָבן מיר אלע בייגעוואוינט די חופה, די הייליגע צערעמאָניע, וועלכע האָט אייך פארבונדן צוזאמען אויף דעם גאנצן לעבן כדת משה וישראל. פון איצט אָן בויט איר צוזאמען אייער היים. דער גליק פון א היים הייננט אָפּ נאָר פון שלום, וואס דארט הערשט. אונזערע גרויסע חכמים האָבן דאָס פארשטאַנען און האָבן אונז אָנגעזאָגט, אז דער מאן דארף עהרן זיין פרוי נאָך מער פון זיך אליין. זיי האָבן געזאָגט: המוקירה כגופו והמכבדה יותר מגופו (טייער האלטן ווי זיך זעלבסט און עהרן — מער ווי זיך אליין) ער דארף זען, אז איר זאָל גאר ניט פעלן און איר באַהאנדלען מיט אכטונג און רעספעקט. די פרוי דארף פילן, אז דער מאן איז איר היטער, איר באשיצער און פארערער.

אויך איז די פרוי פון איר זייט אָנגעזאָגט געוואָרן, אז זי דארף זאָרגן, אז דער מאן זאל אין היים געפינען רו און פארגעניגן. ער דארף אין דער פרוי זען א חבר און פריינט, וועלכע טיילט זיין פרייד און פילט אים מיט אין צער. א פריינט, וועל־

כער העלפט טראָגן דעם שווערן יאָך פון לעבן. זי דארף פון אים ניט פאָדערן צופיל, דאס וואס ער קען ניט באווייזן.

ווען אזוינע צושטענדע הערשן ביי א מאן און ווייב איז דער שלום בית געזיכערט, און גליק רוט געווים אין אזא הויז.

איך דריק אויס מיין האָפענונג און וואונש, אז ביי דער יונגער פאָר וועלן זיין אלע אויסגערעכענטע מעלות, זיי וועלן איינער דעם אנדערן שעצן און אכטן און גליק און שלום וועט הערשן ביי זיי אין הויז.

איך ווינש אויך, אז זייער הויז זאל זיין א אידישע היים מיט אלע מעלות, וואס א אידישע היים פארמאָגט.

דאָס וועט זיין אונזער גרעסטע פרייד, ווי אויך די פרייד פון גאנצן אידישן פאָלק, צו וועלכן עס קומט יעצט צו נאָך א הויז, וועלכע וועט זיין פול מיט רום און גלאנץ.

———:———

ו.

צו א חתונה

(א רעדע פון פאָטער פון חתן)

מיינע ליבע קינדער, חתן און כלה, מחותנים און געסט!

נאָר וואס, מיין זון, ביזטו געשטאנען אונטער דער חופה און זיך פארבונדן מיט דיין פרוי אויף אייביק. די זעלבע חופה האָט מיר אויך געגעבן א זאך: נאָך א ליבע טאָכטער. איך פריי זיך מיט מיין נייע טאָכטער אזוי שטארק ווי דו, מיין זון, מיט דיין ווייב.

מיינע ליבע קינדער! איך פארשטיי גוט אייערע געפילן אין דעם מאָמענט. צוזאמען מיט דער שמחה באהערשט אייך א געפיל פון פאראנטווארטליכקייט. איר האָט זיך צוזאמענגע־בונדען אויף דעם לעבן אין דער ווייטער אומבאקאנטער צו־קונפט שרעקט אייך און ברייננגט אביסל זאָרג און אומרואיקייט אין אייערע הערצער.

איך ווייס, מיינע קינדער, די געפילן. איך געדיינק נאָך ווען איך האָב חתונה געהאט מיט דער מאמען, וואָסערע געדאנקן און געפילן האָבן איבערפילט מיין וועזן אין די גליקלאכע מינוטן פאר דער חתונה פרייד.

איר דארפט ווייסן, אז איך האָב ניט חתונה געהאט מיט דער מאמען. א מאמע איז זי ערשט שפעטער געוואָרן, פאר מיר איז זי ביז דאן נאָר געווען א באקאנטע מיידל, ווי איצט די כלה,

און איך האָב אויך געהאַט די זאָרג, וועך וויים וואס וועט די צוקונפט ברייננען.

אָבער איר ווייסט דאָך, ליבע קינדער, אז דער זאָרג איז געד וועך אן אומזיסטער. עס איז זיך ניט געווען וואָס צו שרעקן, ניט פאר מיר און ניט פאר אייער מאמען. דאס זעלבע וועט זיין מיט אייך.

דאָס לעבן, וואס איר האָט געזען ביי אייערע עלטערן, וועט דינען פאר א מוסטער פאר אייך. איר וועט זיך באמיען צו אכטן און ליבן איינער דעם אנדערן. איר וועט אויך איינער דעם אנדערן פארגעבן און אויסרעכענען אין דעם גוטן זייט, און שלום ושלוה וועט הערשטן ביי אייך. אייער הויז וועט זיין א היים פון גליק און צופרידנהייט און מיר, אייערע עלטערן, וועלן האָבן פון אייך נחת.

איך ווינש גליק און דאנק אלע ליבע געסט, וועלכע האָבן אונז באערט מיט זייער אנוועזנהייט, און געקומען זיך טיילן אין אונזער פרייד. ביי די שמחות פון אייערע קינדער וועלן מיר אייך אָפדינען.

גאָט זאָל געבן, אז פרייד זאל הערשן אין יעדע אידישע היים.

———:———

ז.

רעדע פון א פרעזידענט פון א שול

(צום אינסטאַליישאָן)

ווירדיגע ברידער!

עס פארשאפט מיר פיל פארגעניגן און שטאָלץ דער צו־טרויען, וואס איר האָט מיר באוויזן. איר האָט מיך אויסגע־קליבן און אינסטאַלירט אלס אייער פרעזידענט און אָנפירער. איר האָט איבערגעגעבן אלע הייליגע ענינים פון שול אין מיינע הענט, און איר פארלאָזט זיך אויף מיר, אז אלעס וועט זיין אין אָר־דענונג.

איך דאנק אייך, טייערע ברידער, פאר דעם גרויסן כבוד און וויים עס הויך אָפּצושאצן. איך וועל אויסנוצן אלע מיינע כחות און מעגליכקייטן פאר דעם בעסט און וואויל פון שול. איך מוז אייך אָבער, ווירדיגע ברידער, זאָגן א פאָר ווערטער.

מיר אלע שול־אידן וויסן די וויכטיקייט וואָס א שול איז פאר אונז. די שול, דאס איז דער צענטער, וואס האלט אונז אלעמען צוזאמען. דאָס איז דער איינציגער אָרט, וואו מיר זיי־נען ריינע אידן און קומען דאָרט אלס אידן. די שול קניפט אונז אויף אין די ימים נוראים און האלט דעם בונד א גאנצן יאָר.

אונזער שול איז דער צענטער פון אונזער געגענט, און כדי זי זאָל באמת זיין א בית מקדש מעט, די מתפללים זאָלן האָבן פארגעניגן אין די הייליגע שעה'ן, וואס זיי פארברייגען אין

איר, מוז אלעם אָנגעפירט ווערן פון א ריכטיקע האנט און אלע ענינים מוזן גוט ערליידיקט ווערן.

דאָס וואָס איר פארלאָזט זיך אויף מיר, שאפט אין מיר דעם גרויסן געפיל פון אחריות פאר דער הייליגער זאך. איך פיל מיך פאראנטוואָרטליך ניט נאָר פאר אייך ברידער, נאָר פאר'ן גאנצן כלל ישראל, וואס יעדע שול איז א חלק פון אים.

איך מוז אייך אבער זאָגן, ברידער, אז דער בעסטער פרעזידענט קען גאָר ניט אויפטאָן אָן די הילף פון אלע ברידער. דער פרעזידענט קען מער ניט ווי אָנפירן, אָבער טאָן מוזן אלע. איר אָלע ברידער דארפט זיין שטענדיג ביי די מיטינגס, איר מוזט העלפן דורכפירן אלע החלטות און געבן אייערע אָנווייזונגען און עצות. איר דארפט אויך מערן דעם צאָל פון די ברידער און צוציען צום שול אלע בעסטע כחות, וואס מיר פארמאָגן אין דעם געגענט.

נאָר מיט אלעמענס הילף קען די שול וואקסן און בליען. איך האָף, אז איר וועט אלע טאָן אייער חוב צום שול, צו זיך אליין און צו אייער פאָלק, און דורך געמיינזאמע ארבייט וועלן מיר פירן די שול צום העכסטן פרעסטיזש, וואָס דער נאָמען שול פארדינט.

———:———

ח.

רעדע ביי א תלמוד-תורה באנקעט

ווערטע פארזאמעלטע!

מיר זיינען דאָ אלע פארזאמעלט ביי דעם באנקעט, וואס איז אראנזשירט געוואָרן פון אונזער תלמוד-תורה. עס איז אי־בעריק צו ריידן און ערקלערן וואס א תלמוד-תורה מיינט בכלל פאר אונז אידן. דער וואָרט „תורה" איז שוין אזוי אלט, ווי דאָס אידישע פאָלק אליין. דורך דער תורה זיינען די אידן געוואָרן א פאָלק, און אירע געזעצן בינדן און קניפן אונז אלעמען צוזא־מען. עס איז ניט מיין אויפגאבע און ניט מיין מיסיע צו ריידן וועגן תורה בכלל. די באדייטונג פון דער תורה איז איינגע־קריצט און איינגעוואָרצעלט ביי יעדן אין הארצן פון הונדער־טער דורות. מיר אלע ווייסן, אז נאָר א דאנק דער תורה עקזיס־טירן מיר אלס אידן ביז היינט.

איך וויל נאָר זאָגן א פאָר ווערטער וועגן אונזער תלמוד־תורה.

די אומשטענדן זיינען אזוי, אז דער חוב פון לערנען די קינ־דער אידישקייט איז, ליידער, זייער פארנאכלעסיגט געוואָרן ביי אונז דאָ אין אמעריקא. זייער זעלטן נעמט א פאָטער א רבי'ן צו זיך אין הויז (אויסער אפשר אויסצולערנען עברי) און די קינ־דער וואקסן אויס פרעמד פון אידישן גייסט, פון תורה און פון אידישן רייכן עבר.

די תלמוד־תורה — דאָס איז דער איינציקער ליכטיקער ליכט־טורם, דער איינציקער עמוד־האש, וואס באלייכט אונז דעם וועג צו אונזער צוקונפט.

אין תלמוד־תורה שיקט יא דער פאָטער און מוטער זייער קינד, ער זאָל דאָרט עפּעס לערנען.

אין תלמוד־תורה לערנען אויך די אָרימע קינדער, פאר וועלכע די עלטערן קענען ניט באווייזן צו באצאָלן שכר למוד. אָט די אָרימע קינדער זיינען דער פונדאמענט פון אונזער פאָלק אין אלע צייטן, ווי אונזערע חכמים האָבן אונז געלערנט „הזהרו בבני עניים כי מהם תצא תורה", זייט פארזיכטיק מיט אָרימע קינדער, ווייל פון זיי וועט ארויסגיין די תורה.

די תלמוד־תורה דאָס איז דער צוקונפט פון אונזער פאָלק. מיר, אין אונזער געגענט, דארפן אויך ביישטראָגן אונזער חלק צום קיום פון פאָלק. מיר דארפן זען אויפהאלטן און אויסהאלטן אונזער תלמוד־תורה, וואָס איז אונזער צירונג.

לאָמיר בויען דעם עתיד פון אונזער פאָלק, לאָמיר טאָן אונ־זער היילינגן חוב און שטיצן אונזער תלמוד־תורה, די הייליגע היים פון אונזער צוקונפט.

ט.

ביי אן אינסטאליישאן פון א רב

ווירדיגע רבנים, מעמבערם פון קאנגרעגיישאן און געסט!

מיר האבן זיך דא אלע צוזאמענגעקליבן צו אונזער גרויסן יום־טוב, צו דעם אינסטאליישאן פון אונזער ווירדיגן רב.

דער טאג איז ווירקליך א יום טוב ביי אונזער קאנגרעגיישאן. מיר זיינען גליקלאך אויף אונזער אויסוואל, וואס אונז איז געלונגען צו באזיצן אונזער רב, אזא גרויסע פערזענליכקייט. זיין אנוועזענהייט אין אונזער שול און סביבה וועט געוויס אונז אלעמען אויפלעבן. זיין פערלדיקער מויל, וועלכער וועט קלאר ארויסברייגען זיינע טיפע געדאנקען, וועלן געוויס אויסבעסערן און אויסאיידלען אונזערע מדות. זיין פערזאן וועט זיין דער מיטל־פונקט, ארום וועלכן מיר אלע וועלן זיך קאנצענטרירן.

דער טאג איז דעריבער אונזער יום טוב, נאך מער ווי דעם רב'ם אליין. ביי אונזער ווירדיגן רב איז טאקע אויך א שמחה. ער זעט ביי דער געלעגענהייט אלע ברידער פון שול, זייערע התלהבות פאר אונזער מקום־קדוש. ער לערנט דערפון, אז ער פארמעגט אן עולם, וועלכע וועלן זיך צוהערן צו זיינע רייד און וועלכן אים אכטן. אבער אונזער שמחה, די שמחה פון די ברידער, איז דאפעלט גרעסער. דעם דימענט האבן מיר באקומען. עס איז היינט א גרויסער חנוכת הבית אין אונזער שול.

מיר באנייען איר מיט דער שענסטער צירונג, נאָך מער, ווי מיר וואָלטן אריינברייגנגען א ספר תורה.

אונזער רב וועט פאר אונז ריידן אויף צוויי שפראכן. פאר אונז, עלטערע, אויף אונזער מאמע לשון, און פאר די יונגע, אונזערע קינדער, אין ענגליש. אבער כאָטש ער וועט ריידן דורך צוויי מיילער, אבער דאס הארץ איז איינס. די געדאנקען וועלן זיין די זעלבע דערהויבענע, וועלכע וועלן אונז לערנען צו גיין אין גלייכן וועג, און טאָן גוטע מעשים.

איך גראטוליר דעם רב און אונזער קאָנגרעגיישאָן און דריק אויס מיין טיפסטען גלויבן, אז אונטער זיין אָנפירערשאפט וועט אונזער קאָנגרעגיישאָן דערהויבן ווערן צום העכסטן פרעסטיזש, וואָס אונזער שול פאַרדינט.

———:———

י.

ביי א צאתך לשלום באנקעט לכבוד אַ פרעזידענט פון א פאראיין

ווירדיגער פרעזידענט, ברידער און געסט!

מיר זיינען דאָ אלע פארזאמעלט צו נעמען אבשייד פון אונ־זער ווירדיגן פרעזידענט פאר זיין פאָרן אין יוראָפּ.

מיר דארפן אלע דאנקען דעם פרעזידענט פאר זיין באשלוס צו פאָרן, וואס דורך דעם האָט ער געשאפן די געלעגענהייט, אז מיר אלע ברידער זאָלן פארברייגגען אן אָוועט אין פארגעניגן און ארומריידן וועגן אונזער הייליגע ארבייט אין דער נאָבעלער זאך, וואס בינדט אונז אלעמען צוזאמען.

יעדע ארבייט פון א געזעלשאפט, ווענדט זיך אין א גרוי־סער מאָס אָן פרעזידענט. אַ פאסיקער פרעזידענט מאכט אויפ־לעבן די אים אנפערטרויטע זאך. ווען מיר זעגענען זיך מיט'ן פרעזידענט אויף א ווײלע, ציען מיר גלייכצייטיק אויך אויף א סך הכל פון דער ארבייט פון דער געזעלשאפט. דער חשבון איז ביי אונז, ווירדיגע ברידער, זייער א פריילאכער. מיר דארפן זיך גאָר ניט ארײנלאָזן אין פרטים, יעדער ברודער וואס אינטערע־סירט זיך מיט דעם לעבן פון אונזער פאראיין, זעט מיט אָפענע אויגן, וואס דער פאראיין האָט אויפגעטאָן אונטער דער אנפי־רונג פון אונזער ווירדיגן פרעזידענט.

די באדינגונגען זיינען ביי אונז געווען שווערע. עס האָבן אונז געפעלט די מיטלען אויסצופירן אונזערע פלענער, אָבער דאָך האָבן די שטארקע ענערגיע און אונמידליכע ארבייט פון אונזער פרעזידענט אלעס איבערגעשטארקט, און מיר האָבן אלעס דערגרייכט.

און ווייסט איר, ליבע ברידער, וואס איז געווען דער כח, וואס האָט אים געוועקט און געמינטערט צו דער ארבייט? — דאָס איז געווען די אמונה, דער גלויבן אין אונזער נאָבעלע טאט, אין די הייליגע צילן, וואס מיר האָבן זיך געשטעלט.

אויף אונזער פרעזידענט קען מען טייטשן דעם מי שברך, וואו עס שטייט: „וכל מי שעוסקים בצרכי צבור באמונה" מיינט עס אלע וועלכע זיינען זיך עוסק בצרכי צבור, ניט האָבענדיק גרייט די מיטלען דאָס דורכצופירן, נאָר די אמונה פאר דער זאַך. אויף זיי קען מען אויספירן די אנדערע העלפט, אָט די אלע ברכות „הקב"ה ישלם שכרם" און אזוי ווייטער.

מיר ווינשן די אלע ברכות אונזער פרעזידענט און האָפן אז זיינע גוטע טאַטן וועלן אים ביישטיין ביי דער רייזע, אז ער וועט פון איר הנאה האָבן, וועט געניסן פארגעניגן און באקומען דעם פארדינטן אָפרו.

מיר האָפן אים צו באגעגענען צוריק אָן אָפגעפרישטן, פול מיט מוט און ענערגיע צו דער פאָרטזעצונג פון דער ארבייט, די אויפלעבונג פון אונזער פאראיין.

מיר זאָגן יהי צאתך ובאך לשלום.

———:———

יא.

ביי אַ סיום הספר

ווערטע פריינט, שוועסטער און ברידער פון שול און געסט!

מיר פייערן דאָ די התחלה וסיום הספר. מיר באַרייכערן אונזער שול מיט נאָך א ספר תורה, וואָס אונזער ווירדיגער ברודער האָט באַוויליגט צו מנדב זיין פאר'ן שול.

עס איז א צווייענדיקער יום טוב ביי אונז. עס איז א יום־טוב ביי אונזער שול, וואָס האָט צוגעקראָגן אזא טייערע צירונג — א ספר תורה — און עס איז א יום־טוב ביי אונזער ברודער, וואס האָט זוכה געווען דאָס צו מנדב זיין.

דער יום טוב פון אונזער ברודער איז גרעסער ווי פון שול ווי אונזערע חז"ל האָבן געזאָגט: „שלשה כתרים הם, כתר תורה, כתר מלכות, כתר כהונה וכתר שם טוב עולה על כולם". ביי אונזער שול איז עס א כתר תורה, די קרוין פון דער תורה, וואָס באשיצט אונזער שול, ביי אונזערע ברידער אָבער איז עס כתר שם טוב, זיין שם טוב וואס איז אויסגעקריצט אויף די עץ־חיים'ס פון דער תורה, ווען אונזערע קינדער וועלן לייענען אין דער תורה וועלן זיי זען זיין שם טוב, איז עולה על כולם, איז העכער פון אלע.

ווענן דער הייליגקייט פון דער תורה איז איבעריק פאר מיר צו ריידן. עס איז אלעמען באוואוסט, אז די תורה דאס איז דער סוד פון אונזער עקזיסטענץ. דער ארון קודש ווערט אָנגערופן

קודש, ווייל אין אים געפינען זיך די ספרי תורה און די שול איז הייליג, ווייל אין איר געפינט זיך דער ארון קודש מיט די ספרים. אונזער ברודערס נאָמען ווערט אויך הייליג, ווייל ער געפינט זיך אין ארון קודש צוזאמען מיט די הייליגע ספרים.

עס זיינען דאָ פארשידענע וועגן פון שטיצן דער תורה. ווען מען שטיצט תלמידי־חכמים, לומדי־תורה, ווערט עס אָנגערופן ווי מען שטיצט דער תורה. דער שכר ווערט געטיילט, און עס ווערט פאררעכענט ווי מען וואָלט אליין געלערנט. אויך אז מען שרייבט א ספר תורה און מען איז איר מנדב אין שול, און מענשן קומען און לערנען אין איר, ווערט עס פאררעכענט, ווי דער ברודער וואָלט אליין געלערנט און ער קריגט א חלק אין שכר.

עס איז דעריבער דעם ברודערס יום טוב דער גרעסטער און מיר אלע ברידער פרייען זיך מיט זיין פרייד.

מיר פרייען זיך אבער אויך מיט דער שול, וואס איז באַ־קרוינט געוואָרן מיט נאָך א כתר תורה. די שול, איז דאָס אייגענ־טום פון אלע ברידער און דאס איז יעדען איינעמס שמחה.

גאָט זאָל געבן מיר זאָלן אָפט זיך פרייען אין אזוינע שמחות און פיל פון אונזערע ברידער זאָלן זוכה זיין צו אזא זכות פון מכנים זיין א ספר תורה.

———:———

יב.

ביים לייגן אַ גרונטשטיין פאר א שול

(אין א קאַנטרי שטאָט פון ווינציק אידן)

ווערטעם פובליקום!

מיר האָבן זיך דאָ פארזאַמעלט צו לייגן א קאָרנער-שטיין פאר דער שול, וואס מיר גייען בויען.

עס איז א וויכטיקער היסטאָרישער מאָמענט פאר אונזער געמיינדע. עס וועט אריבערלויפן א קורצע שטיקל צייט און אויף דעם אָרט וועט זיין אויפגעבויט א פראכטפולער און שיינער בנין, וועלכער וועט טראגן דעם נאָמען פון אונזער געמיינדע און וועט זיין אונזער בית המקדש, וואו מיר וועלן קומען אויסגיסן אונזער הארץ פאר גאָט ברוך הוא, דאנקן אים פאר די גוטס וואס ער טוט מיט אונז און בעטן אויף ווייטער.

די שול וועט זיין דער צענטער פון אונזער געזעלשאַפט-ליכן און אידישן לעבן. ארום דער שול וועלן מיר זיך אלע קאָנ-צענטרירן און די שול וועט אונז האלטן געקניפט צוזאמען.

דער טאָג איז דעריבער פאר אונז אידן אין דער שטאָט א היסטאָרישער. פון דעם טאָג ווערט דאָ אויפגעבויט ניט נאָר א שול, נאָר א אידישע קהילה. ביז אהער זיינען מיר נאָר געווען באזונדערע יחידים אידן. צווישן די פארזאַמעלטע געפינען זיך פיל, וועלכע זיינען געווען די ערשטע פיאָנערן אידן ביי אונז אין שטאָט. אלס וואנדערער זיינען זיי דאָ געקומען עלענדע און דער-

שלאָגענע. זיי האָבן אפילו ניט גערעכנט דאָ זיך אָפּצושטעלען און בויען זייער געצעלט. אבער גאָט ברוך הוא האָט זיי גע־האָלפן און זיי האָבן דאָ געפונען א רו־פלאץ פאר זייערע מידע ביינער. זיי האָבן זיך דאָ באזעצט, זיך פארנאנדערגעבליט, אויפ־געבויט הייזער, געבוירן און ערצויגן קינדער, זיי חתונה גע־מאכט און מיט דער צייט פארנומען און פארנעמען נאָך יעצט די אנגעזעענסטע ערטער אין שטאָט.

עס האָט זיך טאקע געפילט ווי א חלול הקדוש, אז פאר זיך האָט מען זיך מיט אלץ באזארגט, נאָר אָן גאָטס הויז האָט מען פאר־געסן. איצטער אָבער האָבן מיר אונזער חוב ערפילט. מיר האָבן געלייגט א יסוד אויך פאר אונזער גייסטיקן לעבן. אמת, מיר זיינען קליין אין צאָל, אבער די ביסעלע ברידער אידן וואס מיר זיינען דאָ וועלן מיר אלע זיין פארבונדן ארום דער שול. די שול וועט אויך מערן די צאָל פון אונזערע אידן. עס וועלן צוקומען צו אונזערע רייען אזוינע אידן וואס מיר ווייסן פון זיי ניט. ארום דער שול וועלן אויך אויפלעבן נאָך אידישע אינסטיטושאָנס.

מיר וועלן אויך מיט דער צייט האָבן א תלמוד־תורה אוואו צו לערנען אונזערע קינדער, זיי זאָלן קענען זיין אידן, כדי אונ־זער מי זאָל ניט זיין אומזיסט און אונזער צוקונפטיגער דור זאָל פון אונז ניט אָפּגעריסן ווערן.

עס איז ברידער ניט נאָר א ווינקעלשטיין פאר א שול, נאָר דער ווינקעלשטיין פאר אונזער צוקונפט.

גרוים און הייליג איז דער טאָג פאר אונז. א גרויסער יום־טוב ביי אונז אידן אין דער געמיינדע.

———:———

יג.

ביים גרעדיואיישאָן באנקעט פון אַ זון

(פון היי־קול)

ליבער זון און טייערע געסט!

מיר פייערן דאָ אלע די שמחה, וואס דו, מיין זון, האָסט געענדיקט די היי־סקול. דו ביזט גליקליך, מיין זון, וואס דו באַזיצסט א בילדונג, וואס מאכט אנגענעמער דעם לעבן. די וועלט איז פאר דעם געבילדעטן מענשן גאָר פיל ברייטער און גרעסער. מען איז פאראינטערעסירט אין פיל זאכן, וואס דער איינפאכער מענש ווייס גאר ניט פון זייער עקזיסטענץ. דאָס לעבן קריגט א טיפערן זין און עס איז גרינגער איבערצוטראָגן אלע שוועריגקייטן, וועלכע באגעגענען זיך אין וועג.

מיר, דיינע עלטערן, זיינען גליקלאך, וואס מיר האָבן פאר דיר געשאפן די אלע מעגליכקייטן און באַרייכערט דיין לעבן.

מיר בעטן דערפאר ביי דיר קיין באצאָלט נישט. אונזער אָפּצאָל איז די צופרידענהייט און גליק פון אונזערע קינדער.

איין זאך פארלאנגען מיר יא פון דיר, מיין זון, און דאָס איז, אויסנוצן די השכלה אין דער גוטער זייט.

די בילדונג איז „א שטעקן מיט צוויי עקן". אין דער רעכטער זייט גיט עס ערפארונג און חכמה, לערנט דעם מענשן ווי זיך צו באהערשן פון שלעכטע זאכן און אויסצובעסערן די מדות, פאר־

קערט ווידער, און דער לינקער זייט ווייזט זי אויף דעם מענשן וועגן פון זינד און פארברעכן. ער דערגייט דורך לעזן ביכער שלעכטע עצות, וואס אנדערע פארברעכער האָבן אויסגעטראכט.

מיר, די עלטערן, פארלאנגען פון דיר, אונזער קינד, דו זאָלסט אויסקלייבן דאס גוטע און אוועקווארפן דאָס שלעכטע. דו זאָלסט גיין אין לעבן אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס מיר האָבן דיך געלערנט.

דאמאָלט וועסטו זיין צו גלאנץ און שיינקייט פאר אונזער משפחה, און דאס וועט זיין אונזער אָפּצאָל און אונזער שכר.

מיר דאנקען אייך, ווערטע געסט, פאר אייער באערן אונז מיט אייער קומען. ביי שמחות פון אייערע קינדער וועלן מיר אייך אין פריידן אָפּדינען.

———:———

יד.

צו א גראדיואיישאָן פון אַ טאָכטער

ליבע טאָכטער און ווערטע געסט!

עס איז די שמחה פון דעם ענדיגן די היי־סקול ביי אונזער טאָכטער גרעסער ווי די זעלבע שמחה ביי אונזערע זין.

די באדינגונגען פון לעבן זיינען אזוי, אז שפעטער ווען די פרוי האָט חתונה און הויבט אָן פירן א פאמיליען־לעבן, איז איר גורל א שווערער. דאָס הויז רויבט ביי איר אוועק איר גאנצע צייט. די ברייטע וועלט ווערט כמעט ווי אָפגעשלאָסן פון איר. זי האָט ניט קיין מעגליכקייט אלעס צו זען און אומעטום צו זיין. זי איז געבונדן צו איר היים, קינדער און מאן. אויב אבער די פרוי איז געבילדעט פון פריער, ברייגנט זי די ברייטע וועלט צו זיך אין הויז, זי לעזט די צייטונגען, נייע מאָדערנע ביכער, זי זעט די בילדער, זי הערט לעקטשורס, מיט איין וואָרט, זי געפינט עצות ווי אָנצוהאלטן דעם בונד מיט דער וועלט, אין וועלכן זי האָט פארבראכט איר יוגענט.

אַ געבילדעטע פרוי פארשטייט אויך בעסער דעם מאן, ווייס ווי אים צו פארזיסן דעם לעבן און געווינט זיין ליבע און אכטונג.

די בילדונג, דאָס איז איר בעסטער קאָמפּאניאָן אין לעבן.

מיר זיינען דעריבער גליקליך, וואָס מיר גיבן אונזער טאָכטער אזא פריינד, וואס וועט איר באגלייטן דעם גאנצן לעבן און מאכן איר גליקליך.

אויך מאכן מיר ניט נאָר איר אליין גליקליך, נאָר אויך אונזערע צוקונפטיגע אייניקלאך.

א מוטער איז שטענדיק מיט אירע קינדער. פון א געביל־דעטער מוטער האָבן די קינדער וואס צו לערנען. זי פארשטייט בעסער דאָס קינד און ווייס ווי אין אים צו ענטוויקלען די פעאיג־קייטן און גוטע מדות.

מיר האָבן ניט נאָר דיר געמאכט גליקליך, נאָר מיר האָבן אונז אליין דערמיט אויך א טובה געטאָן.

אַ געבילדעטע טאָכטער איז אויך א מער דאנקבארע קינד צו אירע עלטערן. זי ווייס אָפּצושאצן די מי און זאָרג, וואָס אירע עלטערן זיינען אויסגעשטאַנען און האלט עס טייער.

מיר האָבן דעריבער דיר, ליבע טאָכטער, איינגעקויפט פאר א טרייען פריינט פאר'ן גאנצן לעבן.

אונזער שמחה איז דעריבער גרוים און מיר דאנקען די געסט פאר זייער אנטיילנעמען אין אונזער פרייד און אונז באערן מיט זייער אנוועזנהייט.

טו.

ביים שטעלן אַ מצבה

ווערטע פריינט, קינדער פון איין משפחה!

מיר אלע, קינדער און פריינט, רינגלען ארום דעם קבר פון אונזער טייערן ר׳ . . . פאר וועמענס אנדיינקן מיר גייען שטעלן א מצבה.

אויף דער מצבה שטייט אויפגעשריבן, אז דאָ ליגט ר׳ . . . וועלכער איז געווען א פיינער איד און ערהויבענער מענש. אָבער זאָגן אונז עפּעס אָט די שטומע ווערטער? דערציילן זיי אונז כאָטש עפּעס, וואס אונזער ר׳ . . . איז ווירקליך געווען אין זיין לעבן? ניין, אָט די שטיינערנע ווערטער זיינען האַרט ווי דער שטיין אליין און ניט פאר אונז איז די מצבה געמאכט געוואָרן. די מצבה איז פאר די קומענדיגע דורות, מען זאָל וויסן דעם אָרט אוואו דער נפטר ליגט, פאר אונז אבער האָט אונזער פריינט ר׳ . . . דער קרוין פון אונזער משפחה איבערגעלאָזן אַן אנדער מצבה, און ניט איינע נאָר א סך און ניט פון שטיין נאָר פון בלוט און פלייש. זיינע ווירדיגע קינדער — זיי זיינען זיינע מצבות. ער האָט אין זיי איינגעפלאנצט נאָבעלע מדות און זייערע טאַטן זיינען די בעסטע מצבות פאר אים. ער האָט אויך איבערגעלאָזן א מצבה ביי יעדן איינעם פון זיינע פריינט, וועלכע האָבן אים געקענט און זיינען געקומען מיט אים אין בארירונג. ער האָט די מצבה איינגעקריצט ביי יעדן אין הארצן, זיי זאָלן האלטן טייער און פארהייליגן זיין אנדיינקען.

מיר רינגלען אלע ארום דעם קבר, און אזוי ווי ביים לעבן איז זיין פערזענליכקייט געווען דער קרוין פון דער משפחה, אזוי איצט אויך טוט זיין אנדיינקען אונז אלעמען באשיינען און באַ-קרוינען. מיר דערמאנען זיך אָן אים, און אונזערע הערצער ווערן אויסגעלייטערט און אָנגעפילט מיט גוטע זיטן, ווי ער אליין איז געווען.

מיר שטעלן דאָ די מצבה, אונזערע קינדער זאָלן געפינען דעם אָרט וואו עס ליגט זייער עלטער-פאָטער, וועלכער האָט אויסגעטראָטן פאר זיי א וועג און וועמענס געפילן און איידעלע מדות וואס זיי וועלן באזיצן, איז עס רעשטלאך פון זיין ירושה, וואָס זיי וועלן באקומען דורך אונז, פון אונזערע עלטערן.

מיר זעגענען זיך אויך מיט'ן נפטר, און זאָגן אים צו, אז זיין לערע וועט ניט זיין אומזיסט. מיר וועלן זיך באמיען גיין אין די וועגן וואס ער האָט אונז געלערנט, און ווייטער פאָרטזעצן און אָנהאלטן דעם שיינעם אידישן שטאָט, מיט וואָס אונזער משפחה האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט.

———:———